STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10398

ANTISEMITIZM IN DER FRANTSEYZISHER ARBETER-BAVEGUNG

Zosa Szajkowski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. שיקאָווסקי

אַנטיסעמיטיזם אין דער פראַנצייזישער אַרבעטער־באַוועגונג

פון פוריעריזם ביז סוף דרייפוס־אַפערע

1906—1845

אַרויסגעגעבן פון מחבר

ניו־יאָרק

1948

Copyright 1948 by Z. SZAJKOWSKI (S. FRYDMAN)

Printed by Litho House, New York

אינהאַלט.

זײַטן

I. סאָציאַליסטישער אַנטיסעמיטיזם ביז דער דריטער רעפּובליק 1 - 7

II. ראָטשילד דער סימבאָל פֿון ייִדישקייט און ייִדישקייט דער סימ־
באָל פֿון קאַפּיטאַליזם 7 - 11

III. סאָציאַליסטישע אַנטיסעמיטן אין די 80ער יאָרן 11 - 13

IV. דער סאָציאַל־סאָציאַליזם פֿון עדואַרד דרימאָן און זײַנע פֿרײַנד 14 - 28

V. גביר־עדותן וועגן אַנטיסעמיטיזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג 24 - 29

VI. אַ פּאָר פֿאַקטן וועגן אַנטיסעמיטיזם אין די סאָציאַליסטישע רייען 29 - 38

VII. בולאַנזשיסטישער אַנטיסעמיטיזם 38 - 41

VIII. די באַציִונג פֿון די געדיסטן צום אַנטיסעמיטיזם 41 - 46

IX. די באַציִונג פֿון די אַנאַרכיסטן צום אַנטיסעמיטיזם 46 - 49

X. סאָציאַליסטן צווישן די פּיאָנערן פֿון ראַסיזם 49 - 54

XI. די שולד פֿון די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן אין אַלזשירער
אַנטיסעמיטיזם 1884 - 1900 54 - 81

XII. די געפֿאַר פֿון דעגענעראַציע אין דער פֿראַנצייזישער אַרבע־
טער־באַוועגונג ערב דער דרייפֿוס־אַפֿערע 81 - 83

XIII. בײַם אָנהייב פֿון דער דרייפֿוס־אַפֿערע 83 - 87

XIV. די שטעלונג פֿון די סאָציאַליסטן צווישן ערשטן דרייפֿוס־
פּראָצעס און דעם זאָלאַ־פּראָצעס 88 - 91

XV. פֿון דעם זאָלאַ־פּראָצעס ביז נאָכן זעלבסטמאָרד פֿון קאָלאָנעל
האַנרי 91 - 94

XVI. וואַלן, מיניסטעריעלער סאָציאַליזם, סאָציאַליסטישע אייניקייט 94 - 99

XVII. די באַציִונג פֿון די געדיסטן צו דער אַפֿערע 99 - 107

XVIII. פֿראַנצייזישע ייִדן און די אַפֿערע 107 - 111

XIX. די באַציִונג פֿון די אַנאַרכיסטן צו דער אַפֿערע 112 - 116

XX. דער דרייפֿוסיזם פֿון זשאַן זשאָרעס 116 - 121

XXI. 1845 - 1945. אָנשטאָט אַ הקדמה 121 - 126

הערות און מקורים 127 - 143

צונצעטל 144 - 146

ביבליאָגראַפֿישער צונצעטל 147 - 149

רעפּראָדוקציעס IV , 126, 143, 146, 149 - 151

ענגלישער קיצור 151 - 156

ÉTUDES SUR LA FÉODALITÉ FINANCIÈRE

L'EMPIRE INDUSTRIEL

HISTOIRE CRITIQUE

DES CONCESSIONS FINANCIÈRES ET INDUSTRIELLES

DU SECOND EMPIRE

PAR

GEORGES DUCHÊNE

Auteur de la *Spéculation devant les Tribunaux*

PARIS

LIBRAIRIE CENTRALE

9, RUE CHRISTINE, 9

ET CHEZ CALVET, 11, RUE NOTRE-DAME-DES-VICTOIRES

—

1869

Tous droits réservés.

די אנטיסעמיטישע ביכער פון ג. דישען

(זען זז' 7 און 49).

LA SPÉCULATION DEVANT LES TRIBUNAUX

PRATIQUE ET THÉORIE

DE L'AGIOTAGE

PAR

GEORGES DUCHÊNE

PARIS

LIBRAIRIE CENTRALE

24, BOULEVARD DES ITALIENS, 24

—

1867

Tous droits réservés

1866

DU MOLOCHISME JUIF

Études critiques et philosophiques

PAR

Gve TRIDON

AVOCAT

Ancien Membre de l'Assemblée Nationale, de la Commune de Paris, du Comité du Salut Public, etc., etc.

BRUXELLES

ÉDOUARD MAHEU, IMPRIMEUR-ÉDITEUR

18, RUE DES SABLES, 18

—

1884

דאס ראסיסטיש בוך פון ג. טרידאן

(זען ז' 7 און 49).

I. סאָציאַליסטישער אנטיסעמיטיזם ביז דער דריטער רעפּובליק.

די 40ער יאָרן פון 19טן י"ה זיינען געווען די גאָלדענע תקופה פון דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם אין פראַנקרייך. נאָכפאָלגערס פון סען־סימאָן (1760 - 1825) און שאַרל פוריע (1772 - 1837) האָבן אין דער תקופה אנטוויקלט דעם סען־סימאָניזם און דעם פוריעריזם. עס האָבן יעמאָלט געלעבט און געווירקט עטיען קאַבעי (1788 - 1856), פ.בושעי (1796 - 1865), פּיער לערו (1798 - 1871), פּיער זשאָזעף פּרודאָן (1809 - 1865), אויגוסט בלאַנקי (1805 - 1881), פראַנסוא עמיל באַבעף (1760 - 1797) און נאָך א סך אנדערע וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. די דאָזיקע תקופה האָט צוגעזען די רעוואָלוציע פון 1830, זי האָט אליין צוגעגרייט און דורכגעלעבט די רעוואָלוציע פון 1848.

די דאָזיקע גאָלדענע תקופה פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם האָט אויך ארויסגעגעבן דאָס ערשטע אנטיסעמיטישע ווערק אין 19טן י"ה אין פראַנקרייך, א ווערק וואָס איז געשריבן געוואָרן פון אן אוטאָפּישן סאָציאַליסט און באווירקט דעם פראַנצייזישן אנטיסעמיטיזם עד היום נאָך.

אָנגעהויבן האָט זיך עס ביי שאַרל פוריע און זיינע תלמידים.

דער פוריעריזם וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין 1831 איז געווען דורכגעפּרעסן מיט אנטיסעמיטיזם. שאַרל פוריע און זיינע תלמידים האָבן פאַרמאָגט א שפּאָר ביסל שנאה צו יידן פון זייער קאַטוילישער יוגנט נאָך, וואָס האָט שפּעטער זיך געדאָפּלט מיט דער שנאה צום סען־סימאָניזם. די פוריעריסטן האָבן פיינט באַקומען און באַקעמפט זייערע סען־סימאָניסטישע קעגנער און דער אקטיווער אָנטייל פון א פּאָר יידן אין סען־סימאָניזם האָט נאָך מער געשטויסן פוריע און זיינע תלמידים אין די רייען פון די שונאי־ישראל. מען קען צומאָל געפינען ביי פוריע א כלומרשט וואַרעמען אויסדרוק וועגן יידן וואָס קען לייכט פאַרפירן א היסטאָריקער. אזוי, למשל, האָט ער זיך אויסגעדריקט צום גונסטן א פּלאַן, אז ראָטשילד זאָל אָפּקויפן ארץ־ישראל און גרינדן א יידישע מדינה. אזוינע געדאנקען קען מען אָבער געפינען ביי א סך אנטיסעמיטן; מען דאַרף עס פאַרשטיין בלויז אין דעם זינען פון וועלן פּטור ווערן פון יידן ביי זיך, און מען דאַרף זיך אָפּהיטן פון אריינרעכענען פוריע צו די אוטאָפּישע ציוניסטן. פוריע גופא איראָניזירט חיכף, אז נאָכן גרינדן א יידישע מדינה וועט ראָטשילד עמאַנסיפּירן אויך די קריסטן. עס איז נאָנוו צו שרייבן וועגן „פּאַלעסטינער פּראָיעקט פון פוריע", ווי עס האָט לעצטנס געטאָן ע.

זילבערנער. ביי ש. פוריע קען מען געפינען א היפש ביסל שארפע ארויסטרעטונגען קעגן יידן און היסטאָריקער האָבן שוין אָנגעוויזן דערויף. פוריע איז קעגן יידן נישט מחמת יידן פארנעמען זיך מיט מסחר; ער זעט אין יידן די פארקערפערונג פון אלדאָס שלעכטס. לויט אים איז דאָס עמאנסיפירן יידן געווען א פארברעכן. ער דערגייט אפילו ביזן אטאקירן די יידישע רעליגיע וואָס ער האלט פאר שעדלעך; די יידן זיינען, לויט פוריע, א פאָלק פון גהינום.[1]

אין דער פוריעריסטישער פרעסע האָבן זיך אָפט געדרוקט אנטי-יידישע ארטיקלען פון אויגוסט קאָלען, עמיל בורדען און אנדערע פוריעריסטן.[2] בעיקר האָט אין דער פוריעריסטישער פרעסע געפירט א שטארקע אנטי-יידישע פראָפאגאנדע פוריעס תלמיד אלפאָנס טוסענעל (1803 - 1885), איינער פון די בעסטע פוריעריסטישע פראָפאגאנדיסטן, פוריעס א נאָכפאָלגער זינט 1833. אין 1839 - 1840 האָט ער מיטגעארבעט אין פוריעריסטישן אָרגאן לא פאלאנזש און שפעטער איז ער געווען צווישן די גרינדערס פון פוריעריסטישן אָרגאן דעמאקראסי פאסיפיק. ער איז אויך געווען באקאנט ווי א זאָאָלאָג, אָבער בעיקר קען מען אים דורך זיין אנטיסעמיטישער פראָפאגאנדע. זיין שנאה צו יידן האָט ער א חוץ פון זיין רבין און זיינע פריינד געירשנט אויך פון קאטוילישע קרייזן. אין די 30ער יאָרן האָט טוסענעל מיטגעארבעט אין דער אולטרא-קאָנסערוואטיווער צייטונג לא פעי,[3] וו ער האָט זיך געטראָפן מיט לוי ווייע וואָס איז שפעטער געוואָרן פירער פון קאטוילישן אנטיסעמיטיזם. די סביבה דאָרט האָט אויך זיכער געווירקט אויף טוסענעלן.

אין 1845 האָט אלפאָנס טוסענעל ארויסגעגעבן אין פוריעריסטישן פארלאג „ליברערי דע ל'עקאָל סאָסיעטער" דאָס באריםט געוואָרענע בוך קעגן יידן לע זשוויף רוא דע ל'עפאָק. היסטואר דע לא פעאָדאליטע פינאנסיער.[4] אין 1847 האָט טוסענעל ארויסגעגעבן א צווייטע אויפלאגע פון זיין בוך אין צוויי בענד צו וועלכע ער האָט צוגעגעבן א הקדמה מיט נאָך זילזולים אויף יידן. טוסענעל האָט געטענהט, אז זיין שנאה צו יידן איז אין איינקלאנג מיט דער לערע פון זיין רבין פוריע גופא און ער האָט טאקע ציטירט פוריעס געדאנקען וועגן יידן. א. טוסענעל האָט געטענהט אין זיין בוך (ב' I , זז' 7, 9, 10, 123), אז יידן באהערשן פראנקרייך, אז „די צעשפרייטע רעשטלעך פון סען-סימאָניסטישן שבט האָבן זיך פאראייניקט מיט די צעשפרייטע רעשטלעך פון שבט יהודה... די פאראייניקונג איז געווען נאָך מער נאטירלעך מחמת דער סען-סימאָניסטישער טעמפל ציילט א נשקשהדיקע צאָל געמלטע אָנהענגער". טוסענעל האָט געוואָרנט, אז יידן קענען רייך ווערן נאָר בתנאי, אז דאָס פאָלק זאָל רוינירט ווערן; אז די סען-סימאָניסטן זיינען בלויז משרתים פון די יידן אאז"וו.

ביז טוסענעלן איז די אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור אין פֿראַנקרײַך געשטיצט געוואָרן בעיקר פֿון דער קירכע. טײל מחברים פֿון אַנטיסעמיטישע ווערק האָבן געזוכט צו באַווײַזן, אַז ייִדן האָבן דערפֿירט צו דער פֿראַנצײזישער רעוואָלוציע, ייִדן ווילן באַהערשן די וועלט.[5] אַן אַנדער גרופּע האָט געטענהט, אַז ייִדן האָבן נישט געמאַכט קײן שום שריט פֿאָרויס זינט דער עמאַנסיפּאַציע, אַז זײ זײַנען ווײַטער פֿאַרבליבן ווי אַ פֿרעמדער גליד אין פֿראַנצײזישן פֿאָלק. פֿאַר דער גרופּע איז, למשל, כאַראַקטעריסטיש דאָס בוך פֿון דעם היסטאָריקער טעאָפֿיל האַלעז.[6] אַ דריטע גרופּע האָט אַטאַקירט דירעקט דעם ייִדישן דת און דערבײַ אָפֿט פֿאַרזיכערט, אַז זײ האָבן גאָרנישט קעגן ייִדישן גאָט, נאָר בלויז דער תּלמוד איז שולדיק אין אַלע צרות, בכן דאַרפֿן ייִדן זיך אָפּזאָגן פֿון תּלמוד און די רבנים[7] – אַ לאָזונג וואָס איז אָפֿט איבערגעחזרט געוואָרן אַפֿילו דורך ייִדישע משׂכּילים אין פֿראַנקרײַך. ש. פֿוריע און זײַנע תּלמידים טוסענעל און אַנדערע האָבן די ערשטע אַרײַנגעפֿירט דעם סאָציאַליזם אין דעם אַנטי־ייִדישן לאַגער, און אַנטיסעמיטיזם אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער.

ווײַזט אויס, אַז לכתּחילה האָבן געוויסע סאָציאַליסטישע קרײַזן זיך נישט געפֿילט באַקוועם מיט טוסענעלס אַנטיסעמיטיש בוך. די רעדאַקציע פֿון אַ פֿוריעריסטישער צײַטשריפֿט וווּ טוסענעל איז געווען פֿון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטערס האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי האָט אַ צײַט דאָס בוך געמוזט פֿאַרשווײַגן. אין די ייִדישע קרײַזן איז אַפֿילו געווען אַ קלאַנג, אַז דער פֿוריעריסט וויקטאָר קאָנסידעראַן האָט אַרויסגעוואָרפֿן טוסענעלן פֿון דער רעדאַקציע פֿון פֿוריעריסטישן אָרגאַן לאַ דעמאָקראַסי פּאַסיפֿיק וווּ טוסענעל האָט כּסדר אַטאַקירט ייִדן. קאָנסידעראַן האָט קריטיקירט טוסענעלן, אָבער אַלײן האָט ער אויך אַטאַקירט ייִדן. דער פּוילישער עמיגראַנט און ייִדן־פֿרײַנד יאַן טשינסקי וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער פֿוריעריסט, אָבער אויך אַ גרויסער ייִדן־פֿרײַנד, האָט פּראָטעסטירט קעגן די פֿוריעריסטישע אַטאַקעס אויף ייִדן, אַזוי האָט אויך פּראָטעסטירט דער פּויליש־ייִדישער עמיגראַנט פֿרענקל וואָס איז אויך געשטאַנען נאָענט צו די פֿוריעריסטישע קרײַזן. אָבער אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע צײַטונגען האָבן אים געלויבט, ווי די צײַטונג פֿון סאָציאַליסט קאַבע. דער באַקאַנטער פֿוריעריסט פֿראַנסואַ ווידאַל האָט געשריבן, אַז „קײנמאָל נאָך איז אַ בוך נישט געקומען אַזוי צוגעפּאַסט צום ריכטיקן מאָמענט".[8] אונטערן אײַנפֿלוס פֿון טוסענעלן זײַנען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן ייִדן טוסענעלס בני־דור, פּיער לערו, טעאָדאָר דעזאַמי און אַנדערע, אַלץ באַקאַנטע טעאָרעטיקער פֿון אוטאָפּישן סאָציאַליזם. אין 1846 האָט טוסענעל איבערגעריסן מיט זײַנע פֿוריעריסטישע פֿרײַנד; ער האָט געטענהט, אַז זײ גײען נישט אין די דרכים פֿון זײער רבין. טוסענעל האָט זיך ווײַטער פֿאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן. די פֿוריעריסטישע באַוועגונג איז

געבליבן אנטיסעמיטיש ביזן סוף, ביז זי איז אונטערגעגאנגען. בײם סוף 19טן י"ה איז פון דער פוריעריסטישער באװעגונג פארבליבן בלויז א קלײנער זכר װאס האט זיך גרופירט ארום דער צײטשריפט רענאװאסיאן, אבער אפילו בעת דער דרײפוס־אפערע איז דער קלײנער קרײז פוריעריסטן געװען שטארק אנטיסעמיטיש און האט געפרעדיקט אפילו א גירוש פון די ײדן פון פראנקרײך.[9]

טוסענעלס בוך האט געעפנט א װעג פאר די ערשטע פאפולערע בראשורן קעגן ראטשילדן און ײדן בכלל. ער איז געװארן דער רבי און װעגװײזער פון אלע שפעטערדיקע פראנצײזישע אנטיסעמיטן. זײנע געדאנקען חזרט איבער אין די 50ער יארן דער היסטאריקער און פארביסענער רעאקציאנערער אנטיסעמיט קאפעפיג װאס שרײבט, אז די ײדן און סען־סימאניסטן האבן דעם בשותפותדיקן כאראקטער־שטריך פון ספעקולאציע, נאר דער סען־סימאניזם מאכט עס מער קאלירפול, פאעטיזירט און ראמאנטיזירט. פוריעט און טוסענעלס תורה חזרט אויך איבער אין די 60ער יארן דער קאטוילישער שונא ישראל גוגענא דע מוסא װעמען היסטאריקער פאררעכענען, מיט רעכט, פארן װיכטיקסטן אנטיסעמיטישן שרײבער פון קאטוילישן לאגער אין פראנקרײך פאר עדוארד דרימאן; מען האט אבער נישט גענוג אונטערגעשטראכן דעם אײנפלוס פון דעם פוריעריסטישן אנטיסעמיטיזם אויף דע מוסא. טוסענעלן חזרט שפעטער אויך איבער דער גרעסטער שונא ישראל אין פראנקרײך עדוארד דרימאן װאס שרײבט אויך װעגן א ײדישן אײנפלוס אויפן סען־סימאניזם. לויט אים איז דער סען־סימאניזם געװען נישט מער װי א ײדישער פארזוך ארויסצוקריכן פון מאראלישן געטא, שמדן זיך האבן ײדן נישט געװאלט, שרײבט ער, במילא האבן זײ געגרינדעט די נײע סען־סימאניסטישע רעליגיע. ד"ר ישראל שאפירא איז גערעכט װען ער שרײבט אין זײן אנאליזע פון ע. דרימאנס מקורים, אז טוסענעל איז געװען דרימאנס „אומפּיטלבארער פארגײער" און רבי. עדוארד דרימאן גופא האט געקרוינט טוסענעלן פארן פארגײער פון אנטיסעמיטיזם און טוסענעלס בוך האט ער אנגערופן א גרויס װערק װאס װעט קײנמאל נישט פארשװינדן. דער אנטיסעמיט זשול גוערען װאס איז געװען דרימאנס מיטארבעטער שרײבט אויך, אז טוסענעלס בוך „איז געװען דאס ערשטע אנטי־ײדישע װערק װאס האט באמת געצױגן די עפנטלעכע אויפמערקזאמקײט אויף די ײדן און זײער ראל אין עבר און אין דער איצטיקער צײט"; אז דרימאן האט בלויז קאפירט טוסענעלן. אין מיטן ברען פון דער דרײפוס־אפערע האבן די אנטי־דרײפוסארן, אויף דער איניציאטיװ פון דעם אנטיסעמיטישן פירער גראנמעזאן געשטעלט טוסענעלן א דענקמאל אין זײן געבורט־דערפל מאנטרוי־בעלעי.

בעת דער דײטשער אקופאציע פון פראנקרײך, אין 1941, איז ארויס אין פאריז א בוך װאס האט גלאריפיצירט טוסענעלן װי א „נאציאנאל־סאציאליסט,אנטיסעמיט".[10]

אויך מאָדערנע סאָציאַליסטישע קרייזן אין די 80ער יאָרן האָבן געלויבט טוסענעלס חורה קעגן ייִדן. דער סאָציאַליסט און אַנטיסעמיט אויגוסט שיראַק וועגן וועמען עס וועט אונדז נאָך ווייטער אויסקומען צו ריידן האָט פּאַר א מאָטאָ צו זיינס אַן אַנטיסעמיטיש בוך גענומען אַן אויסצוג פון טוסענעלס בוך; אזוי האָבן שפּע־טער געטאָן אויך א סך אַנדערע מחברים פון אַנטיסעמיטישע ווערק פון נישט־סאָציאַ־ליסטישן לאַגער. אין א נעקראָלאָג נאָך טוסענעלן האָט די רעדאַקציע פון דער סאָ־ציאַליסטישער צייטשריפט לא רעווי סאָסיאַליסט געשריבן, אַז טוסענעלס בוך איז „א פּאַרדינסטפול ווערק וואָס מען וואָלט באַדאַרפט ווידער אַרויסגעבן". טוסענעלס בוך איז טאַקע פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער בוכהאַנדלונג פון דער דאָזיקער סאָציאַליס־טישער צייטשריפט. דער באַקאַנטער סאָציאַליסט בענוא מאַלאָן האָט געשריבן אין 1886 בשייכות מיט דרימאָנס בוך לא פראַנס זשויו, אַז אין פראַנקרייך איז בכלל נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, אַז טוסענעלס „וואונדערבאַר ווערק" איז בלויז א ריין אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער פּאַמפלעט אָן טענדענצן קעגן ייִדישן דת. אגב האָט מאַלאָן, וועגן וועמען עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן, די זעלביקע בלויז אַנטי־קאַפּי־טאַליסטישע טענדענצן געזען אפילו אין דער ערשטער גרעסערער אַנטיסעמיטישער צײ־טונג אין פראַנקרייך ל'אַנטיסעמיטיק. אָבער אפילו אין אַפּאָלאָגעטישע ייִדישע שריפטן (מ. י. לעוואַיאַן) קען מען צומאָל געפינען מיינונגען, אַז טוסענעלס קאַמף קעגן ייִדן איז געווען בלויז „א באַוועגונג פון פּראָטעסט און ווידערשטאַנד קעגן ייִדישע באַנקירן". אַז טוסענעלס בוך איז נישט בלויז א פּאַמפלעט קעגן סען־סימאָניסטן און ייִדישע באַנקירן נאָר אויך קעגן ייִדישן דת איז ליכט צו זען פון א פּאָר צי־טאַטן פון זיין בוך: טוסענעל חזרט איבער די באַשולדיקונג פון קרייציקן יעזוסן; „דער ייִדישער גאָט איז נישט קיין אַנדערער ווי דער שטן אליין"; ייִדן אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די פּראָטעסטאַנטן; די ייִדישע רעליגיע איז פיינטלעך און פאַטאַל פאַר דער מענטשהייט; דער תנ"ך איז דער געהיימער שליסל פון די תלייִשע פעלקער; דער ייִדישער גאָט איז אומטענטשלעך, אין זיינע אויגן איז אַרבעט נישט ווירדיק; ייִדן זיינען א באַנדע נישט נאָר פון וווכערניקעס נאָר אויך קרעציקע אאז"וו, אאז"וו. (11)

דער פוריעריזם האָט אַריינגעפירט דעם סאָציאַליזם אין אַנטיסעמיטישן לאַגער בעת דער יולי־מאָנאַרכיע. בעת דער צווייטער אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָןIII האָבן עס געטאָן פּרודאָן און זיינע פריינד.

פּיער זשאָזעף פּרודאָן האָט קיינמאָל נישט אויסבאַהאַלטן זיינע פיינטלעכע געפילן קעגן ייִדן און ער האָט זיי אַרויסגעוויזן ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנהייטן, בשייכות מיט דער רעוואָלוציע פון 1848, פּוילן, נאַפּאָלעאָן III, די סען־סימאָניסטן אאז"וו. פּרודאָן האָט געהאַט אַלע מעלות פון אַן אַנטיסעמיט אין די 40 – 60ער

יאָרן פון 19טן י״ה. הגם אן אויפריכטיקער סאָציאַליסט פון זײַן תקופה, איז ער
אײַן תוך געווען פול מיט קעגנזעצלעכע רעאַקציאָנערע אידײען. עס איז גענוג צו
דערמאָנען זײַן שטעלונג פאַר דרום בעתן בירגער־קריג אין די פאַראײניקטע שטאַטן;
זײַן ארויסטריט קעגן פוילן וואָס האָט געקעמפט פאַר זעלבשטענדיקײט אאז״וו. אויף
פרודאָנס אנטיסעמיטיזם האָבן שוין אָנגעוויזן היסטאָריקער פון פאַרשײדענע קרײַזן
און שולן, ווי למשל, דער אמעריקאַנער ײדישער היסטאָריקער י. ס. שאַפּירא וואָס זעט
אין פרודאָנען א פאָרגײער פון פאַשיזם און, להבדיל, דער נאַצי שולצע. כמעט אלע
שפּעטערדיקע שונאי ישראל האָבן געלויבט פרודאָנען. דער בעלגישער סאָציאַליסטי־
שער פירער עדמאָן פּיקאַר, א מענטש מיט א קראַנקהאַפטיקער שנאה צו ײדן, האָט גע־
שריבן, אז דער כבוד ווי א פירער פון סאָציאַליזם איז געקומען פרודאָנען און
נישט קאַרל מאַרקסן, אָבער די ײדישע אינטריגעס האָבן מחמת „ײדישן רום" אויסגע־
קליבן מאַרקסן. אין דער רעדאַקציע פון דער פראַנצײזישער מאָנאַרכיסטיש־אנטיסע־
מיטישער צײַטונג <u>אַקסיאָן פראַנסעז</u> איז במשך פון לאַנגע יאָרן געהאַנגען פרודאָנס
א בילד. פרודאָן האָט באַקעמפט די קירכע און דעריבער איז אויך די מיסטיק פון
סען־סימאָניזם אים געווען דערווידער. נאָך מער זײַנען אים געווען דערווידער די
פּראַקטישע אידײען און דאָס נתעשר ווערן פון די סען־סימאָניסטן און דאָס איז טאַ־
קע געווען אײנע פון די וויכטיקסטע סיבות פון פרודאָנס אנטיסעמיטיזם. פרודאָנס
לאָזונג איז געווען, אז אײגנטום איז גזלה און במילא האָט ער אויך באַקעמפט דעם
„פעאָדאַלן אינדוסטריאַליזם" פון די סען־סימאָניסטן צווישן וועלכע א פּאָר ײדן זײַ־
נען געווען אזוי שטאַרק אַקטיוו. הגם פרודאָן האָט געשריבן, אז טוסענעל איז דער
„גײסטרײַכסטער פון אלע סאָציאַליסטישע שרײַבער" האָט ער דאָך זיך נישט געלאָזט
גײן אויף די וועגן פון ווילדן אנטיסעמיטיזם א לא טוסענעל, ווי עס ווײַזט ריכטיק
אָן דער שונא ישראל לעאָן דאָדעי, א באַקאַנטער מאָנאַרכיסט. אין טוסענעלס דרכים
איז אוועק אײנער פון פרודאָנס נאָענטסטע פרײַנד, זשאָרזש דישען (1824 ־ 1876)
וואָס האָט אין זײַנע ווערק אָפּגעדרוקט א פּאָר פון די שאַרפסטע אטאַקעס קעגן ײדן.
זײַנע ווערק זײַנען א סך שפּעטער נאָך געלויבט געוואָרן פון אנטיסעמיטישע סאָציאַ־
ליסטן און סתם אנטיסעמיטן.[12]

דער סאָציאַליסט א. רעניאַר וואָס איז אלײן אויך געווען אן אנטיסעמיט
און וועגן וועמען עס וועט אונדז ווײַטער נאָך אויסקומען צו שרײַבן דערצײלט, אז
„די שנאה צום סעמיטיזם איז געווען אויפן סדר היום צווישן די יונגע רעוואָלוצי־
אָנערן בײַם סוף פון דער צווײטער אימפּעריע, בעיקר צווישן דער העבערטיסטישער
גרופּע". אמת, אז די זעלביקע גרופּע האָט באַקעמפט אויך דאָס קריסטנטום, אָבער
גיכער דאָס קריסטנטום ווי א „פּראָדוקט פון סעמיטיזם". אזוי האָבן זײ אויך גע־

האלטן דעם קאפיטאליזם פאר א פראָדוקט פון סעמיטיזם. איינער פון די אקטיווסטע טוער פון דער גרופע איז געווען דער באקוניסט גוסטאוו טרידאָן וואָס איז שפּעטער געוואָרן א מיטגליד פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער פאריזער קאָמונע. נאָך פאר דער פאריזער קאָמונע האָט ער אָנגעשריבן איינס פון די ווילדסטע אנטיסעמיטישע ביכער אין פראנקרייך אין 19טן י"ה (דער ייִדישער מולכיזם) וואָס איז אָבער אָפּגע־דרוקט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט אין בריסל (1884). שוין בלויז דער נאָמען פון בוך זאָגט עדות וועגן כאראקטער פון אנטיסעמיטיזם פון דעם קאָמונאר טרידאָן וואָס זוכט צו באווייזן, אז ייִדן זיינען תמיד געווען א ווילד פאָלק, האָבן געבראכט מענטשלעכע קרבנות אאז"וו. די ייִדן, שרייבט ער, זיינען דער שווארצער פלעק פון דער ציוויליזאציע, דאָס בייזע אויג פון דער ערד. באקעמפן דעם סעמיטישן גייסט און אידייען איז בכן די אויפגאבע פון דער ארישער ראסע.[13]

II. ראָטשילד דער סימבאָל פון ייִדישקייט און ייִדישקייט דער סימבאָל פון קאפּיטאליזם.

אין גייעג נאָך לאָזונגען און פאָרמולעס וואָס זאָלן אויסנעמען ביי די מאסן אָן צו דארפן א סך טראכטן, האָבן אויך סאָציאליסטן געהאָלפן שאפן די לעגענדע, אז ראָטשילד איז דער ייִדישער קעניג; אז ראָטשילד און דאָס ייִדישע פאָלק זיינען דער סימבאָל פון קאפּיטאליזם.

בעת דער דרייפוס־אפערע האָט דער באקאנטער סאָציאליסטישער פירער אוידזשען פורניער געשריבן: „מיר האָבן געגעבן דעם נאָמען פון א מענטש צו יעדער אידייע, צו יעדער לייַדנשאפט... מיר האָבן געהאט דעם גאָט — מארקס, און דעם טייוול — ראָטשילד". דער דרייפוטאר פיער לאקור האָט דערקלערט אויף א מיטינג דעם 29סטן יוני 1898: „דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך אין אָנהייב פארדעקט מיט דער מאסקע פון סאָציאליזם... און אים איז געלונגען צו לאָזן אין גאנג די מיינונג, אז יעדער ייִד איז א פינאנציסט". יעמאָלט, בעת דער דרייפוס־אפערע, האָט די בארימטע קאָמונארקע לויז מישעל געשריבן, אז די מלכים פון פינאנץ זיינען צו געפינען אומעטום, און נישט נאָר צווישן ייִדן:

Amis, les rois de la finance
Sont de partout dans l'univers.

אָבער אזוינע ווערטער קעגן פארוואנדלען ראָטשילדן אין א סימבאָל פון ייִדישן פאָלק און דאָס ייִדישע פאָלק אין א סימבאָל פון קאפּיטאליזם, האָט מען פאר דער דרייפוס־אפערע זעלטן געהערט אין די רייען פון דער פראנצייזישער ארבעטער־באוועגונג. פונקט ווי מען וואָלט נישט געקענט אטאקירן דעם באנקיר ראָטשילד אָן

ו באשמוצן דערבײַ דאָס ײדישע פאָלק! אז מען װאָלט געװאָלט, װאָלט מען עס יאָ גע־
ענט טאָן. אין דעם טײל פון דער אנארכיסטישער פרעסע װאָס איז נישט געװען
נטיסעמיטיש (לע פער פענאר און אנדערע) קען מען טאַקע באגעגענען די שארפ־
טע אָנפאלן אויף ראָטשילדן, אפילו א גאנצע צײַטונג לע ראָטשילד, און דערבײַ
ערט דאָרט קײן אײן מאָל נישט אונטערגעשטראָכן, אז ראָטשילד איז א ײד.[14]

צי איז דאָס פארװאנדלען ראָטשילדן װי א ײד אין א סימבאָל פון קאפי־
אל געװען בלויז א פאָלקלאָר אויסדרוק, א מין טראדיציע, אן אימפולס, אָדער עס
יז געטאָן געװאָרן דורכגעטראכטערהײט, מיט א געװיסן טײַװלאָנישן ציל? גיכער
יז צו גלויבן, אז פונקט אזוי װי עדואַרד דרימאָן און זײַנע מיטארבעטערס האָבן
עזוכט אויסצונוצן די ארבעטער־באװעגונג פארן אנטיסעמיטיזם, אזוי האָבן טײלן
ון דער ארבעטער־באװעגונג געזוכט אויסצונוצן דעם אנטיסעמיטיזם פארן סאָצי־
ליזם. דער אנטיסעמיטיזם האָט צוגעצויגן מאסן, במילא האָט זיך געלוינט צו
רײַבן אנטיסעמיטיזם בכדי צו געװינען די מאסן פארן סאָציאליזם. דער באקאנ־
ער פראנצײזיש־ײדישער אנארכיסט בערנאר לאזאר האָט אין זײַן געשיכטע פון אנטי־
עמיטיזם (1894) אזוי כאראקטעריזירט די באציִונגען צװישן אנטיסעמיטיזם און
דעם סאָציאליזם: „די דאָזיקע אנטיסעמיטישע באװעגונג, רעאקציאָנער אין איר
שורש, פארװאנדלט זיך צום געװינס פון דער רעװאָלוציע. דער אנטיסעמיטיזם
רײצט אויף דעם מיטלקלאס, דאָס קלײנבירגערטום, און צומאָל אויך דעם פויער ,
קעגן די ײדישע קאפיטאליסטן; אָבער ער פירט זײ אויך ביסלעכװײַז צום סאָציא־
ליזם, ער גרײט זײ צו פאר דער אנארכיע, פירט זײ צו דער שנאה פון אלע קאפי־
טאליסטן, און בעיקר פון קאפיטאל”. װײַטער װעט אונדז נאָך אויסקומען צו צי־
טירן מער אזוינע דערקלערונגען װאָס באװײַזן קלאָר, אז טײל סאָציאליסטן – פון
די אוטאָפישע ביז די מאָדערנע סאָציאליסטן – האָבן זיך באנוצט מיט אנטיסעמיטיזם
װי מיט א מיטל צו געװינען די מאסן פאר סאָציאליזם. בכדי דאָס צו דערגרײכן
האָט מען פארשפרײט דעם לאָזונג, אז דער ײד איז דער סאמע װיכטיקסטער אונטער־
שטיצער פון קאפיטאליזם און, אז יעדער ײד איז א קאפיטאליסט. די אנארכיסטי־
שע צײַטונג לע פער פענאר האָט אין 1890 אזוי געשילדערט די שטימונג װאָס איז
געשאפן געװאָרן צװישן ארבעטער: „דער ײד, מיט אײן װאָרט, איז דער אמתער אונ־
טערדריקער, ער איז א קינסטלער אין זײַן געמײנקײט, אין מאכן שװיצן די מאסן,
אין זויגן זײער בלוט; אים געהערט די מטבעה. אָט פארװאָס אין אטעליעס, אין די
פאבריקן, אומעטום שפײַט מען אין פרצוף פון בורזשוי, פון בעל־הבית: „דו ביזט
א שמוציקער ײד! דו ביזט א שמוציקער ײד!”.[15]

בעת דער יולי־מאָנארכיע, דער צװײטער אימפעריע און אין די ערשטע

ציטן פון דער דריטער רעפובליק האָבן די אוטאָפּישע און מאָדערנע סאָציאַליסטן טו סענעל, פּרודאָן, ג. דישען, ג. טרידאָן, א. שיראַק, ב. מאַלאָן, ק. הוגעס און נאָך אַנדערע וועגן וועלכע עס וועט אונדז אויסקומען ווייטער צו שרייבן נאָכגעפאָלגט די אַנטיסעמיטן פון רעכטן לאַגער ביים פאַרשפּרייטן דעם לאָזונג, אַז כמעט יעדער ייד איז אַ קאַפּיטאַליסט, און כמעט יעדער קאַפּיטאַליסט איז אַ ייד, אָדער שטאַמט פון יידן, אָדער ער איז באַווירקט פון יידן. עס איז געווען אַ לאָזונג וואָס האָט זיך גע־לאָזט לייכט פאַרשפּרייטן צווישן אַלע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, הן צווישן די אַר־בעטער, הן אין די רעכטע קרייזן (בעת דער צווייטער אימפּעריע האָט אַזאַ ערנצטע צײַ־טונג ווי פיגאַראָ געשריבן: אַ ייד איז דער וואָס קען איבערצייגן, אַז 2X2 = 3. אַנ־דערע צײַטונגען (לע סיעקל, זשורנאַל דע האַוור) האָבן געמאַכט אַ חשבון, אַז אין פּאַריז האָט יעדער נישט־ייד 300 פראַנק רענטע דורכשניטלעך און יעדער ייד – 12,500 פראַנק, 42 מאָל מער). בעת די פּאָגראָמען וואָס זײַנען אויסגעבראָכן אין עלזאַס צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע פון 1848 האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס נאָכן אָפּ־רעכענען זיך מיט יידן געטענהט, אַז די רײַכע קריסטן זײַנען אויך בלויז איבערגע־טאָנענע יידן – דעמאָלט ערשט האָט די מאַכט אײַנגעשטילט די אָנפאַלן. אַ פראַנצײַזיש־יידישע צײַטשריפט האָט זיך יעמאָלט באַקלאָגט, אַז מ'האָט געזען סאָציאַלע קאָרופּציע בעיקר אין דער סינאַגאָגע.[16] סאָציאַליסטן וואָס זײַנען געווען באמת אויפריכטיקע קעמפער פאַר אַ בעסערער מענטשהייט און געניאַלע אַנאַליטיקער פון דער לאַגע, דער נוים און באַדערפעניש פון די פראַנצײַזישע מאַסן, האָבן זיך נישט געקענט באַ־פרייען פון זייער שנאה צו יידן און מודה זײַן, אַז עס זײַנען אויך פאַראַנען יידישע אָרעמעלײַט אין פראַנקרײַך.

עס וואָלט מסתמא געווען לגמרי איבעריק צו פּרוּוון אין דער אַרבעט באַ־ווײַזן, אַז נישט אַלע יידן אין פראַנקרײַך זײַנען געווען רײַך, אַפילו אין 19טן י"ה. דאָס שמעקט צופיל מיט אַפּאָלאָגעטיק. דער אמת איז אָבער, אַז אַפילו בײַ יידן איז פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז יידישע אָרעמקייט איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג בעיקר אין מזרח־אייראָפּע, אין נאָך אַ פּאָר לענדער, אָבער נישט אין אַזאַ מערב־אייראָפּעיש לאַנד ווי פראַנקרײַך, וווּ די יידישע אָרעמקייט זאָל זיך האָבן באַוויזן ערשט צוזאַמען מיטן שטראָם פון יידישע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע בײַם סוף פון 19טן י"ה און אָנהייב 20סטן י"ה. אַפילו דער פראַנצײַזיש־יידישער היסטאָריקער ראָבער אַנשעל מיינט, אַז בדרך הכלל זײַנען פראַנצײַזישע יידן גיך דערגאַנגען צו אַ העכערן סאָצי־אַלן שטאַנד און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קלײנבירגער.[17] עס איז דעריבער כדאי צו ברענגען אַ פּאָר פאַקטן וואָס באַווײַזן פּונקט דאָס פאַר־קערטע.

אין 1838 האָבן 1,828 ייִדן אין פאריז געלעבט פון הילף פון צדקה־
קָמיטעט, הגם אלע חוץ זקנים און קליינע קינדער האָבן געהאַט פראָפעסיעס בײַ
אכה אָדער האנדל. א בילד פון דער ייִדישער אָרעמקייט באַקומט זיך בולט פון
ער צאָל טויטע וואָס זײַנען באַגראָבן געוואָרן אויף קהלס חשבון, וואָס בײַ ייִדן איז
ס תמיד געווען א חרפה. אין 1838 זײַנען פון 173 טויטע ייִדן 121 באַגראָבן גע־
אָרן אויפן חשבון פון צדקה־קאָמיטעט, אין 1841 – 105 פון 190 טויטע, אין
184 – 152 פון 239 טויטע, אין 1858 – 247 פון 400 טויטע, אין 1862 – 245
ון 477 טויטע, 1863 – 349 פון 580 טויטע אאז״וו. ד״ה, אז אין פאריז האָבן
אָרעמעלײַט צוגעשטעלט איבער 60 פראָצענט פון אלע טויט־פאלן צווישן ייִדן. פון
וואָס מ'האָט פאר זיי באַצאָלט פאר די קברים, איז אויך א העלפט בלויז געווען
אר אייביקע קברים און די אנדערע העלפט פאר צײַטווײַליקע קברים. אין 1856,
משל, זײַנען פון 372 טויטע באַגראָבן געוואָרן 210 אויף קהלס חשבון. פון די
אצאָלטע לוויות איז אין דעם יאָר נישט געווען קיין איינע מיט א צערעמאָניע פון
עם ערשטן קלאַס. עס זײַנען געווען: 2טער קלאַס (300 פראנק) – 2, 3טער קלאַס
200 פראנק) – 7, 4טער קלאַס (100 פראנק) – 8, 5טער קלאַס (50 פראנק) – 22,
טער קלאַס (28 פראנק) – 60, 7טער קלאַס (12 פראנק) – 63. אין פאריז האָבן
ויטן צענזוס פון 1851 געוויזן 10,719 ייִדן. אין דעם יאָר האָבן 2,138 ייִדן
19,8 פראָצענט) געלעבט פון צדקה פון פילאנטראָפישן קאָמיטעט. צוזאַמען מיט
4 אויסלענדישע ייִדן וואָס האָבן אויך באַקומען צדקה קומט אויס, אז 20 פראָצענט
ון דער פאריזער ייִדישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פשוטע אָרעמעלײַט, הגם
'רוב פון זיי האָבן געהאַט פראָפעסיעס (46 – טאָג־ארבעטער, 2 שלאָסערס, 128
ענדלערס אאז״וו. 213 קינדער האָבן זיך געלערנט פראָפעסיעס). אן עלזאַסער
אָרשער האָט פעסטגעשטעלט (1860), אז אין דער נידער־ריין איז בײַ ייִדן די אָרעמ־
ײַט געווען 50 פראָצענט גרעסער ווי בײַ ניט־ייִדן. אין די 50ער יאָרן האָבן פון
5 קהילות אין דער רעגיאָנאַלער קאָנסיסטאָריע פון קאָלמאַר בלויז 27 געהאַט רעגו־
ערע בודזשעטן. אין די אלע קהילות האָט דער יערלעכער בודזשעט אויסגעמאַכט
ורכשניטלעך בלויז 3,7 פראנק פער פערזאָן און פלייש האָט מען דאָרט געגעסן אזוי
ײניק, אז די הכנסה פון דער טאַקסע פאר כשרות האָט נישט באַטראָפן קיין גאַנצן 1
ראנק פער פערזאָן. שוין אין 1789 האָט דער מעצער ייִדישער שתדלן בער בינג
עשריבן, אז צוויי דריטל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג גייט אויס פון הונגער.
ייִדישער עלזאַסער סאָלדאַט פון נאפּאָלעאָנס צײַטן (גבריאל שראַמעק) דערציילט אין
ײנע זכרונות ווי ער האָט געוואַנדערט פון ישוב צו ישוב בכדי צו פאַרדינען אויף
שטיקל ברויט. די קינדער זײַנען געקומען אין די שולן אָן פרישטיק. פון בערך

3,000 ידישע משפחות אין דער רעגיאָנאַלער קאָנסיסטאָריע פון קאָלמאַר האָבן בלויז 900 געקענט צאָלן שטייערן (1828) און אין מעץ - בלויז 226 פון 450 משפחות. גאַנצע מחנות ידישע בעטלערס האָבן משפחהוויז זיך ארומגעשלעפט איבער די ידישע ישובים פון עלזאַס-לאָטרינג. אין 1820 - 1822 האָבן זיך נאָר אין אויבער-ריין אליין געפונען 300 ידישע בעטלערס און ארום 1850 האָבן אין עלזאַס-לאָטרינג געלעבט 200 ידישע משפחות פון וואַנדערנדיקע בעטלערס און 600 אנדערע ידישע משפחות האָבן געלעבט צום טייל פון צדקה. אין 1809 האָבן 794 משפחות (2,609 נפשות) פון דער מאַרסעלער קאָנסיסטאָריע וואָס האָט ארומגענומען 8 דעפּאַרטאַמענטן פון דרום-פראַנקרייך, פאַרמאָגט אַלע צוזאַמען 8,936,100 פראַנק, אָבער בלויז 335 פון זיי האָבן געהאַט גענוג געלט אויף צו קענען צאָלן טאַקסע, די אנדערע 459 זיינען געווען צו אָרעם. 355 משפחות האָבן פאַרמאָגט 8,926,000 פראַנק, ריכטיקער - בלויז 304 משפחות, ד"ה דורכשניטלעך 29,361 פראַנק פער משפחה. אָבער פּאַקטיש האָבן 72 משפחות פאַרמאָגט פון 300 ביז 5,000 פראַנק פער משפחה, 53 - פון 6,000 ביז 10,000 פראַנק, 66 - פון 12,000 ביז 25,000 פראַנק אאז"וו. ווען מען נעמט אין באַטראַכט די קליינע צאָל ידן אין פראַנקרייך (בערך 80,000 פאַר גאַנץ פראַנקרייך, עלזאַס-לאָטרינג אריינגערעכנט, ביז די 80ער יאָרן), ווערט די ידישע אָרעמקייט נאָך בולטער.[18]

III. סאָציאַליסטישע אַנטיסעמיטן אין די 80ער יאָרן.

דאָס ערשטע גרויסע אַנטיסעמיטיש ווערק בעת דער דריטער רעפּובליק האָט אָנגעשריבן דער סאָציאַליסט אויגוסט שיראַק (געב' אין 1838) וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע אין אָנהייב פון די 70ער יאָרן מיט לייכטע קאָמעדיעס.[19] שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן איבער עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ביים פאָרשן גענויער די אַנטוויקלונג פון שיראַקס אַנטיסעמיטיזם וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אין זיינע ערשטע עקאָנאָמישע ווערק אין די 70ער יאָרן איז כמעט ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם.[20] ערשט נאָך דעם ווי ער איז געקומען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיטן סאָציאַליזם איז אַנטיסעמיטיזם געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון זיין ווערק.

א. שיראַק איז באמת געווען איינער פון די בעסטע סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיסטן אין זיין תקופה. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט אין אַלע פינאַנציעלע סקאַנדאַלן. דאָס האָט ער צוגעשטעלט דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל פאַר אַ סך סאָציאַליסטישע פאָרשלאַגן פאַר רעפאָרמעס אין פּאַרלאַמענט. שיראַק האָט אָבער אין יעדן פינאַנציעלן סקאַנדאַל, אין יעדן פרווו אונטערצודריקן די אַרבעטער-מאַסן געזוכט אַ ידישן שולדיקן, דאָס איז ביי אים געווען אַ מין קראַנקהייט וואָס האָט אים

באַסדר פאַרפאָלגט. פאַר אים איז דער ייִד געווען דער שטן וואָס האַלט צוריק די רעוואָ־לוציע. אין די סאָציאַליסטישע קרייזן האָט מען אים געקענט פאַר א רעוואָלוציאָנער וואָס האָט פיינט געהאַט פּאַציפיסטישע מיטלען פון קאַמף פאַר רעפאָרמעס. מ'האָט אַזוי געשריבן וועגן די סיבות וואָס האָבן אים געשטויסן אין די אַנטיסעמיטישע רייען:

„שיראַק האָט באַשטימט 1892 פאַר דער דאַטע פון באַנקראָט פון דער בורזשואַזיע, האָט ער בעסער אויסגעוויילט צו ווערן אַן אַנטיסעמיט ווי צו אָנערקענען לאָיאַל זיין טעות".

דער רעאַקציאָנערער אַנטיסעמיט עדואַרד דרימאָן האָט געשריבן, אַז שיראַקן האָט גע־שטויסן צום סאָציאַליזם זיין פּראָטעסט קעגן ייִדן און, ווען דאָס פאָלק וועט משפטן די פינאַנציסטן וועט שיראַק זיין דער פּראָקוראָר.[21] בשכל הישר וואָלט א סאָציאַליסט זיך געדאַרפט ערנצט פאַרטראַכטן נאָך אַזאַ שבח פון א רעאַקציאָנערן פירער, שיראַק האָט די ווערטער אָבער גענומען גאַנץ ערנצט.

דאָס וויכטיקסטע אַנטיסעמיטיש ווערק פון א. שיראַק — <u>לע רואַ דע לאַ רעפּובליק. היסטואַר דע זשוויוערי</u> („די מלכים פון דער רעפּובליק. געשיכטע פון דער ייִדישער באַנדע") — איז אַרויס אין 1883. די סאָציאַליסטישע צייטשריפט <u>לאַ רעווי סאָסיאַליסט</u> האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דאָס אַנטיסעמיטיש בוך אין נאָוועמבער 1885, בערך א האַלב יאָר איידער דרימאָן האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך <u>לאַ פראַנס זשויוו</u>. אין 1887 איז א צווייטע אויפלאַגע פון שיראַקס בוך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך <u>לאַ רעווי סאָסיאַליסט</u> וואָס האָט שוין אין סעפּטעמבער 1885 געהאַט אָנגעהויבן דרוקן טיילן דערפון. א. שיראַק האָט געשריבן נאָך אַנדערע אַרבעטן מיט אַן אַנטי־ייִדישן כאַראַקטער וואָס זיינען לכתחילה געווען געדרוקט אין לאַ רעווי סאָסיאַליסט און אין אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן.

דער סאָציאַליסט בענואַ מאַלאָן האָט געשריבן, אַז זיינט א. טוסענעל, פּרודאָן און זשאָרזש דישען איז שיראַק דער שטאַרקסטער באַקעמפער פון הויכן פי־נאַנץ. וועגן שיראַקס און אַנדער אַנטיסעמיטיש בוך פול מיט ווילדע אָנפאַלן אויף ייִדן האָט <u>לאַ רעווי סאָסיאַליסט</u> געשריבן, אַז עס „באַרייכערט דעם סאָציאַליסטישן אַר־סענאַל". די אָנגעזעענע בורזשואַזע טאָגצייטונג <u>זשורנאַל דע דעבאַ</u> האָט געשריבן אַז דאָס בוך פון דעם סאָציאַליסט איז פאַר די פינאַנציעלע קרייזן פון פראַנקרייך ווי א הקדמה צו <u>לאַ פראַנס זשויוו</u> פון דעם רעאַקציאָנער ע. דרימאָן. די פראַנצייזיש־ייִדישע צייטשריפט <u>אַרשיוו איזראַעליט</u> האָט יעמאָלט אָנגערופן שיראַקן „דרימאָנס רעכ־טע האַנט".

שווינדל האָט שיראַק באַצייכנט ווי „די ייִדישע סיסטעם"; זיינע קעגנער האָט ער אָנגערופן „עקאָנאָמיסטן פון דער פּאַראַזיטישער אָדער ייִדישער שולע". אין 1893 איז ער אַרויסגעטרעטן אויף א מיטינג קעגן באַנייען די פּריווילעגיעס פון

דער„באנק דע פראנס" צוזאמען מיט דרימאָן, דע מאָרעס און אנדערע רעאקציאָנערע אנטיסעמיטישע רעדנערס. ביי איין געלעגנהייט האָט ער דערקלערט, אז „דער אנטי-סעמיטיזם איז אן עקאָנאָמישע מלחמה פון פראנצייזישן פראָדוצירער קעגן דער יידי-שער ספעקולאציע".(22)

מיר האָבן דערמאָנט, אז שיראקס ווערק האָבן זיך געדרוקט אין דער סאָ-ציאליסטישער צייטשריפט לא רעווי סאָציאליסט וואָס איז געווען די ערשטע גרויסע טעאָרעטישע צייטשריפט פון דעם מאָדערנעם סאָציאליזם אין פראנקרייך. די צייטשריפט איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון יאנואר 1885 אָן דורך בענוא מאלאָן (1841 - 1893) וואָס איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע פערזענלעכקייטן אין סאָציאליזם.

ב. מאלאָן האָט געשטאמט פון אָרעמע עלטערן. זיין גאנץ לעבן האָט ער שווער געארבעט און נאָך דער ארבעט געלערנט. ער איז געווען א מיטגליד אין ערשטן אינטערנאציאָנאל און אין צענטראל-קאָמיטעט פון דער פאריזער קאָמונע. מא-לאָן איז געווען איינער פון די שפעטער און וויכטיקסטער פאָפולאריזאטאָר פון דעם אינטעגראלן סאָציאליזם; דעם אידעאליסטישן, דעם הומאניטארן סאָציאליזם האָט ער אוועקגעשטעלט קעגן דעם פאטאליזם און דעטערמיניזם פון קארל מארקס. ער האָט געזוכט צו קאָמפלעטירן, אויסצובייטערן און אידעאליזירן דעם מארקסיזם, אים צו מאכן נאָענטער צום הארצן. סאָציאליזם איז פאר אים געווען נישט נאָר א פראגע פון א שטיקל ברויט פארן בויך, נאָר אויך פון הארץ און שכל. ער האָט אפילו גענומען אין באטראכט נישט נאָר די אינטערעסן פון פראָלעטאריאט, נאָר די מענטש-לעכע אינטערעסן בכלל. בערנאר לאזאר האָט אים אָנגערופן אן „איידעלער גייסט", מען האָט אים אָנגערופן „דער גוטער מאלאָן", „דער טאָלעראנטער". אפילו די רע-אקציאָנערע קעגנער פון סאָציאליזם וואָס האָבן געוויינטלעך גערעדט מיט שנאה וועגן סאָציאליסטן, האָבן צו ב. מאלאָן זיך באצויגן מיט רעספעקט. מען פארזיכערט אפילו, אז דער פויפסט לעאָן דער 13טער האָט זיך באנוצט מיט מאלאָנס ווערק פאר א מקור צוצוגרייטן זיינע א דערקלערונג וועגן ווילזיין פון ארבעטער.(23) דער דאָ-זיקער „איידעלער גייסט", „דער גוטער", „דער טאָלעראנטער" סאָציאליסטישער פירער בענוא מאלאָן האָט געלעבט און איז געשטאָרבן ווי א גרויסער ארבעטער-קעמפער, אָבער אויך ווי א פארביסענער אנטיסעמיט. נאָך פאר דרימאָנס לא פראנס זשויו האָט ער אין דער צייטשריפט לא רעווי סאָציאליסט וואָס האָט געהאָלפן דערציען א גאנצן דור סאָציאליסטן, געפירט אנטיסעמיטישע פראָפאגאנדע. וועגן זיינע באציונגען מיט דרימאָנען וועט אונדז נאָך אויסקומען ווייטער צו שרייבן גענויער.

IV. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פון עדואַרד דרימאָן און זיינע פריינד.

אין אפריל 1886 איז ארויס דאָס בוך לא פראנס זשוויו („דאָס יידישע פראנקרייך")[24] פון דעם קאַטויליש ן רעאַקציאָנער עדואַרד דרימאָן (1844 - 1917), און דער מחבר איז אריין אין דער געשיכטע ווי דער גרעסטער שונא־ישראל אין פראנקרייך. זיינע ערשטע ליטעראַרישע ווערק האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות צו יידן. ער האָט, פונקט ווי שיראַק, אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט לייכטע קאָמעדיעס; א צייט האָט ער געאַרבעט אין א צייטונג פון דעם יידישן באַנקיר און סען־סימאָניסט פערעירע. ס'רוב פון דרימאָנס ביאָגראַפן פון פילאָסעמיטישן לאַגער זיינען ביי דער מיינונג, אז זיין ווערק לא פראנס זשוויו איז געווען אינספּירירט און צוגעגרייט פון יעזויטן. דער אמת איז אָבער, אז עס זיינען ניטאָ קיין ערנצטע באַווייזן וואָס זאָלן באַרעכטיקן אזא פעסטשטעלונג. אויב מען אַנאַליזירט גענוי זיין ווערק, ווי עס האָבן עס געטאָן ד"ר ישראל שאַפּירא און אַנדערע, איז שווער זיך פאַרצושטעלן א יעזויטישן איינפלוס אין דעם ווערק פון ע. דרימאָן וואָס איז געשריבן געוואָרן בעיקר אונטערן איינפלוס פון די סאָציאַליסטישע אַנטי־יידישע ביכער וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט. דרימאָן אַליין האָט ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט, אז ער איז בלויז ממשיך די ווערק פון טוסענעל, דישען און אַנדערע סאָציאַליסטן. ער האָט געשריבן, אז זיין „איינציקע אַמביציע" איז, אז לא פראנס זשוויו זאָל זוכה זיין צו געפינען אין די ביבליאָטעקן אן אָרט נעבן טוסענעלס אַנטיסעמיטיש ווערק. דרימאָנס פאָרגייערס זיינען געווען מענטשן מיט א נאָמען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער אויך פּיאָנערן אין קאַמף קעגן יידן. בעת דער דרייפוס־אַפערע האָט עדואַרד דרימאָן איין מאָל אויסגערופן אין פאַרלאַמענט: „טוסענעל, וואָס איז געווען דער פּיאָנער פון דער [אַנטיסעמיטישער] באַוועגונג, איז געווען א פוריעריסט; שיראַק, וואָס האָט געשריבן די „זשוויווערי", איז געווען א פריידענקער; טרידאָן, וואָס האָט געשריבן א באַשולדיקונג קעגן יידן, איז געווען א פריידענקער און מיטגליד פון דער קאָמונע; דעריבער האָט די רעליגיעזע פראַגע קיין שום שייכות נישט מיטן אַנטיסעמיטיזם".[25]

אין דרימאָנען האָט דער פראנצייזישער אַנטיסעמיטיזם געפונען א פירער. פון זינט עס איז ארויס לא פראנס זשוויו האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך אָנגעהויבן דעם קאַמף צו ווערן א פּאָליטישער כוח אין לאַנד, זיך צו דערהייבן ביז דער מדרגה פון א פּאָליטישער פּאַרטיי. עדואַרד דרימאָן איז נישט נאָר געווען דער מענטש וואָס האָט אָרגאַניזירט די צעשפּליטערטע כוחות פון פראנצייזישן אַנטיסעמיטיזם ביז אים, ער האָט אויך איינגעפירט עפּעס נייס אין דעם פראנצייזישן אַנטיסע־

מיטיזם. ע. דרימאָן האָט אויך געזוכט צו זײַן אין זײַן ארבעט סאָציאליסטיש גע־
שטימט, סאָציאליסטיש בעיקר אויפֿן חשבון פֿון ײדישן קאפּיטאַל. מיט אזא טאַקטיק
האָט ער געהאָפט צו געווינען די ארבעטער־מאסן פאר זײַן קאמף קעגן ײדן, און אין
א גרויסער מאָס איז עס אים געלונגען. ער איז אפילו גרייט געווען אײַנצוגײן
דערפֿאר אויף הנחות און פּרוון ווײכער מאכן די באַצ:ונג פון דער קירכע צום סאָ־
ציאליזם. דרימאָנס נאָענטער מיטארבעטער און זײַן ביאָגראף אלפרעד זשענדראָ
שרײבט, אז „דרימאָן האָט געוואָלט צופאסן א רעוואָלוציאָנערע דאָקטרינע צו דעם קאַ־
טוילישן און דעם קאָנסערוואטיוון טעמפּעראמענט – א פעלער אין וועלכן ער האָט זיך
שפּעטער מודה געווען”. עס וועט אָבער זײַן א פעלער צו פּרוון פאררעכענען דרימאָ־
נען צווישן די קריסטלעכע סאָציאליסטן אין פראנקרײך, צוזאמען מיט דע מון און
אנדערע, ווי טײל, דערונטער ב. מאלאָן, טוען עס. דער קאטוילישער סאָציאליזם
האָט מיטן ארבעטער־סאָציאליזם געהאט געמײנזאמעס בלויז אויף אזוי פיל, אויף
וויפל די בײדע באוועגונגען האָבן געקעמפט פאר פארלײכטערונגען פון דער מאטערי־
עלער לאגע פון פאָלק; אויפֿן אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן באָדן האָבן זײ זיך בײ־
דע באקעמפט. דרימאָן ווידער איז אין די אינטערעסן פון אנטיסעמיטיזם געגאַנ־
גען ווײטער. אין זײַן קאמף קעגן ײדן אונטער די לאָזונגען פון קאמף קעגן קאַ־
פּיטאל האָט ער, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, נישט געקענט תמיד זיך אײַנהאלטן
אין די ראמען פון קאמף קעגן ײדישן קאפּיטאל בלויז. עס איז אים אויסגעקומען
צו שרײבן אָפט שארפע ווערטער אויך קעגן נישט־ײדישע קאפּיטאליסטן און קאפּיטא־
ליזם בכלל. אָבער תמיד האָט ער געזוכט עס צו טאָן מיט אן אנטיסעמיטישער באַ־
פארבונג. נישט ײדישע קאפּיטאליסטן האָט ער אָנגערופֿן „פארײדישטע” („זשודא־
יזאן”). בכלל האָט זײַן בײסיק־אגרעסיווער טאָן פון שרײבן אָפט דערמאָנט אין ארט
שרײבן פון רעוואָלוציאָנערע פאמפלעטן. די פראנצײזישע רעאקציע און די קירכע
זײַנען נישט גרייט געווען מיטצומאכן ע. דרימאָנס מאנעוורען. זײ וואָלטן מיט פאר־
געניגן געוואָלט זען די ארבעטער־קרײזן אין אן אנטי־ײדישן בלאָק, אָבער אָן צו
מוזן אָפּצאָלן דערפֿאר מיט סימפּאטיעס פאר דער אָרגאניזירטער ארבעטער־באוועגונג.
די רעאקציע האָט זיך געפרײט מיט דרימאָנס בוך, אָבער בשעת מעשה האָט זי זיך גע־
וואָלט אָפּגרענעצן פון דרימאָנס ליבעס־ערקלערונגען פאר געוויסע אידײען און טו־
ערס פון דער ארבעטער־באוועגונג. די קירכע האָט אויך נישט געקענט מוחל זײַן
דרימאָנען זײַן קריטיק קעגן קלער. אין דער <u>ביבליאָגראפֿי קאטאָליק</u> איז געווען
געדרוקט א ווארעמע רעצענזיע פון זשאָרזש גאנדי איבער <u>לא פראנס זשוויו</u>. אָבער
גאנדי האָט פאָרגעוואָרפֿן דרימאָנען, אז ער שאצט נישט גענוג אָפּ די ראָל פון קאַ־
טוילִיציזם, אז ער ווײַזט ארויס צו פיל סימפּאטיע פאר דער פאריזער קאָמונע . די

מאָנארכיסטישע קרײַזן, וואָס פאר זײ האָט דרימאָן ארויסגעוויזן זײַן פאָרצוג אין לאַ פראַנס זשויִו, האָבן אים געהאלטן פאר א „צו פיל טומעלדיקן מענטש, א גאַנץ שלעכט דערצויגענעם". אין די אײגענע רעאַקציאָנערע קרײַזן האָט מען געהאלטן דרימאָנען פאר „דאָס שלעכטע קינד פון קאטוילִיציזם", ווי בערנאר לאזאר האָט אים אָנגערופן. דרימאָן גופא האָט זיך שפּעטער באַקלאָגט, אז די יעזויִטן „האָבן נישט פארשטאנען די סאָציאלע וויכטיקײט" פון אנטיסעמיטיזם. געמײנט האָט ער דערמיט נישט בלויז די יעזויִטן, נאָר די קירכע בכלל. אין זײַנע ווײַטערדיקע ווערק, בעיקר אין די דרײַ ווערק לאַ פאַן ד'און מאָנד (1889), לאַ דערניער באַטאַי (1890) און לע טעסטאַמאַן ד'און אנטיסעמיט (1891) און אויך אין לע פעפּל זשויִף (1900), האָט עדואַרד דרימאָן זיך ארויסגעוויזן נאָך נעענטער צו געוויסע אקטן און לאָזונגען פון סאָציאליזם און פרײַנדלעכער צו סאָציאליסטישע טוערס ווי אין זײַן ווערק לאַ פראַנס זשויִו. ער האָט אפילו נישט געשאָנעוועט זײַנע אײגענע רעאַקציאָנערע קרײַזן; ער האָט קריטיקירט און געוואָרפן שטעכווערטלעך אויפן אדרעס פון דער רעאַקציע און דער קירכע וואָס האָבן נישט געוואָלט פארשטײן זײַן פּלירט וואָס ער האָט געפירט מיט די סאָציאליסטן אין די אינטערעסן פון אנטיסעמיטיזם. אין א געוויסן מאָמענט האָט דרימאָן אפילו געוואָלט באַווײַזן, אז דער אנטיסעמיטיזם איז בכלל נישט קײן רײַן קאטוילישע באַוועגונג. מיר מאַכן דאָ, אײגנטלעך, נישט קײן שום אנטדעקונגען. דער געוועזענער קאָמונאַר און אנטיסעמיט נאָעל גאָלוא, דרימאָנס פרײַנד, האָט בשעת מעשה אין אן ארטיקל תיכּף אונטערגעשטראָכן די עוואָלוציע וואָס עדואַרד דרימאָן האָט דורכגעמאַכט זינט לאַ פראַנס זשויִו: „לאַ פאַן ד'און מאָנד איז געגאַנגען צום סאָציאליזם... לע טעסטאַמאַן ד'און אנטיסעמיט איז אָנגעפאַלן אויף די רעכטע קרײַזן און דער קירכע" — האָט ער געשריבן. ווי מיר וועלן ווײַטער זען האָט דרימאָן יעמאָלט שוין געהאַט א סך פארהערער און פרײַנד אין דער סאָציאליסטישער באַוועגונג. פון פארשײדענע קרײַזן האָט מען אים פאָרגעשלאָגן לגמרי איבערצורײַסן מיט רעכטס און זיך אָנצושליסן אין דער סאָציאליסטישער באַוועגונג. דרימאָן גופא האָט דערצײלט, אז פרײַנד האָבן אים געשריבן און געראָטן איבערצורײַסן מיט דער קירכע, אָבער ער האָט נישט געקלערט צו גײן אזוי ווײַט, און ער איז נים דערגאַנגען ביז אָנצונעמען אזא אײַנלאַדונג. אין תוך איז ער געווען א קאטוילישער רעאַקציאָנער, א גלויביקער. זײַן סאָציאליזם איז געווען בעיקר א דעמאַגאָגישע שפּיל אויף צו געווינען די ארבעטער־מאַסן פארן אנטיסעמיטיזם, און טײלווײַז איז עס אים געלונגען א דאַנק דעם, וואָס ער האָט פארשפּרײט דעם לאָזונג, אז קאַפּיטאליזם איז פון ײדישן אָפּשטאַם און א דאַנק דער הילף וואָס ער האָט באַקומען אין די ארבעטער־קרײַזן. „דאָס שטויסט די ײדישע אידײע דעם רײַכן צו עקספּלואַ-

טירן דעם ארעמען דורך דער מאָדערנער פאָרם פון רויבעריי – דעם קאפיטאליזם” – האט געשריבן דרימאָנס פריינד און תלמיד דע לא פין.[26]

דרימאָן האט גלענצנד פארשטאנען ווי אזוי אויסצונוצן די ארבעטער-קאמפן פאר אנטי-יידישער פראָפאגאנדע. זיינע ארטיקלען זיינען אָפט געווען וועגן טאָג-טעגלעכע פראָבלעמען וואָס האָבן אינטערעסירט די פאָלקס-מאסן. בעת די בלוטיקע געשעענישן אין פורמי (1891) ווו מיליטער האט געשאָסן אויף ארבעטער האט דרימאָן אָנגעשריבן א בוך און געזוכט צו באווייזן, אז אין די בלוטיקע געשעענישן זיינען שולדיק בעיקר די יידן, ווייל דער געהילפס-פרעפעקט פון דער געגנט איז געווען א ייד. דאָס בוך איז געווען גוט דאָקומענטירט, געשריבן אין א פריינדלעכן און ווארעמען טאָן פאר די ארבעטער. עס איז געווען און איז פארבליבן עד היום די בעסטע ארבעט וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן די געשעענישן און במשך פון לאנגע יאָרן נאָך האט די סאָציאליסטישע און אנארכיסטישע פרעסע איבערגעדרוקט אויסצוגן פון דעם בוך. אפילו זשול געדס צייטונג לע סאסיאליסט וואָס האט פארגעשטעלט מיט זיך דעם אָרטאָדאָקסיש-מארקסיסטישן סאָציאליזם, האט אויך איבערגעדרוקט א גרויסן אויסצוג פון דרימאָנס בוך; די געדיסטישע צייטונג האט אָבער קריטיקירט דרימאָנס שטעלונג וואָס זוכט אין די געשעענישן בעיקר די יידישע שולד. אנדערע ארבעטער-צייטונגען האָבן איבערגעדרוקט אויסצוגן פון דעם בוך אָן שום באמערקונגען. די ארבעטער-פרעסע האט ביז דער דרייפוס-אפערע אָפט איבערגעדרוקט נאָך א סך אנדערע ארטיקלען פון ע. דרימאָן און אויסצוגן פון זיינע ביכער. מ׳האט איבערגעדרוקט נישט דווקא זיינע אָנפאלן אויף יידן, נאָר אויך די גוטע זייטן פון זיינע ביכער, זיינע אטאקעס קעגן דער רעגירונג און קאפיטאליזם בכלל. אָבער דער ארבעטער וואָס האט געלייענט דרימאָנען אין דער ארבעטער-פרעסע איז מאָראליש שוין געווען צוגעגרייט צו לייענען אויך זיינע אנטיסעמיטישע ארטיקלען און ביכער. מערמעקס, א באקאנטער רעפובליקאנישער קעגנער פון אנטיסעמיטיזם, האט געהאט געשריבן: „דער וואָס קומט הערן דרימאָנען און קיין סך מער ווייס ער נישט, דער גייט אוועק טראכטנדיק: די דאָזיקע אנטיסעמיטן זיינען דאָך גוטע סאָציאליסטן וואָס פארטיידיקן דעם קליינעם קעגן דעם גרויסן”. דרימאָן האט נישט מורא געהאט לשם פראָפאגאנדע צווישן ארבעטער זיך צו קאָמפראָמיטירן אפילו מיט אנארכיסטן. ער איז שארף ארויסגעטראָטן קעגן פארמשפטן צום טויט דעם אנארכיסט וואיאן און נאָך דער עקזעקוציע פון וואיאן האט דרימאָן עפנטלעך זיך פארנומען מיט דער יתומה וואָס איז פארבליבן נאָכן אנארכיסט. דרימאָן איז אפילו אָנגעפאלן אויפן קאטוילישן קלער פאר רודפן די אנארכיסטן. ער האט פארטיידיקט דעם אנארכיסט זשאן גראוו (וואָס איז נישט געווען געשטימט אנטיסעמיטיש). ווען זשאן גראוו

איז שפעטער אוועק דאנקען דרימאַנען האָט ער געשריבן וועגן זיין באזוך: „איך האָב זיך אליין געפרעגט צי דרימאַן גופא האָט טאקע באמת געגלויבט אין זיין אנטיסע־מיטיזם". דרימאַן האָט זיך געוואַנדן צום באקאנטן אנארכיסט שארל מאלאטאַ און זיינע חברים מיט א פאָרשלאג, אז זיי זאָלן מיטארבעטן אין אן אנטיסעמיטישער צייטונג. ווען זיי האָבן זיך אָבער אָפגעזאָגט, האָט דרימאַן זיך נוקם געווען און פאר־שפרייט א קלאנג, אז מאלאטאַ האָט באקומען געלט פון ראָטשילדן אויף ארויסצוגעבן אן אנארכיסטישע צייטונג. בעת די טעראָריסטישע אקטן פון די אנארכיסטן און די ארעסטן פון די אנארכיסטן אין 1894 האָבן אָבער א סך לייענער פון דרימאַנס אנטי־סעמיטישער צייטונג לא ליבר פאראל פראָטעסטירט קעגן דרימאַנס גלאָריפיקאציע פון אנארכיזם. בכדי נישט צו פארלירן קיין לייענער האָט דרימאַן געמוזט זיין איינגע־האלטן מיט זיינע ארטיקלען.[27] (די באציונג פון די אנארכיסטן צום אנטיסעמי־טיזם וועלן מיר באטראכטן שפעטער).

טייל פון דרימאַנס תלמידים און נאָענטע מיטארבעטער (זשאק דע ביעז, א"אנד) האָבן געזוכט דורכצופירן אין לעבן זייער רבינס אידייען וועגן א פארבינ־דונג צווישן אנטיסעמיטיזם און דעם ארבעטער־קלאס. בשעת דרימאַן האָט אָנגעהאלטן פערזענלעכע און פריינדלעכע באציונגען מיט די אָרגאניזירטע סאָציאליסטישע קרייזן, האָבן זיי געזוכט צו שאפן אן אייגענעם נאציאָנאליסטישן סאָציאליזם וואָס זאל בפי־רוש זיך אָפגרענעצן פון דעם ארבעטער־סאָציאליזם און זיינע פירערס. אָבער אין תוך זיינען זייערע מעטאָדן פון זוכן צו געווינען די ארבעטער געווען די זעל־ביקע וואָס די פון זייער רבין און פריינד עדואַרד דרימאַן. נאָר זיי זיינען געווען מער אגרעסיוו, מער פראקטיש פון דרימאַנען וועמען א סך פון זיינע פריינד האָבן גע־האלטן פאר א שלעכטן אָרגאניזאטאָר און א שטיק דאָן קיכאָט.

זשאק דע ביעז (געב' אין 1852) איז געווען איינער פון דרימאַנס נאָ־ענטסטע מיטארבעטער פון דער ערשטער שעה אָן. תיכף נאָכן ארויסגיין פון דרימאַנס לא פראנס זשוויו האָט ער געשאפן א לינקן פליגל אין דעם פראנצייזישן אנטיסעמי־טיזם און ער האָט געזוכט צו געווינען די ארבעטער־מאסן פארן אנטיסעמיטיזם. נאָך אין 1886, ס"ה א פאָר חדשים נאָכן ארויסגיין פון דרימאַנס לא פראנס זשוויו האָט ער געשריבן אין א בוך „די יידישע פראגע": „דרימאַן שטיצט זיך אויפן רעכטן צד, איך וועל זיך שטיצן אויפן לינקן צד. דאָס איז אלץ וואָס צעטיילט אונדז. מחוץ דעם זיינען מיר, און מיר וועלן ווייטער בלייבן, פאראייניקט אין קאמף קעגן ייד... אין נאָמען פון דער רעפובליק וועל איך רופן די פראנצייזישע רעפובליקא־נער פטור צו ווערן וואָס גיכער פון דער יידישער רעפובליק". זשאק דע ביעז האָט אין זיין פראָפאגאנדע געזוכט דעמאגאָגיש זיך צו באווייזן פאר רעוואָלוציאָנערער פון

די סאָציאַליסטן גופא. די פראַנצייזישע אַרבעטער – האָט ער געשריבן – האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט קיין שטרייקן איידער זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון ייד קאַרל מאַרקס. „דער פראַנצייזישער אַרבעטער איז ווי דער פראַנצויז, ער טוט אַלץ לעבעדיק. זיין בעס דריקט זיך אויס נישט דורך קיין שטרייק נאָר אויף דער באַריקאַדע”. פאַרשטאַנען האָט ער עס אין דעם זין, אַז מען דאַרף פּאָגראָמירן די יידן. זיינע לאָזונגען זיינען געווען נאָך דעמאַגאָגישער פון דרימאָנס. דרימאָנס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם אַנטיסעמיטיזם פון זשאַק דע ביעז: „ער איז ממשיך די אידייען פון דעם פוריעריסט טוסענעל און דעם רעוואָלוציאָנער טרידאָן... ער האָט גערופן דעם צוזאַמענקום פון די אַנטיסעמיטישע רעפּובּליקאַנער, פון געוועזענע רעוואָלוציאָנערן פון [דער קאָמונע פון] 1871 וואָס דרימאָנס קאַטוילּיציזם האָט זיי אָפּגעקילט, אָבער זיי זיינען געקומען אין אַ גרויסער צאָל פאַרגרעסערן די אויפגעקומענע [אַנטיסעמיטישע] באַוועגונג”.[28]

איינער פון דרימאָנס נאָענטסטע מיטאַרבעטערס איז געווען דער מאַרקיז דע מאָרעס (1858 - 1896), אַ מענטש מיט אַ ווילדן טעמפּעראַמענט און אַן אַוואַנטוריסטישן עבר. זיין אַנטיסעמיטיזם האָט ער, ווייזט אויס, מיטגעבראַכט נאָך פון אַמעריקע וו ער האָט געלעבט אַ צייט און וו עס איז אים אויסגעקומען צו קעמפן מיט יידישע קאָנקורענטן אין פליישׂ־האַנדל. אויך דע מאָרעס האָט געוואָלט שאַפן אַן אַנטיסעמיטישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַ מין נאַציאָנאַל־פראַנצייזישע און ניט קיין מאַרקסיסטישע. די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען האָט ער געזוכט צו קאָמפּראָמעטירן ווי יידישע באַוועגונגען. ביי וואַלן האָט ער זיך אָנגעגעבן פאַר אַ „סאָציאַליסטיש־רעוויזיאָניסטישן קאַנדידאַט”. מאָרעס האָט אַלץ געטאָן מיט אַ סך פּאָמפּע און טעאַטראַלישע זשעסטן. אויף מאַניפעסטאַציעס און מיטינגען האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט אַרבעטער אין אַרבעטער־בגדים און רויטע קראַוואַטן. אויף מיטינגען איז מאָרעס תמיד געווען באַגלייט פון אַ געוויסן גאַסטאָן חאַלעי, אַן אַרבעטער, וואָס האָט געדאַרפט פאָרשטעלן מיט זיך די מאַסן. זיינער אַ ביאָגראַף האָט געשריבן: „ער האָט זיינע מחנות, זיינע איבערגעגעבענע באַגלייטער, גוט דיסציפּלינירט און תמיד גרייט; געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן וואָס האָבן געזען די קאָמונע”. אַ צווייטער ביאָגראַף זיינער דערציילט, אַז אין זיין וואַלבּיוראָ אין 1890 זיינען געקומען „מאָנאַרכיסטן, בולאַנזשיסטן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן”. אַרום זיין פּערזאָן האָט זיך געגרינדעט אַ פאַראיין פון אָנגעשטעלטע וואָס זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט. מאָרעס האָט אַפילו געוווּסט ווי אַזוי דעמאַגאָגיש אויסצונוצן פאַר פּראָפּאַגאַנדע אַ פאַל ווען נאָך אַ מיטינג האָט די „רויטע מיידל” לויז מישעל זיך געלאָזט גיבן אַ קוש פון אים. אַ צווייט מאָל האָט ער

עשיקט א באגריסונג צום געוועזענעם קאמונאר ליסאגארי וואס האט געשריבן אן אר־
יקל קעגן דעם ייִדישן גאמבעטיסט זשאזעף רײנאק. דע מארעס האט דערקלערט בעת
ואלן אין 1890: „איך בין ראשית כל א סאציאליסט. אין דער איצטיקער סאציא־
ליסטישער קאמפאניע איז דער ייד די ערשטע שטערונג". א צײט האט ער זיך באמיט
צו געווינען ספעציעל די ארבעטער פון די אינדוסטריעלע צפון־געגנטן פון פראנק־
רײך, און ער האט געהאט א געוויסן ערפאלג. אויף א מיטינג אין נאנסי האט דע
מארעס אנשטאט „נידער מיט יידן" געהײסן שרײען דעם מער רעוואלוציאנערן לאזונג
„יידן אויף די לאמטערנעס". זײנער אן אנהענגער זשארזש באיע האט פארפאסט לכ־
בוד אים א לידל מיט א רעפרײן וואס מען האט געקענט באגעגענען נאר אין דער
אנארכיסטישער ליטעראטור:

C'est la Sociale!

Eh bien! J'en suis!...

מארעס האט געפאדערט פון די קאנדידאטן וועמען ער האט געשטיצט צו
חתמענען א פארפליכטונג, אז זײ וועלן זיך שטעלן בײ די וואלן ווי „סאציאליסטיש־
רעוויזיאניסטישע קאנדידאטן" און זײ זאלן אין פארלאמענט פאדערן א ספעציעל
געריכט צו משפטן אלע „גנבים פון עפנטלעכן פארמעגן" – א לאזונג וואס האט לײכט
געקענט אויסנעמען בײ ארבעטער. בײ וואלן האט מארעס ארויסגעשטעלט א פראגראם
מיט פאפולערע פאדערונגען, דהײנו: געבן די ארבעטער די קאנטראל איבער די אר־
בעטער־קרעדיטן און פארזיכערונגען, דעמאקראטיזירן די קאנסטיטוציע, בויען
נײע הײזער, פארשענערן די שטאט נאנסי. אפילו נישט אלע סאציאליסטישע פירערס
האבן נאך דעמאלט פארשטאנען די וויכטיקײט פון אזוינע טאג־טעגלעכע לאזונגען
בכדי צו פארבעסערן די לאגע פון ארבעטער. א סך סאציאליסטן האבן נאך געהאלטן
אזוינע לאזונגען ווי א מיטל אפצוציען דעם ארבעטער פון זײן הויפט־ציל: דער
רעוואלוציע. דע מארעס האט אפילו גערופן זײנע אנהענגערס צו מאניפעסטירן דעם
ערשטן מײ 1890 און צו פארוואנדלען די ארבעטער־מאניפעסטאציע אין אן אנטיסע־
מיטישן ארויסטרעט. בשײכות דערמיט האט דער אנטיסעמיט זשול גוערען געשריבן,
אז נאר די אנטיסעמיטן זײנען געווען בכוח צו געבן דעם סאציאליזם א מער גע־
זונטע פירערשאפט און מער צוגעפאסט צו די אמתע אינטערעסן פון די ארבעטער.
עטלעכע טעג פאר דעם 1טן מײ 1890 האבן דע מארעס און זײן „רויטער שאטן"
גאסטאן וואלעי אפגעדרוקט מערערע רופן צו די ארבעטער און אנטיסעמיטן אנטײל
צו נעמען אין דער מאניפעסטאציע פון 1טן מײ: מארעס איז א טאג פאר דער מא־
ניפעסטאציע ארעסטירט געווארן פארן רופן צו אומרועןן. טײל סאציאליסטישע קרײזן
זײנען אפילו ארויסגעטראטן קעגן דער מאניפעסטאציע פון 1טן מײ, ווײל רעאקצי־

אַנערע און אנטיסעמיטישע עלעמענטן האָבן זי געוואָלט אויסנוצן פאר זייערע צוועקן. *לע פּראָלעטאריאַ*, דער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע די „פּאָסיבּיליסטן" האָט וועגן דעם אפילו אָפּגעדרוקט אַן ארטיקל. דע מאָרעס איז געשטאַנען אין גאַנץ נאָענטע באַציִונגען מיט אנארכיסטן ווען ער האָט געוואָלט אויסנוצן פארן אַנטיסעמיטיזם און זיי האָבן אים אויך געוואָלט אויסנוצן פאר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. וועגן דעם וועלן מיר ווייטער דערציילן גענויערע פּרטים.

אָט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען א מיטינג פון דע מאָרעס (דעם 19טן דעצעמבער 1891 אין ליל, לויט א באַשרייבונג אין דער געדיסטישער צייטונג *לע סאָ סיאַליסט*): אויפן מיטינג זיינען געקומען „1,200 פּערזאָן, גלחים, קאַטוילישע און סאָציאַליסטישע סטודענטן". דער עולם האָט אויסגעוויילט דעם סאָציאַליסט לע־גראַן פאר פאָרזיצער. לעגראַן האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און דערקלערט, אַז זיין פּאַרטיי האָט נישט קיין שייכות מיט דע מאָרעס. סוף כל סוף איז פאָרזיצער פון מי־טינג געוואָרן מישעל זעוואַקאָ, א באַקאַנטער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט. אין זיין רעדע האָט מ. זעוואַקאָ דערקלערט, אַז אַלע בורזשויען זיינען גנבים. פון אַזאַ דערקלערונג זיינען אָבער נישט אַלע אין זאַל געווען צופרידן. נאָך דער רעדע פון מאָרעס האָבן סאָציאַליסטן דערקלערט, אַז זיי באַקעמפן אַלע בורזשויען אָן חילוק פו רעליגיע און ראַסע. דער סאָציאַליסט זעוואַקאָ, אַליין א געדיסט, האָט געוואָלט דורכ פירן אַן אַנטיסעמיטישע רעזאָלוציע אין נאָמען פון זיין פּאַרטיי. די סאָציאַליסטן אין זאַל האָבן אָבער דערצו נישט דערלאָזט. זיי האָבן געטענהט, אַז זעוואַקאָ רעפּרע זענטירט נישט זיין פּאַרטיי.[29]

דרימאָן, דע מאָרעס און דע ביעז זיינען געווען די וויכטיקסטע פיגורן פון אָט דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין אַנטיסעמיטישן לאַגער, אָבער זיי האָט נאָכגע פאָלגט א מחנה קלענערע אַנטיסעמיטישע גדולים. מיר וועלן דערמאָנען בלויז א פּאָר פון זיי.

אַלבער סאַווין (1859 - 1927), א געוועזענער סטודענט פון דרום־פראַנק־רייך, איז אין פּאַריז געוואָרן א וויכטיקע פיגור אין אַנטיסעמיטישן לאַגער נאָך דעי ווי ער האָט אָפּגעקויפט א קליינעם פאַרלאַג און אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַנטיסעמיטי־קאַ. *די רעווי די מאָנד קאַטאָליק* האָט געשריבן וועגן אים, אַז ער איז גרייט אַרויס־צוגעבן די ווערק פון יעדן איינעם פון דרימאָנס אָנהענגער. א. סאַווין אַליין האָט אויך א סך געשריבן. אַרויסגעגעבן האָט ער נישט נאָר אַנטיסעמיטיקאַ, קלאַסישע ווערק און א סך איבערזעצונגען, נאָר אויך אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־ווערק (מאַלאַ טאָ א"אנד). ווייזט אויס, אַז ער האָט עס געטאָן מיט א מין צו געווינען אַנאַר־כיסטן. סאַווין האָט טאַקע געהאַט פּערזענלעכע פריינד צווישן די אַנאַרכיסטן; ער אי

ילו געווען א מיטארבעטער פון א. האמאנס אנארכיסטישער צייטשריפט ל׳הומאניטע
וועל וו ער האט געדרוקט איבערזיכטן איבער דער סאציאלער ליטעראטור אין שפא־
יש. פאל לאמבאר, זיינער א פריינד, האט געשריבן, אז „אלבער סאווין האט אויך
פראווע סאציאליזם, אבער אויף זיין אייגענעם שטייגער"; א מין סאציאליזם
ווישן עדוארד דרימאן און בענוא מאלאן. דער אנטיסעמיט זשארזש קארנעיאן האט
ין ארייגפיר צו זיינס א בוך (1889) גערופן די ארמיי און די ארבעטער איבערצו־
עמען דעם קאמף קעגן דער „יידישער געפאר": „היות די בורזשואזיע וואס פרעטענ־
ירט צו זיין די אנפירערין פארמאכט אזוי ווי דער שטרויס די אויגן בכדי נישט
ו באמערקן די געפאר; היות זי איז נישט געווען בכוח צו פארניכטן די געפאר
אס זי וויל נישט באמערקן, בכן שרייבן מיר נישט פאר איר די דאזיקע שורות. מיר
ענדן זיך בעיקר צו די צוויי וויכטיקסטע טיילן פון פאלק וואס די נאטור אליין האט
יי אויסגעהיט פון צו ווערן אנגעשטעקט מיטן יידישן איינפלוס. דער ארמיי און די
י ארבעטער פון שטאט און דארף, אן חילוק פון פאליטישע איבערצייגונגען, ווילן
יר באקענען מיט דער יידישער געפאר". דער אנטיסעמיט א. בעשא האט געשריבן
1893) וועגן דער יידן־פראגע אין פראנקרייך, אז די מאסן „חלומען פון נקמה און
ארטנדיק אומגעדולדיק אויף רעפארמעס, גרייטן זיי די רעוואלוציע". דער רעאקצי־
נער קאסטעלאן האט דערקלערט, אז דער סאציאליזם און אנטיסעמיטיזם וועלן ראטע־
ען פראנקרייך. אויך דער אנטיסעמיט אלבער מאניא איז געווען אן אנהענגער פון
נאציאנאלן סאציאליזם. דער אנטיסעמיט דע פאנטענעל האט געשטיצט דרימאנס
אציאליזירנדיקע אידייען און ער האט אויך קריטיקירט די קירכע. אפילו שפעטער,
ען עס איז בעת דער דרייפוס־אפערע געקומען צו אן איבערדרייס צווישן דרימאנען
ון ס׳רוב פון זיינע סאציאליסטישע פריינד – ס׳רוב אבער כלל נישט אלע – האבן
י אנטיסעמיטן נאך אלץ דעמאגאגיש געטענהט, אז אין תוך זיינען זיי קעגנער פון
אפיטאליזם. אויף אן אנטיסעמיטישן מיטינג אין 1896 האט א גלח אויסגערופן:
יניקע רופן עס קאפיטאליזם, מיר רופן עס יידישע באנדע [„זשוויוערי"]. דאס
עלביקע האט דרימאן גופא דערקלערט מיט צוויי יאר שפעטער אין פארלאמענט. בעת
ער דרייפוס־אפערע האט דרימאן איין מאל אויסגערופן אויף אן אנטיסעמיטישן קאנ־
רעס, אז ער איז מער סאציאליסט פון די יעניקע וואס רופן זיך אן סאציאליסטן.
ונטערן איינפלוס פון דרימאנס לא פראנס זשוויוו האט דער געוועזענער קאמונאר י.
. מילא אנגעשריבן אין 1889 אן אנטיסעמיטיש ביכל, אן אנטי־יידישע ווענדונג צו
י פראלעטאריער. מילא איז שפעטער געווארן דער פאראנטווארטלעכער ארויסגעבער
ון דרימאנס צייטונג לא ליבר פאראל וואס האט געהאט פאר א מיטארבעטער אויך
עם געוועזענעם רעוואלוציאנער א. דעסי, די סאציאליסטישע קעמפערין סעווערין און

אנדערע. א געוויסער גאָבלעי וואָס האָט ארום 1893 זיך אָנגעגעבן פאר א סאָציאַלי
איז געווען אין פריינדלעכע באַציונגען מיט אָדעלען, פּאָרזיצער פון דער אדמיניס
ראציע פון לא ליבר פאראל. אין 1890 איז אן אנטי־ידישער אפיש געוואָנדן צו
„אָרעמע פרויען פון קינדער יונגער פון זיבן יאָר״ געווען געחתמעט פון אנארכי
ש. לאָרענס. וועגן דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער ליגע צום קאמף פאר אויס
ברייטערן די סינדיקאלע פרייהייטן, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן אין 1894 דורך
דעם סאָציאַליסט אריסטיד בריאן און אנדערע, האָט לא ליבר פאראל געשריבן שטאר
ווארעם.[30]

עס איז אָפט באמת שווער צו וויסן ווו עס האָט זיך פארענדיקט דער אנטי
סעמיטיזם און ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ריין פּראָלעטארישער קאמף. אן אוי
לענדער אין פאריז האָט געקענט שילדערן אזא מיש־מאש: „ראָשעפאָר און דרימאָן
רופן זיך אליין אָן סאָציאַליסטן; און גוערענס אָרגאן, ל׳אַנטי זשוויף („דער אנט
יד״), האָט פאר א מאָטאָ „פארטיידיקן אלע ארבעטער, באקעמפן אלע ספעקולאנטן״.
ל׳אָטאָריטע, ל׳ענטרענסיזשאן, לא ליבר פאראל און לא פאטרי [אנטיסעמיטישע צ
טונגען] זיינען פונקט אזוי אמחדיק רעוואָלוציאָנערע בלעטער ווי עס זיינען לע טאַן
נוואַ און לע ליבערטער [אנארכיסטישע צייטונגען]״. מיט א סך יאָרן שפּעטער האָט
לוסיען פעמזשאן, א געוועזענער אנארכאָ־סאָציאַליסט, מחבר פון רעוואָלוציאָנערע או
בולאנזשיסטישע בראָשורן אין די 80ער יאָרן און שפּעטער פון אנטיסעמיטישע בראָ
שורן, זיך ערלויבט צו פאררעכענען אין אן אנטיסעמיטיש בוך קאָמונארן באזייט
מיט עדואַרד דרימאָן צווישן די ערלעכע זשורנאליסטן וואָס האָבן געראַטעוועט פראנק
רייך פון יידן.[31] אזוינע פאלן קען מען ברענגען אָן א שיעור, אין די הונדער
טער. מיט אזוינע סקאנדאלן איז אָנגעפּיקעוועט די גאנצע פּרעסע אין יענער תקו
פה, די זכרונות וועגן יענער תקופה. זיי זיינען, אָן שום ספק, שטארק כאראקטעריס
טיש פארן איינפלוס פון אנטיסעמיטיזם נישט נאָר אויף געוועזענע רעוואָלוציאָנערן,
נאָר אויך אויף רעוואָלוציאָנערן וואָס זיינען ווייטער געבליבן געטריי זייערע אידייען
זיי זיינען שטארק כאראקטעריסטיש פאר די דעמאגאָגישע מאנעווערן פון די אנטיסע
מיטן צו געווינען די ארבעטער־קרייזן, אָבער דאָס זיינען ס׳רוב פאקטן וואָס האַלטן
זיך געלאָזט לייכט אָפּפרעגן. די געוועזענע רעוואָלוציאָנערן זיינען דאָך שוין גע
שטאנען מחוץ דער ארבעטער־באוועגונג; פאר א סאָציאַליסט אָדער אנארכיסט האָט זי
יעדער איינער געקענט אָנגעבן, אפילו אויב ער איז עס נישט געווען,אאז״וו. דערי
בער איז בעסער צו אנאליזירן מער זיכערע פאקטן, מער באגלויבטע מקורים, ווייל
די אלע אנטיסעמיטן אין דער פראנצייזישער ארבעטער־באוועגונג וועגן וועלכע עס
קומט אונדז אויס שרייבן זיינען געווען ארבעטער־טוערס מיט א רעוואָלוציאָנערן עב

מיט א גרויסן איינפלוס, באגרינדער פון נייע שולן אין סאָציאַליזם, דערציער
דורות סאָציאַליסטן. זייער אנטיסעמיטיזם איז אויך נישט געווען קיין עפּיזאָד
האָט זיך פארגעסן און נישט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען. זיי האָבן מאָראליש
אָלפן צוגרייטן די געשעענישן וואָס האָבן געפירט צו דער דרייפוס־אפערע.

V. גבית־עדותן וועגן אנטיסעמיטיזם אין דער ארבעטער־באַוועגונג.

דאָס אלץ וואָס מיר דערציילן דאָ איז נישט קיין אנטדעקונג. פּובליציסטן
ן פּאָליטיקער מכל הצדדים: סאָציאַליסטן גופא, אנטיסעמיטן, ראדיקאלן און אויך
אָניקערס און היסטאָריקער וואָס האָבן אליין דורכגעלעבט די תקופה האָבן שוין גע־
יבן וועגן דעם פלירט צווישן דעם אנטיסעמיטיזם און סאָציאַליזם אין פראנקרייך
ס האָט זיך אָנגעהויבן תיכף נאָך דעם ווי עס האָט זיך באוויזן דרימאָנס לא פראנס
ייו. זיי האָבן געשריבן וועגן דעם ווי אזוי גאנצע טיילן פון דער ארבעטער־באַ־
גונג האָבן זיך געלאָזט פארפירן פון אנטיסעמיטיזם; וועגן דער פּאָליטיק פון
ל ארבעטער־קרייזן וואָס האָבן מיט א קלאָרן קאָפּ און אויסגערעכנטקייט געזוכט
רכן אנטיסעמיטיזם צו געווינען די מאסן פארן סאָציאַליזם. עס איז כדאי צו
ענגען א פּאָר פון די וויכטיקסטע גבית־עדותן.

גבית־עדותן פון סאָציאַליסטן. דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאגאנדיסט
אָלף טאבאראן האָט געשריבן אין א בראָשור: „דער סאָציאַליזם האָט, אין א געווינסן
ג, זיך פארגעסן, איז אויפגעקומען דער אנטיסעמיטיזם, ער שטאמט נישט פון
ן באנאלע מקורים. עס האָט א בלאָז געטאָן א ווינטל און דעם סאָציאַליזם האָט
ך פארגלוסט פארוויילן זיך. עס איז גאנץ נאטירלעך. אָבער ווי אזוי האָט דער
ציאַליזם געקענט אָפּטאָן די נאַרישקייט צו לאָזן אזוי שטארק וואקסן דאָס הפכדיקע
ן סאָציאַליזם אין וועלכעס ער האָט ארייגעבלאָזן דעם ערשטן אָטעם? איך וועל נישט
וון עס דערקלערן. איך וועל בלויז פעסטשטעלן, אז דער ערשטער זשעסט פון די
ציאַליסטן איז געווען צו גלעטן און אָנצורופן דאָס באשעפעניש מיט שיינע נעמען.״
טאבאראן איז געווען א דעלעגאט אויפן אינטערנאציאָנאלן סאָציאַליסטישן קאָנג־
ס אין 1889, ער האָט געשריבן א פּאָר פּאָפּולערע סאָציאַליסטישע פּראָפּאגאנדע־בראָ־
ורן; מיט קיין אנטיסעמיטיזם האָט ער זיך נישט קאָמפּראָמעטירט. אין איינער פון
נע בראָשורן, א פּאָפּולערן סאָציאַליסטישן קאטעכיזם (1893) שרייבט ער, אז אנטי־
עמיטיזם איז די מאסקע אונטער וועלכער עס באהאלט זיך אויס די קריסטלעכע רע־
ציע. דער בארימטער סאָציאַליסטישער פירער זשאן זשאָרעס האָט דערקלערט: „עס
יז א שטיקל צעמישונג, ווייל דער אנטיסעמיטיזם און נאציאָנאליזם האָבן געפּרוווט
קערן לטובת דער רעאקציע די אידייע פון סאָציאַליזם און די אידייע פון פּאטער־

לאנד, און זיי האָבן פארפירט א טייל פראָלעטאריאט״. דער באקאנטער סאָציאליסט
אוידזשען פורניער וואָס איז אין די 80ער יאָרן אליין אויך נישט געווען אין גאנ
פריי פון אנטיסעמיטיזם, האָט אין 1902 דערמאָנט די סאָציאליסטישע חטאים פארן
פלירט מיטן אנטיסעמיטיזם און דער רעאקציע: „די סאָציאליסטן טראָגן זייער חלק
פון שולד און פאראנטוואָרטלעכקייט אין דעם וואָס קומט פאָר״. ער האָט דערמאָנט,
אז דעם געוועזענעם קאָמונאר ראָשעפאָר האָט מען געהאלטן פאר „איינעם פון אונדזע
גרויסע מענער״ אפילו ווען ער איז שוין געווען אן אנטיסעמיטישער פירער און מ
האָט אויך „קאָקעטירט״ מיט דרימאָנען.[32]

גבית־עדותן פון אנארכיסטן. אויף אן אינטערנאציאָנאלן אנארכיסטיש
צוזאמענפאָר אין פאריז (1900) וועגן וועלכן עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו
שרייבן, האָט א פאריזער גרופע סטודענטן דערקלערט אין א באריכט, אז הן סאָציא
ליסטן, הן אנארכיסטן האָבן געשאנעוועט דעם אנטיסעמיטיזם וואָס זיי האָבן געוואָלט
אויסנוצן אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. די גרופע סטודענטן איז
ארויסגעטרעטן קעגן דער טעאָריע פון טייל רעוואָלוציאָנערן וואָס טענהן אזוי: „די
אנטיסעמיטישע טעאָריע האָט קיין זין נישט, דערמיט זיינען מיר מסכים. אָבער די
אנטיסעמיטן, דורך זייער ברוטאלער האנדלונג, גרייטן צו די מאסע צו רעוואָלוציאָ
נערע אקטן; זיי אטאקירן אויף רעכטס און אויף לינקס און צומאָל צערודערן זיי
דאָס וואָס טיף אין הארצן ווילן זיי שטיצן, זיי קומען אונדז צונוץ. אויב אזוי,
פארוואָס זאָלן מיר זיי נישט שטיצן אין זייער ארבעט פון צעשטערונג? לאָמיר אָנ־
הייבן פון דערלאנגען קלעפ צוזאמען מיט זיי און עס וועט זיך ארויסווייזן, אויב
מיר זיינען פיפיק, אז די אנטיסעמיטישע באוועגונג וועט זיך אויפהויבן קעגן
און לטובת אונדזערע אידייען״. אין דער אנארכיסטישער צייטשריפט ל׳הומאניטע
נוווועל האָט אן ארבעטער־טוערין זיך באקלאָגט: וואָס זאָלן די מאסן טראכטן ווען
זיי זען אזוי פיל ארבעטער־טוער אין אנטיסעמיטישן לאגער? אין אן אנטי־סאָצי
ליסטישן פאמפלעט ארויסגעגעבן פון די אנארכיסטן אין 1890: „וואָס פאר א חרפ
פאר דער אויטאָריטארער סאָציאליסטישער פארטיי צו ווערן געשטיצט פון א צייטונג
מ׳האָט געקענט שרייבן די דאָזיקע ווערטער וואָס וואָלטן געווען א שאנדע ווען זיי וואָל
נישט געווען אידיאָטיש: „עס זיינען געווען קאטאקאָמבן פון יידן, עס וועלן זיין נ:
(גובשטעבלער)״. „נעכטן – שרייבט ווייטער דער אנאָנימער מחבר פון דעם פאמפלעט
האָבן די סאָציאליסטן געקעמפט קעגן איין מענטש [ראָטשילד], היינט קעמפן זיי קעג
א ראסע״. שיראק און זיינע פריינד חזרן בלויז איבער דרימאָנס תורה.[33]

גבית־עדותן פון רעפובליקאנער. דער רעפובליקאנישער פּאָליטיקער אי
וועס גויאָ, ארויסגעבער פון דער צייטונג לע סיעקל, האָט געשריבן: „סאָציאליסטן

אנזשיסטן און ראדיקאלן, אלע פאראײניקט, האָבן ווידער אָנגעהויבן 'דעם פארא־
ן מארש מיט די אנטיסעמיטן. ה' מילעראן און דער מארקיז דע מאָרעס זײנען
ען פאראײניקט. מיט קלײנע אויסנאמען האָבן זײ [אויף א מיטינג] אין יאנואר
1 גערעדט די זעלביקע דברים אין טיוואָלי־וואָקסהאָל, זײ האָבן געזוכט צו חנפ־
די ווילדע אפעטיטן און פאר דעם עולם וואָס האָט זײ אויסגעהערט האָבן זײ פאָר־
טעלט פאר אן אידעאל נישט די ברידערלעכקייט, נאָר די שנאה צו די וואָס זײי
ן באצײכנט מיטן נאָמען פון בורזשויען". דער פובליציסט טערטעקס דערצײלט
18), אז דרימאָן האָט מיטגעצויגן „עטלעכע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן". אין
ע ברען פון דער דרײפוס־אפערע האָט מען געשריבן וועגן דעם באשטאנד פון די
נער פון לא ליבר פאראל: „רעוואָלוציאָנערן און רעאקציאָנערן, גלחים און שלע־
ס, הויזוועכטער און פירשטן.... „נידער מיט ידן ווײל זײ הערשן אויף דער
זען!" „נידער מיט ידן ווײל זײ גײען נישט אין קלויסטער!", אזא איז דער דאָפל־
לאָזונג וואָס האלט אויף דעם דאָזיקן געמישטן ערב־רב... פארגלײכט די צוויי
אנטע לאָזונגען, צוויי „אלטע לידלעך", די קללה פון פראָלעטאריער און די קללה
די קאטויליקן און איר ועט באקומען דעם מלחמה־לאָזונג פון דער דאָזיקער
ר פארטײ; א גלענצנד צוגעטראכטער סאָציאליזם, א פיפיקער קלעריקאליזם –
זײנען די צוויי שטיצערס פון דרימאָנס טראָן". א ביאָגראף פון אריסטיד בריאן
בט, אז אנטיסעמיטיזם האָט „געהערט צו דעם לינקן מיסטיציזם, איז געווען אן
י־קאפיטאליסטישער סטימולאנט וואָס איז געווען שטארק פארשפרייט אין די ארבע־
־רײען". (34

<u>גבית־עדותן פון אנטיסעמיטן</u>. די אנטיסעמיטן גופא האָבן קײן מאָל נישט
סבאהאלטן זײער ערפאָלג אין די ארבעטער־רײען.

אין 1896 האָט דער אנטיסעמיט ס. פידעליס געשריבן אין א בוך געווידמעט
סאָציאליסטישער קעמפעריין סעווערין, אז הגם די פרײדענקער איז געווען דערווי־
צו באנײען דעם קאמף פון רעליגיעס, האָבן זײ דאָך אָנערקענט דרימאָנס „מיסיע
ן אויפקלערונג". „דרימאָן האָט פראָפאגאנדירט א פאראײניקונג מיט די סאָציא־
טן", דערצײלט אײנער פון זײנע נאָענטע מיטארבעטער, און וועגן דער ערשטער
פון דרימאָנס צײטונג <u>לא ליבר פאראל</u> שרײבט ער: „די מאָדנע צײטונג, וואָס
ט געלײענט דורך גלחים און קאָמונארן". אויף א קאטויליש־אנטיסעמיטישן
נגרעס אין 1896 האָט אײן רעדנער זיך געוואָנדן צו זײנע רעפובליקאנישע און
ציאליסטישע קעגנער, אז זײ זאָלן זיך דערמאָנען זײער אנטי־ידישע שטעלונג פון
צען יאָר צוריק. דער אנטיסעמיט זשול גוערען האָט געווידמעט זײנס א ווערק
ימאָנען ווײל „איר האָט געזײט זײדלעריי מיט פולע הענט, ווײל איר האָט געהאט זיך

אײנגעטונקען אין סאָציאַליזם, געפּלירטעװעט מיט זײַנע פּירערס, געשטיצט קאַנדי־דאַטן װאָס האָבן אפּעלירט די קאָמונע, די סאָציאַלע רעװאָלוציע און דעם באַװאָפנ־רעװאָלט."[35]

ניִשט װײניקער װיכטיק זײַנען די גביאת־עדותן פון די יעניקע רעאַקציאָנע־רע קעגנערס פון סאָציאַליזם - ס'רוב אַנטיסעמיטן, אָבער אין גאַנץ זעלטענע פאַלן אויך פילאָסעמיטן - װאָס האָבן גאַנץ פרי דערזען דרימאַנס פלירט מיטן סאָציאַליזם און אים דערפאַר באַקעמפט, אים גערופן „סאָציאַליסט", „אַנאַרכיסט" און דערבײַ דערצײלט פאַקטן װעגן זײַנע באַציִונגען מיט סאָציאַליסטישע פירערס.[36]

<u>גביאת־עדותן פון געװעזענע רעװאָלוציאָנערן</u>. צװישן די גביאת־עדותן װאָס דערצײלן װעגן דרימאָנס באַציִונגען מיט די סאָציאַליסטן זײַנען פאַראַנען אויך דער קלערונגען פון געװעזענע רעװאָלוציאָנערן װאָס זײַנען שפּעטער אריבער אין אַנטיסע־מיטישן לאַגער. דער באַקאַנטער רעװאָלוציאָנער און דרײפוסאַר אורבען גאָיע װאָס איז אריבער אין אַנטיסעמיטישן לאַגער ערשט בײַם סאַמע סוף פון דער דרײפוס־אַפער האָט דערצײלט, אַז די סאָציאַליסטן האָבן לכתחילה װאָרעם אָפּגעשאַצט דרימאַנס װערק: „בשעת דער דרײפוס־אַפערע, װען דרימאָן האָט געקעמפט אין אײן לאַגער און איך אי־אָן אַנדערן, האָב איך אים קײנמאָל ניִשט אַטאַקירט, כ'האָב תמיד זיך אָפּגעזאָגט אים צו אַטאַקירן װײל - הגם א סך זאַכן האָבן אונדז צעטײלט - האָב איך געפילט די נױטװענדיקײט פון זײַן אָנשטרענגונג קעגן ײדישן קאַפּיטאַל". אין 1906 האָט א. גאָיע געשריבן: „בלעטערט די סאָציאַליסטישע צײַטונגען פון 1893 ביז 1897, <u>לאָ פּעטיט רעפּובליק</u>, <u>לאַ לאַנטערן</u>; איר װעט דאָרט כסדר געפינען באַשולדיקונגען און דראָונגען קעגן די ײדישע שװינדלערס, אַרטיקלען געחתמעט דורך די זעלביקע מענטש װאָס זיצן איצט אין דעם סאָציאַליסטישן גענעראַל־שטאַב". ער האָט זיך געקענט ער לױבן נעמען פאַר א מאָטאָ צו זײַנס אַן אַנטיסעמיטיש ביכל אין 1907 אַזאַ דיאַלאָג צװישן די סאָציאַליסטן זשאָרעס און רואַנעי און א רעאַקציאָנער אין פּאַרלאַמענט:

„ה' זשאָרעס: די דריטע רעפּובליק האָט געשאַפן א נײַעם פעאָדאַליזם.

ה' פּאָרקיאָלי: װעלכן?

ה' רואַנעי: דעם ײדישן פעאָדאַליזם!"[37]

<u>גביאת־עדותן פון פילאָסעמיטן</u>. די פילאָסעמיטן פון בורזשואַזן לאַגער האָבן געטענהט, אַז דער פלירט צװישן אַנטיסעמיטיזם און דעם סאָציאַליזם איז א נאַטירלעכע דערשײַנונג װאָס דאַרף קײנעם ניִשט איבערראַשן, מחמת בײדע זײַנען זײ ברוטאַל. אײנער פון די װאָס האָט פאַרטראָטן אַזאַ געדאַנק איז געװען דער באַקאַנטער עקאָנאָמיסט אַנאַטאָל לערױ־באָליע, מחבר אויך פון ביכער און פאַמפלעטן קעגן אַנ־טיסעמיטיזם. אַנטיסעמיטיזם און סאָציאַליזם, האָט ער געשריבן, באַנוצן זיך בײדע

ים אלגעמײנע, פשוטע און קינדערשע לאָזונגען װאָס די מאסע קען גיך אויפנעמען
ן צו טראכטן א סך. „דער אנטיסעמיטיזם גליטשט זיך, פריער אָדער שפּעטער,אראָפּ
ום סאָציאליזם... געװיסע אנטיסעמיטן דערגײן אפילו ביז אנארכיזם... דער אנ־
יסעמיטיזם, אזא װי ער שטעלט זיך פאָר פאר אונדז אין פראנקרײך צילט צו װערן
מין סאָציאליזם sui generis, א סאָציאליזם פון רעכטס... װאָס ארבעט, װילנדיק
דער נישט װילנדיק, פאר דעם רעװאָלוציאָנערן סאָציאליזם". „די דעקלאמאציעס
עגן קאפיטאל האָבן געבראכט דעם אנטיסעמיטיזם צו א נעבלדיקן אנטיקאפיטאליזם".
פון עקאָנאָמישן שטאנדפּונקט... איז דער אנטיסעמיטיזם נישט מער װי א סאלאָנען־
אָציאליזם װאָס דארף אָפּציען דעם סאָציאליסטישן בליק פון די אלטע אומבאװעגלעכע
ון פעאָדאלע פארמעגנס און ציען די אויפמערקזאמקײט אויף די נײע באװעגלעכע
ון קאפּיטאליסטישע פארמעגנס".[38]

יידישע גביח־עדותן. פראנצײזיש־יידישע כלל־טוערס און די פראנצײזיש־
דישע פרעסע האָבן אויך אָפט דעמאסקירט דעם אנטיסעמיטיש־סאָציאליסטישן פלירט.
ראג, רעדאקטאָר פון ארשיװ איזראעליט, האָט געשריבן אין 1890 װעגן דעם רעװאָ־
וציאָנערן כאראקטער פון דרימאָנס דאָקטרינע, אז אויף דער פראָװינץ װערט די אנ־
יסעמיטישע קאמפּאניע געפירט בעיקר צוזאמען מיט די מאָנארכיסטן און דער קיר־
ע און אין פאריז אויך אין נאָמען פון קאמף קעגן קאפיטאל. ערנסט קרעמיע־פּאָא
אָט געשריבן אין 1892, אז דרימאָן „האָט א ביסל געהנפּעט די סאָציאליסטן מיטן
ארײדישן דעם קאפיטאל און דעם קאפּיטאליסט". זשאק באהאר, א פּיאָנער פון דער
יוניסטישער באװעגונג אין פראנקרײך, האָט געשריבן אין 1897: „די סאָציאליסטן
אָזן זיך פירן פון שנאה צום קאפּיטאל; דאָס איז געװאָרן די בריק װאָס פאראײניקט
י מיט די אויסגעשפּראָכענע אנטיסעמיטן". א רעדאקטאָר פון ל'אוניװער איזראעל־
יט האָט געשריבן אין 1895: „דאָס אקצעפּטירן אָדער יאָגן זיך נאָך געװיסע װאל־
ארבינדונגען פירן ארויף אויפן געדאנק, אז די סאָציאליסטישע פארטײ האָט פאר־
אָגט אין אירע רײען מער פון איין אנטי־יידישן עלעמענט"; „א סך רעפּובליקאנער
ון אפילו סאָציאליסטן האָבן געמאכט מיטן אנטיסעמיטיזם קאָמפּראָמיסן", האָט ער
עשריבן אין 1902 נאָך. דער ארויסגעבער פון ארשיװ איזראעליט האָט געשריבן
זין 1898: „מען מוז מודה זײן, אז די פירער פון דער ארבעטער־פארטײ האָבן זיך
ישט אָפּגעשאָקלט פון אנטיסעמיטיזם. זײ האָבן געקלערט, אז נאָך דעם װי דער
ידישער קאפּיטאל צו װעלכן זײ האָבן געמײנט האָבן טענות װעט זײן פארניכטעט, װעט
י לײכטער זײן צו פארניכטן אלע פּלוטאָקראטיעס". בערנאר לאזאר האָט געשריבן
זין 1896, אז „די דעמאָקראטיע האָט אָן פּראָטעסט געלאָזט װאקסן דעם אנטיסעמי־
יזם". דרימאָנס פרײנדשאפט מיט די סאָציאליסטן האָט צומאָל ארויסגערופן א סך

פארדרוס און בייז־בלוט ביי יידישע כלל־טוערס וואָס האָבן צוליב דעם געזוכט צו לייקענען, אז יידן זיינען פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן געשריבן אפילו גאָר שארפע ווערטער קעגן סאָציאליזם בכלל. איזידאָר קאַען, רעדאקטאָר פון ארשיוו איזראעליט, האָט זיך ערלויבט צו שרייבן (1885) אזוינע ווערטער וועגן די סאָציאליסטישע טוערס: „עס איז אמת, אז די גרויסע מערהיים פון דער ארבעטער־פארטיי באשטייט פון ארבעטער וואָס ארבעטן נישט, און זיי האָבן בעסער ליב קלובן און מיטינגען אנשטאָט דאָס קלאפּן מיטן האמער". מיט א פּאָר יאָר שפּעטער (1892) האָט ער געשריבן: „די פארטיידיקונג פון יידן קעגן דער באַנייונג פון מיליטערישן פאנאטיזם פאראייניקט מיטן פאנאטישן קאָמוניזם פאלט זיך בכן צונויף מיט דער פארטיידיקונג פון דער געזעלשאפט גופא". [39]

VI. נאָך א פּאָר פאקטן וועגן אנטיסעמיטיזם אין די סאָציאליסטישע רייען.

בדרך הכלל האָט מען אין די סאָציאליסטישע קרייזן תיכף אין 1886 אויפגענומען לא פראנס זשוויו און דעם מחבר ווי א פּאָזיטיווע דערשיינונג. דער סאָציאליסטישער פּראָפּאגאנדיסט אדאָלף טאבאראן שרייבט, אז טייל זייטן פון לא פראנס זשוויו האָבן געשמעקט מיט סאָציאליזם און נאַיווע סאָציאליסטן האָבן זיך געלאָזט כאפּן אין דער נעץ. ער ציטירט א „פארברענטן רעוואָלוציאָנער" וואָס האָט געשריבן וועגן דעם מחבר פון לא פראנס זשוויו: „דער דאָזיקער פּאמפלעטיסט איז א סאָציאליסט וואָס ווייס עס אליין נישט. בירגער דרימאָן, קומט אנטשלאָסן צו אונדז!". [40]

לא רעווי סאָסיאליסט, וואָס איז יעמאָלט געווען די וויכטיקסטע טעאָרעטישע צייטשריפט פון פראנצייזישן סאָציאליזם, האָט קריטיקירט דרימאָנען, אָבער פריינדלעך. זי האָט געזוכט נישט צו באַקעמפן דרימאָנען, נאָר אים צו לערנען; נישט צו באַקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם, נאָר אויסצובייטערן דעם קאַמף פון אנטיסעמיטיזם קעגן אלגעמיינעם קאפּיטאל: דעם יידישן און קריסטלעכן. בענוא מאלאָן, דער ארויסגעבער פון לא רעווי סאָסיאליסט, האָט צוערשט אויפגענומען דרימאָנס לא פראנס זשוויו מיט געוויסע רעזערוון. ער איז נישט מסכים געווען מיט דרימאָנס מעטאָדן פון באַקעמפן בלויז דעם יידישן קאפּיטאל. שפּעטער האָט זיך פארבונדן צווישן דעם ארבעטער־פירער און דרימאָנען א נאָענטע פריינדשאפט. מאלאָן האָט געשריבן ווארעם וועגן די ווערק פון ע. דרימאָן, וועגן זייער ווערט אין קאַמף קעגן קאפּיטאל. דרימאָן האָט אים דערפאר אָפּגעצאָלט און געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן בענוא מאלאָן: „ווען מאלאָן זאָל זיין יונגער וואָלט ער געווען דער פירער פון דעם נאציאָנאלן און פראנצייזישן סאָציאליזם". דרימאָן אליין האָט דערציילט: „כ'האָב געהאט מיט בענוא מאלאָן באַציונגען פון א ווארעמער פריינדשאפט". בשעת עדוארד דרימאָן האָט

געשריבן זײן בוך לע טעסטאמאן ד'און אנטיסעמיט האט אים בענוא מאלאן ארומגע־פירט אין די ארבעטער־קרײזן, אים דערצײלט װעגן סאָציאליזם, דער פאריזער קאָמו־נע, אים געװיזן דאס ארבעטער־לעבן, באקאנט מיט ארבעטער־טוערס. װעגן דעם דערצײלן הן עדוארד דרימאָן אלײן, הן דרימאָנס קעגנער (לעאָ טאקסיל) און אויך סאָציאליסטן (זשאָרזש סאָרעל).(41) ב. מאלאָן האט געשריבן: „עס איז זיכער, אז סאָ־ציאליזם שטײט להפוך פון יהוה - מולך אָדער פון בעל - ממון; זײערע באַגײסטער־טע אָנהענגער באגזלען און בארויבן אונדז". ער האט ערנצט געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון א ספּעציפיש „ידישער עקספּלואטאציע" װאס האט, לויט אים זיך אָנ־געהויבן נאָך 1871. פארװאס פונקט 1871? הפנים, אז ב. מאלאָן האט געזען א ידישע האנט, מסתמא די ראָטשילדס, אין דעם דורכפאל פון דער פאריזער קאָמונע. ב. מאלאָן - מאלאָן דער פירער פון דער פאריזער קאָמונע - האט אָבער זיכער גע־װוסט, אז די קאָמונארן האָבן געקענט פרײ צונעמען ראָטשילדס געלט אויב זײ װאלטן עס געװאָלט טאָן, װײל דאס געלט האט זיך געפונען אין זײערע הענט. דאס איז א ענין װאס מיר װעלן אפשר האָבן א מיגלעכקײט צו באטראכטן גענויער אין א ספּעצי־עלער ארבעט, דערװײל װילן מיר דאָ בלויז מאכן די דאָזיקע פעסטשטעלונג. ב. מא־לאָן האט אויך געװוסט, אז עס זײנען געװען אויך ידישע קאָמונארן. אײנער פון זײ איז געװען עלי מײ מיט װעמען ער האט נאָך אין 1885 געגרינדעט די „סאָסיעטע רעפּובליקען ד'עקאָנאָמי סאָסיאל" װאס איז געװען די ערשטע ערנצטע גרופּירונג פון סאָציאליסטישע און סאָציאליסטיש־געשטימטע טעאָרעטיקערס אין פראנקרײך. מען דארף אָבער גיכער אָננעמען, אז דער קאָמונאר, בולאנזשיסט און סאָציאליסט ע. מײ האט, פונקט װי אזוי פיל אנדערע פראנצײזישע ידן אין דער ארבעטער־באװעגונג, קײנמאָל נישט ארויסגעװיזן זײן ידישקײט און ער האט מסתמא קײנמאָל נישט פּראָטעסטירט קעגן אנטיסעמיטיזם פון ב. מאלאָן און א. שיראק װאס איז אויך געװען א מיטגליד פון דער געזעלשאפט.(42)

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז ב. מאלאָן האט ארויסגעגעבן לא רעװי סאָסי־אליסט װאס איז געװארן בעיקר די צײטונג פון ב. מאלאָנס אינטעגראלן סאָציאליזם און פון אומאָפּהענגיקע סאָציאליסטן. אײנער פון די חשובסטע מיטארבעטערס אין לא רעװי סאָסיאליסט איז געװען גוסטאװ ארמאן רואנעי (1855 - 1927), א שטארק אינטעליגענטער מענטש, א סאָציאליסטישער דעפּוטאט אין פּארלאמענט, אײנער פון די גרויסע פּראקטישע סאָציאליסטישע מיליטאנטן. פּאָליטיש האט ער געהערט צו ב. מא־לאָנס שול, א צײט איז ער געװען ב. מאלאָנס סעקרעטאר. װעגן זײן ראָל אין סאָצי־אליזם איז גענוג צו זאָגן, אז לויט לעאָן בלום האט ער עס געװיזן זשאַן זשאָ־רעסן פארן סאָציאליזם. װעגן ע. דרימאָנס לא פראנס זשויװ האט ג. רואנעי גע־

שריבן, אז עס איז א דעזאָריענטירט ווערק, שלעכט צעקייעט, פול מיט נישט פּינקט־לעכקייטן, אָבער געשריבן מיט ענטוזיאזם. ער האָט פאררעכנט דאָס ווערק צווישן די דריי גרעסטע געשעענישן אין קאמף קעגן פראנצייזישן קאפּיטאליזם אין יאָר 1886 — אלע דריי געשעענישן זיינען געווען פון א בפירוש אנטיסעמיטישן כאראקטער. די דאָזיקע דריי גרויסע געשעענישן זיינען, לויט ג. רואנעי, געווען: 1) די נייע אויס־גאבע פון אנטיסעמיטיש ווערק פון א. שיראק; 2) דרימאָנס בוך <u>לא פראנס זשויוו</u>; 3) דער אורטייל פון א פאריזער געריכט וואָס האָט באפרייט א גרופּע סאָציאליסטן פאר אן ארטיקל קעגן „יידישן קאפּיטאל" אין א סאָציאליסטישער צייטונג. ג. רואנעי האָט אין <u>לא רעוויו סאָסיאליסט</u> אָפּגעדרוקט איינע פון די ווארעמסטע רעצענזיעס איבער ע. דרימאָנס בוך <u>לא פאן ד'אן מאנד</u>. ער האָט בפירוש געשריבן, אז צווישן א סעמיטיש־ארישן אנטאגאָניזם און דעם אנטאגאָניזם צווישן די קאפּיטאליסטן און פּראָלעטאריער איז פאראנען א פארבינדונג. עס איז א פאקט, האָט רואנעי געשריבן, אז „די דאָמינירנדיקע טענדענץ פון יידישן פאָלק איז צו פארכאפּן די בערזע. מען קען באטראכטן די דאָזיקע דערשיינונג וואָס איז די כאראקטעריסטיק פון דער [יידי־שער] ראסע מיט די סאָציאלע באדינגונגען אין וועלכע דאָס [יידישע] פאָלק האָט גע־לעבט במשך פון יאָרהונדערטער, איך בין עס מודה. אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין די סיבה פון דעם פאקט — דער פאקט עקסיסטירט דאָך. די יידן זיינען א קליינע גרופּע און זיי מאָנאָפּאָליזירן די רייכקייט... דער ראסן־אנטאגאָניזם צווישן יידן און אריער דאָפּלט זיך מיטן עקאָנאָמישן אנטאגאָניזם צווישן קאפּיטאליסטן און פּראָלעטא־ריער. ה' דרימאָן טרייבט אפשר איבער די געפאר, נישט פון קאפּיטאליזם, נאָר פון דער יידישער באנדע [„זשוויוועריי"] וועמענס האנט ער זעט אומעטום. דאָך איז קלאָר, אז דער איינפלוס פון די יידן וואָס פארגרעסערט זיך האָט קאטאסטראָפאלע רעזולטאטן; אז דער דאָזיקער איינפלוס פארערגערט די עקאָנאָמישע רויבעריי. דער יידישער קאפּי־טאליסט פּראקטיצירט די סאָציאלע אויבערהאנט ווי א באזיגער, א פארכאפּער וואָס פארמאָגט נישט קיין שום רחמנות פאר דעם באזיגטן, ווייל ער טראָגט אריין אין זיינע באציונגען מיטן באזיגטן דעם גייסט פון מלחמה און נקמה פול מיט שנאה פון זיין ראסע וואָס טריומפירט ענדלעך נאָך יאָרהונדערטער פון קאמף... די יידן פארשפרייטן מיט א שרעקלעכער גיכקייט דעם קאפּיטאליסטישן סיסטעם . אויב עס זאָל אָנגיין אזוי נאָך א פּאָר יאָר וועט די גאנצע ציוויליזאציע ליגן אין זייערע הענט". ג. רו־אנעי וואָרפט בלויז פאָר דרימאָנען פארוואָס ער קעמפט נישט אויך קעגן קריסטלעכן קאפּיטאליזם. ער איז מודה, אז די מאָנארכיסטן פארוואנדלען דרימאָנס ווערק אין א געווער קעגן דער רעפּובליק. „אָבער — שרייבט ג. רואנעי — אויב די רעפּוליקאנער זאָלן פארמאָגן די נויטיקע אומאָפּהענגיקייט פון קריטיק דערפאר, וואָלטן זיי אָנער־

קענט די ריכטיקייט פון די אלגעמיינע שטריכן פון ה' דרימאָנס קריטיק". נאָך אַן
אנטיסעמיטישן מיטינג פון די בולאנזשיסטן אין יאנואר 1890 וועגן וועלכן עס וועט
אונדז אויסקומען ווייטער צו שרייבן, האָט גוסטאוו רואנעי ווידער אָפּגעדרוקט אַן אַר-
טיקל אין לא רעווי סאָסיאליסט וועגן דער „יידן-פראגע און דער סאָציאלער פראגע"
וואָס איז אין תוך ווידער געווען נישט מער ווי אַן אַפּאָלאָגעטיק פאַרן אנטיסעמיטיזם.
ראשית כל האָט רואנעי געפּרוווט אויפווייזן, אַז די אנטיסעמיטן אין אוטאָפּישן סאָ-
ציאליזם און אין דעם מאָדערנעם סאָציאליזם (טוסענעל, פרודאָן, דישען, שיראק)
האָבן באַנוצט די אויסדרוקן „ייד", „יידישע באַנדע" אין פאָלקלאָריסטיש-ליטעראַ-
רישן זין, אַזוי ווי דאָס פאָלק באַנוצט די ווערטער בכדי צו באַצייכענען וווכערניקעס
און שווינדלערס, בשעת דרימאָן האָט פיינט די יידן. נאָך אַזאַ נאַיוון פּרוווו אָפּצוגרע-
נעצן דעם סאָציאליסטישן אנטיסעמיטיזם פון באַקאַנטע סאָציאליסטן פון דעם רעאַק-
ציאָנערן אנטיסעמיטיזם אַ לא דרימאָן, האָט ג. רואנעי דיסקוטירט מיט דרימאָנס
קעגנער פון דעם ראַדיקאַלן לאַגער (רענאַן, זשול סימאָן א"אנד), וואָס האָבן זיך
אָנגענומען פאַר די פּרינציפּן פון פרייהייט פון געוויסן. רואנעי פאַרטיידיקט דערביי
דרימאָנען: „זיי מישן צונויף יידישקייט מיט יודאַיזם („יזראעליטיזם אַוועק זשו-
דאַיזם"), דאָס איז נישט די זעלביקע זאַך. ה' דרימאָן באַקעמפט די יידן ווי קאַפּי-
טאַליסטן. די פראַגע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער פרייהייט פון געוויסן. אַזוי
איז אויך מיטן פּרינציפּ פון גלייכהייט פון אַלע פראַנצויזן פאַרן געזעץ. ה' דרי-
מאָן און זיינע פריינד לייקענען אָפּ פאַר יידן דאָס רעכט צו זיין פראַנצויזן צוליב
זייער עטנישער אָפּשטאַמונג, בכן לייקענען זיי כלל נישט דעם פראַנצייזישן פּרינציפּ
פון גלייכהייט". אויך דאָס מאָל האָט רואנעי געהאַט בלויז איין קריטיק אויף דרי-
מאָנס חשבון: עס איז ניטאָ קיין חילוק צווישן יידישע און נישט-יידישע קאַפּיטאַליסטן.
דער געוועזענער רעוואָלוציאָנער אורבענגאַיע האָט מיט יאָרן שפּעטער דערמאָנט וואָס
גוסטאוו רואנעי האָט געהאַט געזאָגט וועגן דרימאָנען: „דרימאָנס ווערק וועט פאַר-
בלייבן. די רעפּובליקאַנער האָבן ווייניק געלייענט די ווערק פון דרימאָנען וועמען זיי
נעמען אָן פאַר אַן אַגענט פון די יעזויטן. עס איז דייטלעך, אַז ער ווערט אויסגע-
נוצט דורך די קלעריקאַלן און רעאַקציאָנערן, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק... זיינע
ביכער וועלן דאָך פאַרבלייבן ווי וויכטיקע דאָקומענטן. אָן זיי וועלן אונדזערע אײ-
ניקלעך נישט זיין בכוח צו פאַרשטיין די געשיכטע פון אונדזער תקופה".[43] ג. רו-
אנעי האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון ציטירן אין זיינע אַרבעטן ע. דרימאָנס ווערק.
אגב איז רואנעי נישט געווען דער איינציקער. סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און ראַדי-
קאַלן, סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע צייטונגען האָבן גאַנץ אָפט זיך באַנוצט מיט
דרימאָנען ווי מיט אַן ערנצטן מקור וועגן דער פאַריזער קאָמונע, פינאַנציעלע סקאַנ-

דאלן אד"גל.[44] דרימאָן, ווידער, האָט געלויבט דעם סאָציאַליסט גוסטאַוו רואנעי.
דרימאָנס א נאָענטער מיטארבעטער דערציילט, אז אן אנטיסעמיטישע רעדע פון ג. רו־
אנעי אין פארלאמענט האָט געמאכט א שטארקן רושם אין די אנטיסעמיטישע קרייזן.[45]
ג. רואנעי האָט שפעטער, בעת דער דרייפוס־אפערע, יאָ דערזען די געפאר פון אנטי־
סעמיטיזם פארן קיום פון דער רעפובליק. ער איז געוואָרן איינער פון די פירערס
פון דרייפוסארישן לאגער אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג - נישט באלד אין אָנ־
הייב פון דער אפערע, נאָר ערשט סוף 1897 - און נישט איינמאָל איז אים אויסגעקו־
מען צו באקעמפן דרימאָנען. ער האָט, הפנים, געזוכט צו פארגעסן יענע צייטן ווען
ער איז געווען באגייסטערט פון דעם אנטיסעמיטישן פירער. אין 1899 האָט רואנעי
געשריבן, אז וויבאַלד ביים באווייזן זיך פון לא פראנס זשוויוו זיינען די סאָציאַליסטן
ארויסגעטרעטן קעגן דרימאָנען. אָבער טיף אין זיך האָט רואנעי נאָך אלץ באהאלטן
א געוויסן רעספעקט פאר דעם אנטיסעמיטישן פירער און געגלויבט, אז דרימאָנס
ווערק האָבן געהאט א פארדינסט אין דעם קאמף קעגן קאפּיטאַליזם. דעם 25סטן מיי
1895 האָט רואנעי דערקלערט אין פארלאמענט: „... א שרייבער פון א גרויסן טאַ־
לאנט, ה' דרימאָן, וועמען איך וויל אויף דער טריבונע אָפּגעבן עפנטלעך כבוד. ווייל
ווי אזוי מען זאָל נישט באטראכטן זיין ווערק, איז זיין ווערק מוטיק און האָט גע־
בראכט אין דער פראנצייזישער געזעלשאפט, אין געוויסע צייטן, גוטע רעזולטאטן".
ביי דער געלעגנהייט האָט רואנעי ווידער געזוכט ריינצוואשן אויך דעם אנטיסעמיט
פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם טוסענעל מיט דער נאַיווער אויסטייטשונג, אז טוסענעלס
ווערק איז געווען געוואָנדן נישט קעגן יידן, נאָר קעגן פראָטעסטאנטן. אפילו יע־
מאָלט, אין ברען פון דער דרייפוס־אפערע, האָט גוסטאַוו רואנעי נאָך אלץ געשריבן:
„דער אנטיסעמיטיזם איז בכן בלויז א קריזיס פון דער סאָציאַלער אומצופרידנ־
קייט".[46]

א. שיראַק האָט אין לא רעווי סאָסיאַליסט געלויבט דרימאָנען וועמען ער האָט
געהאלטן פאר א „מוטיקן" מענטש. ער האָט בלויז געמיינט, אז ער - דער סאָציאַ־
ליסט שיראַק - איז געווען דער פּיאָנער פון קאמף קעגן יידן און דרימאָן איז בלויז
געגאנגען אין זיינע דרכים. צו דרימאָנען האָט ער אויך געהאט א טענה פארן נית
אויסברייטערן דעם קאמף אויך קעגן דעם נית־יידישן קאפּיטאַל. „איר - האָט שיראַק
געשריבן צו דרימאָנען - ווילט א ראסן־מלחמה פארן פראָפיט פון א קליקע נישט־
יידישע קאפּיטאַליסטן , איך וויל א מלחמה קעגן די יידישע מאנעוורען פארן פראָפיט
פון פאָלק". לא רעווי סאָסיאַליסט איז ביז דער דרייפוס־אפערע געווען דורכגעפוילט
מיט אנטיסעמיטיזם. אפילו דער געדיסט אלעקסאנדער זעוואעס שרייבט, אז אין לא
רעווי סאָסיאַליסט האָט מען באגריסט דרימאָנען. אין 1888 האָט לא רעווי סאָסיאַליסט

אפגעדרוקט א „סאציאליסטישן קאטעכיזם", א מין האנטבוך פאר סאציאליסטישע פראָפאגאנדיסטן, וואָס האָט אין דער פאָרם פון שאלות און תשובות געדארפט העלפן פארשפרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די ברייטע מאסן. די שאלה ותשובה נומ' 150 לייענט זיך אזוי:

„ - ווער זיינען די איבערגעטריבנסטע אין דער קונסט פון ספעקולאציע?"

„ - דאָס זיינען די יידן".

א סאָציאַליסטישער טוער האָט איין קאפיטל פון זיינער אן ארבעט וועגן פאָליטישער קאָרופציע אָנגערופן „דער יידישער מיקראָב און זיינע שותפים". ער שרייבט: „דער ייד איז דער קעניג פון שווינדל. אים געהערט די ממשלה איבער וובערײ און רויבערײ. דאָס איז קלאָר". „ווען די פרעסע און די וואלן וועלן געווינען זייער אומאפהענגיקײט, וועט געמאכט ווערן א גרויסער שריט... יעמאָלט וועט דער יידישער מיקראָב זײן גוט קראנק". אן אנדער סאָציאַליסטישער טוער האָט געשריבן, אז יידן ווילן „פארדערבן אונדזער אלטע שטאָט פאריז ". וועגן א שטארק אנטיסעמיטיש בוך פראנקרייך פאר פראנצויזן פון ע. מארשאן האָט א סאָציאַליסטישער טוער געשריבן: „כ'האָב נישט ליב די יידישע באנדע, איך בין זייער שטאָלץ צו געהערן צו דער אַלטער ראסע פון פראנקרייך - דאָס שטערט מיר נישט צו קלערן, אז דאָס שרייען „פראנקרייך פאר פראנצויזן" וועט העלפן שאפן יושר".(47

צווישן דרימאָנס נאָענטסטע מיטארבעטערס און גאָר אינטימע פריינד איז געווען די סאָציאַליסטישע קעמפערין סעווערין (קאראָלין - רעמי גיובאר, 1855-1929) וואָס ווערט מיט רעכט באטראכט פאר איינער פון די איידלסטע פיגורן אין דער געשיכטע פון פראנצייזישן סאָציאַליזם און רעפובליקאנישע קאמפן. די דאָזיקע איידעלע פרוי וואָס האָט געקענט שרייבן פלאמיקע ארטיקלען און פארגיסן טרערן אויפן בליק פון א פרוי וואָס האָט געמוזט גיין ארבעטן און לאָזן איר קליין קינד אין שטוב, די זעלביקע פרוי האָט בשעת מעשה געשריבן אויך פלאמיקע אנטיסעמיטישע ארטיקלען אין דרימאָנס לא ליבר פאראָל. איר יידישער איידעם ב. לעקאש פארטיידיקט איר, זי זאָל יעמאָלט האָבן נישט געקענט קיין אנדערע יידן ווי באנקירן. עס איז באמת זיך צו וואונדערן ווי די דאָזיקע פרוי וואָס אליין האָט זי דאָך פיזיש קיינמאָל נישט געארבעט און דאָך האָט זי געקענט אויסזוכן פון אונטער דער ערד פאקטן וועגן נויט און אונטערדריקונג, אָבער צווישן יידן האָט זי געזען בלויז קאפיטאַליסטן. איינער פון דרימאָנס פריינד און ביאָגראפן שרייבט, אז דרימאָן האָט חוץ פערזענלעכער סימפאטיע צו דער סאָציאַליסטישער פרוי אויך געהאט מסתמא אן אויסרעכענונג צו קענען ארײנדרינגען מיט זיינע אידייען אין סעווערינס רעוואָלוציאָנערן פובליקום. סעווערין ווידער, מיינט ער, האָט געוואָלט ארײנציען דרימאָנען און זיין

צײַטונג אין די רעוואָלוציאָנערע רײען. ערשט בעת דער דרײפוס-אַפערע - נישט אין סאַמע אָנהײב פון דער אַפערע, נאָר אין 1897 - האָט סעמברין איבערגעריסן מיט דרימאָנען. מען פאַרזיכערט, אז פאַר אים איז עס געווען נים נאָר א פּאָליטישער, נאָר אויך א פּערזענלעכער קלאַפּ פון וועלכן ער האָט קײנמאָל נישט געקענט קומען צו זיך.[48]

קלאָוויס הוגעס (1851 - 1907) איז געווען א סאָציאַליסט פון פאַר 1870 נאָך. ער האָט גענומען אן אקטיוון אָנטײל אין דער מאַרסעלער קאָמונע פון 1871 און אין די 80ער - 90ער יאָרן איז ער געווען סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. אין סאָציאַליסטישן לאַגער האָט ער א צײט זיך געהאַט דערנענטערט צו זשול געדס מאַרקסיסטישער פּראַקציע, דערבײ איז ער אָבער געבליבן אומאָפּהענגיק. א צײט איז ער געשטאַנען נאָענט צום בולאַנזשיזם. אָבער קודם-כל איז קלאָוויס הוגעס געווען א פּילבאַרער און פּאָפּולערער סאָציאַליסטישער פּאָעט וואָס האָט באַזונגען די נויט פון די אַרבעטער און זײ גערופן צום קאַמף. ער האָט געזונגען פון א סאָציאַליזם וואָס זאָל שטײן העכער פון טרוקענע פּראָגראַמען, העכער פון דער פאָן:

Nous qui voyons plus loin, plus loin
[que la frontière,
Plus haut, plus haut que le drapeau.

קלאָוויס הוגעס האָט נאָך דעם דורכפאַל פון בולאַנזשיזם געזאָגט וועגן זיך: „איך בין געווען א בולאַנזשיסט, בין איך געווען אן אידיאָט; אויב איך זאָל איצט ווערן א נאַציאָנאַליסט, וואָלט איך געווען א געמײנע בריאה". הוגעס איז געבליבן א סאָציאַליסט; קײן נאַציאָנאַליסט איז ער נים געוואָרן, ער איז אָבער יאָ געוואָרן אן אַנטיסעמיט. ער איז געוואָרן באַגײסטערט פאַר דרימאָנס אידײען; ער האָט געדרוקט זײַנע לידער אויך אין <u>לא ליבר פּאַראָל</u> און האָט געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. אין אײנס פון זײַנע לידער האָט ער געקלאָגט דערויף, וואָס איבער דער פראַנצײזישער באַנק הערשט נישט קײן „אַריער", נאָר א „דײַטשער ייד":

"C'est un Juif allemand qui régente la Banque,
Dans votre patrie, ô Kléber!
... Il [Napoléon] était aryen, soldat et fils
[de France:
Il n'était pas Juif allemand".

פאַר קלאָוויס הוגעס איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען א גוט פּראָפּאַגאַנדע-מיטל פאַרן סאָציאַליזם. ער האָט דערקלערט אין אן אינטערוויו: „הגם איך בין נישט קײן פּראָ-

פעסיאָנעלער אנטיסעמיט,מײן איך אָבער, אז דרימאָן און זײנע ערשטע נאָכפאָלגערס האָבן גרויסע פארדינסטן פאר דער סאָציאלער רעוואָלוציע, ווײל שאפנדיק אנטיסעמיטן האָבן זײ געשאפן סאָציאליסטן אין א רעליגיעזער סביבה וו אן אנדער מין פראָפאגאנדע וואָלט זיכער דורכגעפאלן". „די ידישע פראגע, מײן איך, וועט געפינען א נאטירלעכע לײזונג אין דער רעאליזירונג פון דער אידײע פון דעם פראָלעטארישן רעוואָלט". „איך ווײס אָבער, אז אײניקע פירערס פון דער רעוואָלוציאָנערער פארטײ חלומען איבערצונעמען אין א געוויסן מאָמענט די פירערשאפט פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג צוליב דער פאָפולערקײט פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג וואָס מאכט פון איר א כוח מיט וועלכן יעדע אינטעליגענטע פארטײ דארף זיך רעכענען". ק. הוגעס איז זיכער נישט געקומען אין בארירונג בלויז מיט ידישע קאַפיטאליסטן. ער האָט זיכער געוווסט אויך וועגן ידישע רעוואָלוציאָנערן. נאָך פאר 1870 האָט ער צוזאמען מיט די ידן גאסטאָן קרעמיע א"אנד געקעמפט קעגן דער צווײטער אימפעריע. פון דער צײט פון דער מארסעלער קאָמונע האָט ער גוט געקענט דעם פירער פון דער מארסעלער קאָמונע גאסטאָן קרעמיע, א יד און א נאָענטער פרײנד פון קלאָוויס הוגעס. נאָך ג. קרעמיעס טויט האָט ק. הוגעס ארויסגעגעבן און געשריבן א הקדמה צו קרעמיעס שריפטן.[49]

דער בארימטער קאָמונאר קלאָזערעי איז געווען אן אנטיסעמיט.[50]

נאָכן ארויסגײן פון לא פראנס זשוויו - בעיקר שפעטער, נאָך לע טעסטאמאן ד'אן אנטיסעמיט - האָט זיך פארבונדן א פרײנדלעכע קאָרעספאָנדענץ צווישן דרימאָנען און דעם סאָציאליסטישן טוער פרעדעריק באָרדעי (1811 - 1911). דרימאָן האָט געוואָלט איבערצײגן זײן סאָציאליסטישן פרײנד, אז ידן זוכן צו פארפירן די סאָציאליסטישע באוועגונג. פ. באָרדעי ווידער האָט געזוכט צו געווינען דרימאָנען פארן סאָציאליזם. „איר- האָט ער געשריבן צו דרימאָנען - זענט פאר די ידן דאס וואָס נאפאָלעאָן איז געווען פאר ענגלאנד". ער האָט זיך במעט ווי געבעטן בײ דרימאָנען, אז ער זאָל קומען צום סאָציאליזם: „איר קענט זיך נאָך נישט אָנשליסן אין דעם ראציאָנעלן סאָציאליזם, איר קענט אים אָבער שטודירן". באָרדעי האָט געשריבן וועגן דרימאָנס בוך וועגן די געשעענישן אין פורמי: „די צײט איז אן ערנצטע, די רעוואָלוציאָנערע טענדענצן פארשטארקן זיך פון טאָג צו טאָג... עס איז צו זען, אז די רעוואָלוציע גײט פאָרויס מיט גיכע טריט, צי איז אוממיגלעך זי צו פארמײדן? עס איז, ווײזט אויס, אזוי און [דרימאָנס] סעקרעי דע פורמי וואָס פאלט זיך צונויף מיטן גײסט מײ איז נישט באשאפן בכדי צו בארויקן די דאָזיקע שנאה".[51]

אויך צווישן די נישט אָרגאניזירטע סאָציאליסטן זײנען געווען אזוינע שטימונגען.

דער געוועזענער קאָמונאַר האַנרי דע ראָשעפאָר (1913 - 1830) האָט נאָך אַלץ געהאַט א גאָר גרויסן איינפלוס אויף די ארבעטער־מאסן אפילו נאָך דעם ווי ער האָט מיטגעמאכט פארשיידענע פּאָליטישע קאָמבינאציעס מיט נישט סאָציאַליסטישע און אנטי־סעמיטישע קרייזן און די סאָציאַליסטן האָבן ביז דער דרייפוס־ אפערע פאָרמעל מיט אים נישט געהאט איבערגעריסן. מיטן אנטיסעמיטיזם איז ער מיטגעגאנגען פון אָנהייב אָן. זיינע א דעקלאראציע קעגן אנטיסעמיטיזם וואָלט מסתמא מיט א מאָל צע־שטערט דרימאָנס אלע באמיִונגען צו געווינען די ארבעטער־מאסן. אזא דערקלאראציע איז אָבער קיינמאָל נישט געקומען. פארקערט, זיין ציטונג ל'ענטראנסיזשאן האָט אָנגעהויבן דרוקן ארטיקלען קעגן יידן אין דרימאָנס סטיל. „א דאנק זיין נייטרא־ליטעט צוערשט - האָט געשריבן אין 1892 דער פּובליציסט מערמעקס - און דערנאָך זיין מיטהילף, האָבן די אנטיסעמיטן באקומען א מיגלעכקייט אויסגעהערט צו ווערן אין געוויסע דעמאָקראטישע קרייזן, צוערשט מיט קוריאָזיטעט און דערנאָך מיט פריינד־שאפט”.[52]

אנאטאָל פראנס וואָס האָט אין 1886 שארף אָנגעגריפן דרימאָנס לא פראנס זשוויוו, איז אויך געווען א צייט אנטיסעמיטיש געשטימט אונטערן איינפלוס פון זיין פּאָזיטיווער באציִונג צו דער ארבעטער־באוועגונג, יעמאָלט ווען מען האָט אין דעם ייד געזען דעם סימבאָל פון קאפּיטאַליזם. א. פראנס איז אָבער שפּעטער אויפריכטיק געוואָרן איינער פון די אינטעלעקטועלע זיילן פון דעם דרייפוסארישן לאגער.

דער בארימטער שרייבער מאָריס בארעס, איינער פון די אינטעלעקטועלע זיילן פון דעם אנטי־דרייפוסארישן לאגער האָט געירשנט זיין אנטיסעמיטיזם פון זיינע יונגע יאָרן נאָך, פון דער צייט ווען ער איז געווען שטארק סאָציאַליסטיש געשטימט און ער האָט געהאלטן דעם סאָציאַליזם פאר א מקום מקלט וו מען קען זיך שיצן פון אַל דאָס שלעכטס. אין די יאָרן ווען ער איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט האָט מ. בארעס גערופן די אנטיסעמיטן מיט דרימאָנען בראש זיך אָנצושליסן אין די סאָציאַ־ליסטישע רייען: „דער מלוכה־סאָציאַליזם, אָט איז דער נויטיקער קאָרעקטיוו פון דער אנטי־יידישער פאָרמולע... זאָלן די אנטיסעמיטן זיך אָנשליסן אין די רייען פון זייערע מער באוווסטזיניקע ברידער, די סאָציאַליסטן”. דער לאָזונג „נידער מיט יידן”, האָט געשריבן בארעס, איז פאקטיש א לאָזונג פון קאמף קעגן קאפּיטאַל. די מאסן וועלן זיך נישט באנוגענען מיט דער אנטי־יידישער פאָרמולע ווי מיט א פּראָ־גראם, אָבער זיי וועלן זי יאָ באנוצן ווי א לאָזונג זיך צו גרופּירן. דאָס וואָרט ייד, האָט ווייטער דערקלערט בארעס, איז נישט מער ווי אן אדיעקטיוו וואָס באצייכנט די וווכערניקעס, אונטערדריקערס, בערזע־שפּעקולאנטן. די ווערטער „נידער מיט ראָט־שילדן, נידער מיט די יידן” איז די פאָרמולע אין וועלכער עס ווערן רעזומירט די

טענות פון דעם וואס פארטאגט נישט גענוג קעגן דעם יעניקן וואס פאראגט צופיל. דער אנטיסעמיטיזם דערלאנגט די האנט דעם סאציאליזם. דרימאנס לא פדאנס ושחיו איז אן אויסגעצייכנטע צוגרייטונג צו לא רעווי סאסיאליסט. נאכן לייענען דרימאנס באשולדיקונגען קעגן יידן איז מען בעסער געגויגט, האט דערקלערט בארעס, צו הערן די ווערטער פון דעם סאציאליסט בענוא מאלאן.

פון אנהייב פון דער דרייפוס־אפערע אן איז בארעס געווען אקטיוו אין אנטי־דריי־פוסאריש לאגער. זיין מיינונג וועגן יידן האט ער געביטן ערשט בעת דער מלחמה 1914 - 1918, ווען ער האט שטארק געלויבט דעם פאטריאטיזם פון די פראנצייזישע יידן.[53]

דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס אין בריסל אין אויגוסט 1891 האט אנגענומען א רעזאלוציע קעגן אנטיסעמיטיזם, אבער מיט קאמפראמיסן, און נאך א שארפן פראטעסט מצד די צוויי פראנצייזישע דעלעגאטן, די בלאנקיסטן רע־ניאר און פאל ארזשיריאדעס. אב. קאהאן וואס איז געווען שליח פון די יידישע אר־בעטער אין אמעריקע אויף דעם סאציאליסטישן קאנגרעס אין בריסל און האט געפאָ־דערט אנצונעמען אזא רעזאלוציע שרייבט, אז די פראנצייזישע דעלעגאטן האבן גע־רעדט אין אן אנטיסעמיטישן זין. אין דעם אפיציעלן באריכט פון דעם קאנגרעס ווערט איבערגעגעבן, אז די פראנצייזישע פארשטייערס האבן געפאדערט אנצונעמען א רעזאלוציע אויך קעגן דער סעמיטישער פראפאגאנדע, אז די רעזאלוציע זאל זיך ארויסזאגן קעגן פילאסעמיטיזם פונקט אזוי ווי קעגן דעם אנטיסעמיטיזם. דער קאנגרעס האט טאקע אנגענומען א רעזאלוציע נישט קעגן אנטיסעמיטיזם, נאר קעגן אנטיסעמיטיזם און פילאסעמיטיזם. לויט זשאן לאנגעי, אן איניקל פון קארל מארקס, האט מען מיטן ווארט „פילאסעמיטיזם" געמיינט דעם ציוניזם וואס דער יידי־שער דעלעגאט אויפן קאנגרעס האט געפאדערט צו פארמשפטן צוגלייך מיטן אנטיסעמי־טיזם. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אז אב קאהאן זאל האבן אין 1891 געשטעלט אזוי שארף די פראגע וועגן ציוניזם. סיי ווי ווערט אין דער רעזאלוציע דערמאנט פילאסעמיטיזם און נישט ציוניזם, האט מען די רעזאלוציע לייכט געקענט אויס־טייטשן אויך קעגן יידן־פריינד. אגב האט פאל ארזשיריאדעס (1849 - 1901) בעת דער אפערע אנגעשריבן א פרא־דרייפוסארישע נאטיץ אין זיין יערלעכן סאציאליסטישן אלמאנאך - אויך נישט אין אנהייב פון דער אפערע, נאר ערשט אין 1898.[54]

VII. בולאנזשיסטישער אנטיסעמיטיזם.

אין 1889 האט עדואַרד דרימאָן געגרינדעט די „נאציאנאלע אנטיסעמיטישע ליגע פון פראנקרייך" וואס האט דעם 5טן סעפטעמבער 1889 ארויסגעלאזט דעם ערשטן

אויפרוף, געחתמעט פון ע. דרימאָן, דע ביעז און א געוויסן מאיאר וואָס האָט זיך געחתמעט „ראדיקאל-סאָציאליסטישער ארבעטער".[55] אין יענער תקופה איז געווען באמת ערנצט די געפאר, אז דער אנטיסעמיטיזם זאָל אוועקגעשטעלט ווערן אויף דער הייך פון א פאָליטישער פארטיי מיט דער הילף פון בולאנזשיזם.

די באוועגונג פון דעם גענעראל זשאָרזש בולאנזשעי (1837 - 1891) אין די 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן וואָס האָט געהאט נאפּאָלעאָנישע אספיראציעס מיט א סאָציאליסטישער טענדענץ, איז אויפגעקומען אין א צייט פון פינאנציעלע סקאנ-דאלן און א פארלאמענטארישער ירידה. צוליב טייל סאָציאליסטישע טענדענצן האָט דער בולאנזשיזם צוגעצויגן ברייטע מאסן און אויך גאָר א גרויסע צאָל פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער ארבעטער-באוועגונג. צווישן אנטיסעמיטיזם א לא דרימאָן - דע מאָרעס און דעם בולאנזשיזם איז געווען עפעס געמיינזאמעס. ביידע באוועגונ-גען האָבן געזוכט צו געווינען די ארבעטער-מאסן, ביידע האָבן געזוכט צו געווינען די זעלביקע מאסן, און סוף כל סוף האָבן זיי זיך ביידע צונויפגעטראָפן. דער אנ-טיסעמיטישער פראָפעסאָר לוי דימיעי שרייבט אין זיינע זכרונות, אז דרימאָנס רוף „איז געווען געוואָנדן צו די זעלביקע סענטימענטן פון וועלכע עס האָט זיך כמעט היכף דערנאָך געשאפן דער בולאנזשיזם. די ביידע באוועגונגען האָבן ארומגענומען די זעלביקע עלעמענטן". דער פובליציסט מערמעקס וואָס איז א צייט געווען א פירנ-דיקע פערזענלעכקייט צווישן די בולאנזשיסטן, האָט געשריבן אין א ביכל וועגן אנ-טיסעמיטיזם אין פראנקרייך וואָס עס איז אונדז שוין אויסגעקומען צו ציטירן :

„די קאָנסערוואטיווע עלעמענטן פון דער פראָווינץ וואָס האָבן געליינט דרימאָנען, האָבן אפלאָדירט די סאָציאליסטישע דעקלאראציעס פון די בולאנזשיסטן. זיי האָבן זיי אָבער פארטייטשט אויף זייער אייגענעם שטייגער. פאר זיי האָט דער סאָציאליזם באטייט מלחמה קעגן יידן. די בולאנזשיסטן וואָס האָבן נישט געוואָלט אנטמוטיקן קיין שום גוטן ווילן, האָבן גאָרנישט געזאָגט קעגן דעם... דער אנטיסעמיטיזם איז אפשר געווען א כוח". פאר די אנטי-יידישע שטימונגען פון די לינקע עלעמענטן אין בו-לאנזשיזם איז געווען, למשל, שטארק כאראקטעריסטיש דער באקאנטער שרייבער פאָל אדאם (1862 - 1920), א מענטש וואָס איז געשטאנען גאָר נאָענט צו די אנארכיסטישע קרייזן און האָט מיטגעארבעט אין די וויכטיקסטע אנארכיסטישע אויסגאבעס. אין זיי-נער א הקדמה צו א בולאנזשיסטישער געשיכטע פון דעם בולאנזשיסט פראנסיס לאָור האָט ער געשריבן: „די בורזשואזיע פון דער פראָווינץ וואָס איז רויִנירט געוואָרן דורך דעם גראנדיעזן יידיש-ראדיקאלן שווינדל פון פאנאמא-קראך" אאז"וו. ווען דער בולאנזשיסט פראנסיס לאָור האָט אין 1889 געמאכט אין פארלאמענט אן אלוזיע, אז ראָטשילד שטייט בראש פון אן „אינטערנאציאָנאלן פארבאנד" פון יידישע פינאנ-

ציסטן, האָט ער באַקומען אַפּלאָדיסמענטן פון די עקסטרעם רעכטע און אויך פון די עקסטרעם לינקע דעפּוטאַטן.

אָבער אָפיציעל איז דער בולאַנזשיזם נאָך נישט געווען אַנטיסעמיטיש. אויך די פראַנצייזיש־יידישע קרייזן האָבן צוערשט נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער בולאַנזשיזם גייט אָפן אַריבער אין דעם אַנטיסעמיטישן לאַגער. דער גענעראַל בולאַנזשעי גופא האָט זיך אויסגעהיט אַרויסצוטרעטן פאַרן אַנטיסעמיטיזם. אמת, אַז דער ייד זשאָזעף ריינאַק (1921 - 1856), אַ געוועזענער סעקרעטאַר פון גאַמבעטאַ, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע קעגנער פון בולאַנזשיזם, אָבער דער ייד אַלפרעד נאַקעי (1916 - 1834) איז געווען דעם גענעראַלס רעכטע האַנט. אויס איינזען פאַר נאַקעי האָט דער בולאַנזשיזם צוערשט זיך טאַקע אָפּגעהאַלטן פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם. אַ צייט איז אַ צווייטער ייד, אוידזשען מייער אויך געווען אַ בולאַנזשיסטישער פירער. שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דער באַוועגונג צוזאַמען מיט זיין צייטונג לא לאַנטערן און דערפאַר האָבן זיינע געוועזענע פריינד אים אָנגעהויבן צו אַטאַקירן ווי אַ ייד. צדיק כהן, דער אויבער־ראַבינער פון פראַנקרייך, איז אַפילו געווען ביי דער מיינונג, אַז אין פאַל פון אַ דורכפאַל פון בולאַנזשיזם וועט דער אַנטיסעמיטיזם זיך אַנטוויקלען אין פראַנקרייך. די בולאַנזשיסטן האָבן געזוכט צו געווינען יידישע שטימען ביי די וואַלן אין אַלזשיר און בשעת מעשה זיינען בולאַנזשיסטן אַרויסגעטרעטן קעגן יידן. דער בולאַנזשיסטישער דעפּוטאַט ווערגאָין האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט, אַז ווען ער האָט גערעדט וועגן דער „יידישער באַנדע" האָט ער דערמיט געמיינט בלויז „די קאָאַליציע פון די פינאַנציעלע כוחות". אַ יידישע דעלעגאַציע איז בשייכות מיטן אַרויסטריט פון דעם בולאַנזשיסטישן דעפּוטאַט אַוועק צום גענעראַל בולאַנזשעי וואָס האָט פונקט געהאַט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור צו די וואַלן (1889). דער גענעראַל האָט דערקלערט: „איך בין נישט קיין אַנטיסעמיט". ווערגאָין - האָט ער געזאָגט - האָט אַרויסגעזאָגט ווערטער וואָס האָבן זיכער אַריבערגעשטיגן זיין אייגענעם מיין, אַלנפאַלס סאָלידאַריזירט ער זיך נישט מיטן אַרויסטריט פון דעם בולאַנזשיסטישן דעפּוטאַט. סוף יאַנואַר 1889 האָט אַרשיוו איזראַעליט נאָך אַלץ געצווייפלט צי דער בולאַנזשיזם איז אַנטיסעמיטיש, מיט אַ וואָך שפּעטער האָט אָבער די צייטשריפט געמוזט בייטן איר מיינונג. דעם 18טן יאַנואַר 1890 איז אין דער פאַריזער פאָרשטאָט נאָיי פאָרגעקומען אַ בולאַנזשיסטישער וואַלמיטינג מיט פראַנסיס לאָור אויף וועלכן עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע גדולים פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך און דער מיטינג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטי־יידישער מאַניפעסטאַציע. דער לאָזונג פון אַלע רעדנערס (פראַנסיס לאָור, דרימאָן, דע מאָרעס, דער אַנאַרכיסט סודעי א"אַנד) איז געווען, אַז

אנטיסעמיטיזם פארטיידיקט די אינטערעסן פון די ארבעטער־מאסן, אז דעם קאמף פארן סאציאליזם מוז מען אנהייבן ראשית כל פון קאמף קעגן יידן. דער באקאנטער פראנצייזיש־יידישער היסטאריקער איזידאר לעב האט באמערקט וועגן דעם מיטינג, אז מ'האט דארט אטאקירט יידן „אין נאמען פון די אינטערעסן פון די ברייטע מאסן". די אנטיסעמיטן האבן געפרווט פארשטעלן דעם דאזיקן בולאנזשיסטישן מיטינג ווי א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון אנטיסעמיטיזם, ווי דעם אנהייב פון א געמיינזאמען קאמף פון פארשיידענע סאציאלע קלאסן קעגן איין געמיינזאמען שונא: דעם ייד. די צייטונג לע פילארי האט געשריבן, אז אויף דעם מיטינג „זיינען געווארפן געווארן די יסודות פון א נאענטער פארבינדונג צווישן דעם וואס בלייבט ריין און קלאר זיכטיק אין דער אריסטאקראטיע און דער וועלט פון ארבעטער אויפן געביט פון סאציאלע פאדערונגען. עס זיינען געווארפן געווארן ענערגישע רופן פאר גערעכטיקייט. מענטשן פון קלאסן וואס זיינען ביז איצט געווען שונאים האבן געמאכט לאיאלע צוזאגן פון איינהייט אין דער אנטוויקלונג פון א מאסע ענטוזיאסטישע ארבעטער".[56] דער בולאנזשיזם האט אבער געליטן א מפלה און צוזאמען מיטן בולאנזשיזם האבן זיך דיסקרעדיטירט באקאנטע ארבעטער־טוערס. די אנטיסעמיטן האבן ווידער געמוזט אויפסניי זוכן נייע וועגן און פארבינדונגען בכדי צו דערפירן דעם אנטיסעמיטיזם ביז דער מדרגה פון א שטארקן פאליטישן כוח אין לאנד. דער לאזונג פון די אנטיסעמיטן איז אבער ווייטער געבליבן דער זעלביקער, אז יידן זיינען די סינטעזע פון קאפיטאליזם.

סוף מארץ 1891 איז ארויס אן אנטיסעמיטישע צייטונג ל'אנטי־יוטר. ס"ה זיינען פון דער אויסגאבע ארויס 5 נומערן, זי האט אבער צוזאמען מיט ענלעכע אויסגאבעס באוויזן צוצוגרייטן דעם באדן פאר דרימאנס צייטונג לא ליבר פאראל וואס האט אנגעהויבן ארויסגיין דעם 20סטן אפריל 1892 און איז גאר גיך געווארן די וויכטיקסטע אנטיסעמיטישע צייטונג אין מערב־איראפע. אין ערשטן נומער פון ל'אנטי־יוטר זיינען געווען געדרוקט אויסצוגן פון די ווערק פון דרימאן און דעם פוריעריסט טוסענעל. ביים ארויסגעבן די צייטונג האט געשפילט א ראלע א געוועזענער קאמונאר נאפאלעאן הזאר, רעדאקטאר פון דער צייטונג איז געווען נאעל גאלוא (עמאנועל גאליאן), וואס איז געווען אינספעקטאר פון באריקאדעס בעת דער פאריזער קאמונע. דרימאנס א מיטארבעטער האט אים כאראקטעריזירט פאר אן „אנטיסעמיט פון לינקס און פון דער רעוואלוציע"[57]

VIII. די באציונג פון די גערסטן צום אנטיסעמיטיזם.

ביז איצט האבן מיר באטראכט בעיקר די באציונג פון די אומאפהענגיקע

ציאַליסטן און פון אַנהענגער פון ב. מאַלאָנס שול צום אַנטיסעמיטיזם. דער אַנצייזישער סאָציאַליזם איז אָבער נישט געווען קיין איינהייטלעכער און פאַר 1905 ט נישט עקסיסטירט קיין פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. ווייטער, בשייכות מיט ר דרייפוס-אַפערע, וועט אונדז אויסקומען צו באַרירן גענויער די פאַרשיידענע אַקציעס אין פראַנצייזישן סאָציאַליזם. איצט ווילן מיר בלויז באַטראַכטן די באַ-ונג צום אַנטיסעמיטיזם מצד געד (1922-1845) און זיין פּראַקטיק אין סאָציאַ-זם. זשול געד איז געווען דער באַגרינדער און פירער פון דעם געדיזם וואָס ז געווען דער לינקער, דער אָרטאָדאָקסיש-מאַרקסיסטישער פליגל אין פראַנצייזישן אָציאַליזם. דער געדיזם האָט זיך גרופּירט זינט 1879 אין דער „פראַנצייזישער אַר-עטער פּאַרטיי" („פּאַרטי אוווריער פראַנסעי"). דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי איז אַרבעט געוואָרן אין יוני 1880 דורך זשול געד און פּאָל לאַפאַרג צוזאַמען מיט אַרל מאַרקס און פ. ענגעלס.

ע. דרימאָן האָט א פּאָר מאָל געשריבן וועגן זשול געד. אין ין פאַל האָט דרימאָן געשריבן מיט אַזאַ זיכערקייט: „ער, זשול געד, פּרוּווט זיך צו ען די רייכקייט קאָנצענטרירט איצט אין א קליינער צאָל יידישע הענט". געמיינט אָט דרימאָן דערמיט צו זאָגן, אַז לויט זש. געד וועט אַזאַ קאָנצענטראַציע פון קאַ-יטאַל פאַרלייכטערן דעם נצחון פון פּראָלעטאַריאַט. „אָבער ער איז ביי דער מיינונג האָט דרימאָן געשריבן - אַז עס וועט נאָך זיין צייט אויפצושרויפן די דאָזיקע ענט וואָס אַנדערע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן באַנוצן זיך צו לעקן". ווייזט אויס, ז דרימאָן האָט געהאַט א געוויסן רעכט צו ריידן מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן די אַנ-טי-יידישע געפילן צווישן געדיסטן. דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער ון א געוויסער תקופה זשאָרזש סאָרעל דערציילט בשייכות מיט דער דרייפוס-אַפערע, ז דרימאָנס אָרגאַן „לא ליבר פּאַראָל" האָט במשך פון א לאַנגער צייט געהאַט אויסגע-ייכנטע אינפאָרמאַטאָרן צווישן די געדיסטן" (אויך דער סאָציאַליסט טעיען שיטעי ערציילט, אַז דרימאָנס צייטונג „האָט געפונען אין די פאַרשיידנסטע קרייזן סאָציאַ-יסטן וואָס האָבן זי דאָקומענטירט און געשטיצט"). זשול געד האָט אַרויסגעוויזן נעגאַטיווע באַציִונג צו יידן בשייכות מיטן פּראָצעס (12טן אויגוסט 1886) קעגן ער צייטונג „לע פּילאָרי" פאַר אַן אַרטיקל „פאַרטרייבט דעם ייד" פון סאָציאַליסטן מאַ-יאָט. אין דעם אַרטיקל איז, אגב, דערציילט געוואָרן וועגן א סאָציאַליסטישן מי-ינג אין דער בורס-די-טראַוואַי (אַרבעטער-בערזע) וו מ'האָט דערקלערט: „אין טאָג ען מען וועט אָנהייבן שטיקן דעם יידישן פינאַנץ וועט געמאַכט ווערן א פּראָגרעס ין דער סאָציאַלער פראַגע". זשול געד האָט דעמאָלט היים פאַרטיידיקט די צייטונג. יי איין געלעגנהייט האָט זשול געד דערקלערט, אַז „די פינאַנצן ליגן בלי שום

ספק אין ייִדישע הענט״. בײַם אָנהײב פון דער דרײפוס־אפערע האָט א רעכטער דע־
פוטאט דערמאָנט די צײַט ווען זשול געד האָט דערקלערט, אז דער „קעניג ראָטשילד
הערשט איבער פראנקרײַך״. א ביאָגראף פון א. בריאן שרײַבט, אז זשול געדן איז
אויסגעקומען צו מאכן פון דער ווײַטנס העפלעכע זשעסטן צו ע. דרימאָנען.[58]

זשול געדס נאָענטע מיטארבעטערס האָבן אויך נישט שטארק ליב געהאט
ייִדן. אײנער פון זײ איז געווען פאָל לאפארג (1842 - 1911), אן אײניקל פון א
ייִד פון באָרדאָ און אן אײדעם פון קארל מארקס. פ. לאפארג איז געווען זש. געדס
נאָענטסטער מיטארבעטער און אײנער פון די בעסטע פארשפרײַטער פון סאָציאליזם אין
פראנקרײַך. אפילו ע. דרימאָן האָט פארגליכן זײַן ביכל לע דרוא א לא פארעס
(1883) צו די ווערק פון דעם ענציקלאָפעדיסט דידעראָ. לאפארג האָט בײַם שרײַבן
וועגן באנקירן פון ייִדישן אָפּשטאם קײנמאָל נישט פארפעלט צוצושטעלן דאָס וואָרט
„ייִד״. אין 1886 האָט א פראנצײזישער הוטן־ארבעטער צוגעשיקט צו פ. לאפארגן א
פראָטעסט־בריוו וואָס לאפארג האָט אָפּגעדרוקט אין לע קרי די פעפל. דער ארבעטער
לויבט אין דעם בריוו לאפארגס אטאקעס קעגן קאפיטאל. אָבער נאָך וואָס, פרעגט ער,
זאָל מען תמיד צוגעבן פארן נאָמען פון א ייִדישן באנקיר דאָס וואָרט „ייִד״. עס זײַ־
נען דאָך פאראנען אויף דער בערזע אויך קריסטן, און רײדנדיק וועגן זײ זאָגט
מען נישט דער קאטוילישער לעאָן סעי אָדער דער פראָטעסטאנט לע גאָדי. „איך בין
א הוטן־ארבעטער, איך קען א סך ייִדן וואָס זײַנען, אזוי ווי איך, אָרבעטער, און א
סך וואָס זײַנען קלײנע אָנגעשטעלטע. עס ווערט דאָ באגאנגען א עולה פון שטאנד־
פונקט פון סאָציאליסטישער ברידערלעכקײט״. דער שרײַבער פון דעם בריוו פרעגט
לאפארגן, צי ער מײנט טאקע, אז ייִדישע קאפיטאליסטן טײלן זײער געלט מיט די
ייִדישע ארבעטער און ער בעט לאפארגן אָפּצודרוקן א דערקלערונג, אז די סאָציא־
ליסטן באקעמפן נישט אלע ייִדן, נאָר בלויז די קאפיטאליסטן, און די קאפיטא־
ליסטן פון אלע רעליגיעס. לאפארג האָט אזא דערקלערונג אָפּגעדרוקט, אפילו מיט
גאנץ שארפע אויסדרוקן קעגן אנטיסעמיטיזם בכלל און בפרט קעגן דרימאָנען.
אָבער פארן שרײַבן אזוי אָפט דאָס וואָרט „ייִד״ האָט ער זיך נישט פארענטפערט. פאר־
קערט, ער האָט ווײַטער געשריבן, אז ראָטשילד שטאמט פון „די לײַזיקע הענדלערס
פון אלטווארג אין פראנקפורט״; וועגן „ייִדישן באנקיר גודשאָ״ וואָס איז געווען פי־
נאנץ־מיניסטער אין 1848 אאז״וו.[59]

אָבער זשול געד און זײַנע נאָענטסטע מיטארבעטערס פון דער „פראנצײ־
זישער ארבעטער־פארטײ״ זײַנען געווען גענוג פארזיכטיק נישט צו לאָזן צופיל
קאָמפּראָמיטירן זיך מיטן אנטיסעמיטיזם. אײנער פון דרימאָנס נאָענטסטע מיטאר־
בעטערס שרײַבט אויך, אז זש. געד האָט זיך נישט געלאָזט ארײַנציען אין אנטיסע־

מיטיזם. דער געדיסטישער אָרגאַן לע סאָסיאַליסט האָט א פּאָר מאָל דערמאָנט וועגן דער עקסיסטענץ פון א יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט געבראַכט די רעזאָלוציע פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסל וועגן דער יידן-פראַגע, האָט איבערגעדרוקט א בריוו פון פ. ענגעלס קעגן אנטיסעמיטיזם אאז"וו.[60]

די געדיסטן און זייער צייטונג לע סאָסיאַליסט האָבן אָפט קריטיקירט דרימאָנען, אפילו גאַנץ שאַרף. עס איז אָבער נישט געווען קיין פּרינציפּיעלער קאַמף פאַר יושר, א קאַמף קעגן אנטיסעמיטיזם ווי קעגן א באַוועגונג וואָס זוכט צו רודפן און פאַרניכטן א פאָלק. אַזוינע קעגנער פון אנטיסעמיטיזם האָט מען געקענט געפינען אין בורזשואַזן לאַגער (רענאַן א"אַנד), די לינקע קרייזן האָבן זיי באַצייכנט מיטן וואָרט „פילאָסעמיטן". עס איז בכלל נישט געווען קיין קאַמף, נאָר א דיסקוסיע וועגן די מעטאָדן פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און וועגן דער ראָל פון אנטיסעמיטיזם אין אָט דעם קאַמף. די געדיסטן האָבן דיסקוטירט מיט די אנטיסעמיטן פּונקט ווי זיי האָבן דיסקוטירט מיט די אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן פון אַנדערע פראַקציעס; גאַנץ אָפט האָבן זיי אין זייערע דיסקוסיעס מיט דרימאָנען זיך באַנוצט מיט מילדערע ווערטער און זיך אויפגעפירט א סך מער דזשענטלמענעריש ווי אין די דיסקוסיעס מיט די אַנאַרכיסטן. מיגלעך, אַז די געדיסטן האָבן ערנצט געמיינט מיט אַזאַ מעטאָדע צו קענען אָפּציען די אַרבעטער פון אנטיסעמיטישן לאַגער. אָבער אין לע סאָסיאַליסט (7טן מיי 1892) האָט מען אויך געקענט לייענען אַזוינע וואַרעמע ווערטער וועגן דרימאָנען און זיינע פריינד: „די אנטיסעמיטן פון פראַנקרייך, מיט דרימאָנען בראַש, זיינען אונדז גאַנץ סימפּאַטיש, צוליב אייניקע אַטאַקעס געוואָנדן דאָ און דאָרט קעגן פינאַנץ. דאָס שיידט זיי אונטער פון סטאָקער און אַנדערע גדולים פון אנטיסעמיטיזם וואָס זיינען געוויינטלעך געניויגט צו דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי". די עיקרדיקע טענה פון די געדיסטן צו די אנטיסעמיטן איז געווען פאַר וואָס זיי באַגרענעצן זייער קאַמף בלויז קעגן יידישן קאַפּיטאַל. דערמיט זיינען די אנטיסעמיטן שעדלעך פאַרן קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט; זיי ווענדן אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון פּראָלעטאַריאַט פון קאַמף קעגן אַלגעמיינעם קאַפּיטאַל, דעם יידישן און קריסטלעכן. דער לאָזונג „דער ייד, דאָס איז דער שונא" - האָבן געטענהט די געדיסטן - איז פּונקט אַזאַ מאַנעוור ווי גאַמבעטאַס לאָזונג „דער קלעריקאַליזם, דאָס איז דער שונא" ביים אָנהייב פון דער 3טער רעפּובליק; א לאָזונג וואָס די געדיסטן האָבן געהאַלטן פאַר גאַמבעטאַס א מאַנעוור אָפּצוציען דעם פּראָלעטאַריאַט פון זיין אמתן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם (דאָס פאַרגלייכן דרימאָניזם צו גאַמבעטיזם האָט אָבער געקענט זיין א שטעקן מיט צוויי עקן. אויך האָבן כלל נישט אַלע לינקע קרייזן טאַקע געהאַלטן גאַמבעטאַס אנטי-קלעריקאַלן לאָזונג פאַר געפערלעך). דער דרימאָניזם

װאָס באַגרענעצט דעם קאַמף בלויז קעגן ייִדישן קאַפּיטאַל איז געפֿערלעך צוליב נאָך אַ סיבה, האָבן געטענהט די געדיסטן. דער דרימאָניזם זעט דעם שונא בלויז אין דער פֿינאַנץ־װעלט, אין דער בערזע, בשעת דער גרעסטער און דירעקטער שונא פֿון פּראָלעטאַריאַט איז דער פּאַטראָנאַט און נישט די בערזע; נישט דער „פֿינאַנציעלער באַנדיטיזם" איז דער װיכטיקסטער פֿאַקטאָר אין דער אונטערדריקונג פֿון די מאַסן, נאָר די בעל־הבתים, די דירעקטע אונטערדריקער פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. ראשית האָבן די געדיסטן נישט פֿאַרשטאַנען גענוי אָפּצושאַצן די ראָל פֿון פֿינאַנץ־װעזן אין דעם קאַמף קעגן פּראָלעטאַריאַט. די געדיסטן האָבן אויך פֿאַרגעסן אָדער געװאָלט פֿאַרגעסן, אַז דרימאָן האָט די אַנטי־ייִדישע טעאָריעס, לאָזונגען און אַ גרויסן טײל פֿון זײַן דאָקומענטאַציע פֿאַר זײַן קאַמף קעגן פֿינאַנץ־װעזן, בעיקר קעגן ייִדישן, גענומען פֿון סאָציאַליסטישע טוערס (טוסענעל, דישען, שיראַק); בכן װאָלטן די געדיסטן געקענט מאַכן זײערע סאָציאַליסטישע פֿרײַנד פּונקט דעם זעלביקן פֿאָרװורף װאָס דרימאָנען. דרימאָן האָט אָפֿט געשריבן, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ צו װײַטע געפֿאַר פֿאַרן קאַפּיטאַליזם. דערויף האָט דער געדיסט אַלעקסאַנדער זעװאַעס געענטפֿערט, אַז די געדיסטן װעלן עס מאַכן פּונקט אַזוי גיך װי דער "מיטלעלטערלעכער אַנטיסעמיטיזם".[61]

די באַציִונג פֿון די געדיסטן צום אַנטיסעמיטיזם ביז דער דרײפֿוס־אַפֿערע איז געקומען בולט צום אויסדרוק אויף אַ דיסקוסיע־מיטינג אין פּאַריז דעם 8טן יולי 1892. דער דיסקוסיע־מיטינג אד"ט „פֿינאַנץ און די ייִדישע פֿראַגע" איז אײַנגעאָרדנט געװאָרן דורך דער „סאָציאַליסטיש רעװאָלוציאָנערער גרופּע" פֿון 14טן אַראָנדיסמאַן אין פּאַריז. צו דעם מיטינג זײַנען פֿאַרבעטן געװאָרן דע מאָרעס, דרימאָן און גוערען מצד די אַנטיסעמיטן - די דרײַ גאָר װיכטיקסטע אַנטיסעמיטישע פֿירערס, און זשול געד און פּאָל לאַפֿאַרג מצד די סאָציאַליסטן, בײדע אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן, און די סאַמע װיכטיקסטע פֿאָרשטײער פֿון דער געדיסטישער פֿראַקציע. עס איז געקומען אַ עולם פֿון 2,000 צוהערערס. דעם עצם פֿאַקט פֿון רופֿן אַ דיסקוסיע־מיטינג מיט די דרײַ סאַמע װיכטיקסטע אַנטיסעמיטישע פֿירערס קען מען פֿאַרשײדן אויסטײַטשן. אויב די געדיסטן װאָלטן זיך נישט גערעכנט מיטן אַנטיסעמיטיזם װי מיט אַ באַװעגונג װאָס קען אָפּציִען זײערע מאַסן פֿון פּראָלעטאַרישן קאַמף, װאָלטן זײ אַזאַ מיטינג מסתמא נישט גערופֿן. די אַנטיסעמיטן זײַנען געקומען צו דעם מיטינג מיט אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם פּראָגראַם פֿון קאַמף פֿאַר סאָציאַלע רעפֿאָרמעס, אַז די געדיסטן האָבן געמוזט דעמאַסקירן זײ, אָדער אָננעמען זײער פּראָגראַם - האָט זײ זש. געד דעמאַסקירט. דע מאָרעס האָט פֿאָרגעשלאָגן זײַן פּלאַן צו שטעלן דאָס קרעדיט־װעזן צו דער דיספּאָזיציע פֿון פּראָלעטאַריאַט. מיט אים האָט דיסקו־

רט פאַל לאפארג. אין תוך האָט ער אים נישט באַקעמפט; ער האָט בלויז אויפגע־
זן די נישט פראַקטישקייט פון די רעפאָרמעס וואָס דע מאָרעס האָט פאָרגעשלאָגן .
ימאַן האָט נישט גערעדט. גוערען האָט דערקלערט: „די אַנטיסעמיטן נעמען זיך
שט בלויז צו די יידישע אויסנוצערס, זיי קעמפן קעגן אַלע פינאַנציסטן און ווילן
רכפירן די דעצענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל”. איט האָט געענטפערט זשול געד:
יב די אַנטיסעמיטן קעמפן באמת קעגן קאַפּיטאַל, טאָ נאָכוואָס זיך אָנרופן „אַנטי”?
ס ברענגט אַריין א צערודערונג און מאַכט א חילוק צווישן קאַפּיטאַלן. אויב די
טיסעמיטן מיינען ערנצט צו קעמפן קעגן קאַפּיטאַליזם, טאָ זאָלן זיי קעמפן נישט
ר קעגן יידישן קאַפּיטאַל, נאָר קעגן אַלע קאַפּיטאַליסטן. זאָלן די אַנטיסעמיטן
שט איבערחזרן גאַמבעטאַס לאָזונג וואָס פירט בלויז אַראָפּ פון וועג. זאָלן די אַנ־
סעמיטן נישט שרייען: „סעמיטיזם, דאָס איז דער שונא!”, נאָר: „דער קאַפּיטאַליזם,
ט איז דער איינציקער שונא”. נישט נאָר דער ייד, נאָר בכלל איז פינאַנץ נישט
ר איינציקער שונא, די פינאַנציעלע צענטראַליזאַציע איז א רעזולטאַט פון דער
נדוסטריעלער צענטראַליזאַציע. אָן קאַמף קעגן דער אינדוסטריעלער צענטראַליזאַ־
ע קען מען קעגן דער פינאַנציעלער צענטראַליזאַציע נישט קעמפן.(62)

IX . די באַציִונג פון די אַנאַרכיסטן צום אַנטיסעמיטיזם.

וועגן די נאָענטסטע אָנהענגער פון בלאַנקי און באַקונין אַרום וועלכע
 האָבן זיך גרופּירט סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע עלעמענטן איז שווער צו זאָגן
נוי אויב זיי זיינען טאַקע געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט. ע. דרימאָן האָט גע־
יבן וועגן ג. טרידאָן און אַלבער רעניאַר, ביידע בלאַנקיסטן: „צווישן די רעוואָלו־
אָנערן האָבן די בלאַנקיסטן אַליין געהאַט דעם מוט זיך אָנצוגעבן פון דער אַרי־
ר ראַסע און פעסטצושטעלן די העכערקייט פון דער ראַסע.” בלאַנקי האָט בעת דער
ריזער קאָמונע געהאַט גערופן זיך צו פאַרטיידיקן קעגן מולכיזם און „סעמיטישן
רבאַריזם”. דער היסטאָריקער פון פראַנצייזישן סאָציאַליזם אַלעקסאַנדער זעוואעס
יבט אָבער, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פון גוסטאַוו טרידאָן און אַלבער רעניאַר איז
ראַקטעריסטיש בלויז פאַר די צוויי בלאַנקיסטן פערזענלעך און זיי זיינען אייזאָ־
רטע דערשיינונגען אין דער בלאַנקיסטישער גרופּע. נישט בלאַנקי גופא און נים
נע נאָענטע תלמידים זאָלן זיך האָבן באַטייליקט אין קאַמף קעגן יידן. וועגן די
קוניסטן האָט געשריבן בערנאַר לאַזאַר: „דרימאָן שטיצט זיך אויף זשאָרעסן, אויף
ריע, אויף טוסענעל, און ער קען אויך נעמען צו הילף באַקונינען וואָס האָט
ן מאָל נישט גערעדט וועגן מאַרקסן אָן אָנצורופן אים „דייטשער ייד”. עס איז באַ־
נט, אַז צווישן די באַקוניסטן האָבן געהערשט אַנטי־יידישע שטימונגען צוליבן

ייִדישן אַפּשטאַם פֿון זײַערע אידעאָלאָגישע קעגנער אין די סאָציאַליסטישע רייען. דער אַנטייל פֿון דעם רוסיש־ייִדישן רעוואָלוציאָנער ניקאָלאַי אוטין און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן פֿון ייִדישן אַפּשטאַם אין די מאַרקסיסטישע רייען האָט פֿאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן באַקונינען און זײַנע נאָכפֿאָלגערס.[63]

אין די 80ער - 90ער יאָרן זײַנען די אַנאַרכיסטישע קרײַזן אין פֿראַנקרײַך נישט געווען אײַניק אין זײַער באַציִונג צום אַנטיסעמיטיזם, פּונקט ווי די באַוועגונג גופֿא איז נישט געווען אײַניק. מ'האָט געקענט טרעפֿן צווישן די אַנאַרכיסטן שאַרפֿע קעגנער פֿון אַנטיסעמיטיזם, פּונקט אַזוי האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג פֿאַרמאָגט אויך אַנטיסעמיטישע עלעמענטן און מענטשן וואָס האָבן געזוכט אויסצונוצן דעם אַנטיסעמיטיזם פֿאַר דער באַוועגונג. אין די אַנאַרכיסטישע צײַטונגען און בראָשורן האָט מען באַגעגנט שלעכטע אויסדרוקן וועגן ייִדן,[64] אָבער אויך פֿילאָסעמיטישע אַרטיקלען. דער באַקאַנטער אַנאַרכיסט שאַרל מאַלאַטאָ האָט געשריבן אין 1894, אַז אַ סך אַנאַרכיסטן האָבן געזען אין דרימאָנען כמעט זײַערן אָנהענגער. ער גופֿא האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג. רעוואָלוציאָנערן, האָט געשריבן מאַלאַטאָ, האָבן זיך געלאָזט פֿאַרנאַרן דורכן אַנטיסעמיטיזם. „זיי האָבן געזען אין דרימאָנען אַ סאָציאַליסט פּונקט ווי אַנדערע האָבן געזען אין ראָטשילדן אַ פֿילאַנטראָפּ".

ייִדישע קרײַזן האָבן חושד געווען, אַז דרימאָן איז געשטאַנען אין אַ גאַר נאָענטער פֿאַרבינדונג מיט אַנאַרכיסטישע קרײַזן. מ'האָט אַפֿילו געשריבן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט געהאַט אַ האַנט אין אַנאַרכיסטישע אַטענטאַטן און דאָס זאָל האָבן געווען אײנע פֿון די סיבות פֿאַרוואָס דרימאָן איז אויף אַ צײַט אַנטלאָפֿן קיין בעלגיע. עס קען קיין צווייפֿל נישט זײַן אין דעם, אַז דער אַנטיסעמיט דע מאָרעס איז געשטאַנען אין אַ נאָענטער פֿאַרבינדונג מיט אַנאַרכיסטישע קרײַזן. עס איז באַקאַנט, אַז ער האָט געגעבן געלט פֿאַר דער אַנאַרכיסטישער צײַטונג ל'אַסאַ. דער אַנאַרכיסט שאַרל מאַלאַטאָ דערציילט, אַז דע מאָרעס איז געקומען צו אים מיט אַ פֿאָרשלאָג וועגן העלפֿן פֿאַרשפּרייטן אַנאַרכיזם. דעם אַנאַרכיסט פּאָל פּיער מאַרטינעט האָט מען געמאַכט שטאַרקע פֿאָרוואָרפֿן פֿאַרוואָס ער איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט דע מאָרעס. מאַרטינעט האָט זיך אַזוי פֿאַרטיידיקט: „... איך האָב נישט ערלויבט דע מאָרעס זיך צו באַנוצן מיט מיר פֿאַר זײַן אַנטיסעמיטיזם, נאָר איך האָב באַנוצט זיך מיט דע מאָרעס פֿאַר אונדזער אַנאַרכיע".[65]

דער צום מײנסטן פֿאַרביסענער אַנטיסעמיט אין אַנאַרכיסטישן לאַגער איז געווען אויגוסט האַמאָן (1862 - 193-), איינער פֿון די בעסטע אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער און פּראָפּאַגאַנדיסטן אין פֿראַנקרײַך, אַ מענטש מיט אַ שם פֿון אַ געלערנטן, אַרויסגעבער פֿון דער טעאָרעטישער אַנאַרכיסטישער צײַטשריפֿט ל'הומאַניטע נוּוועל.

ע. דרימאָן האָט אפילו בײם קריטיקירן האמאַנס שטעלונג צו דער ארמײ אים געהאלטן
פאר א מענטש מיט א „קלאָרן שכל״. האמאָן, װידער, האָט בײם קריטיקירן די רע־
גירונג װאָס רודפט פרײַע גײַסטער,פאררעכנט צװישן די פרײַע גײַסטער דעם אנטיסע־
מיט ע. דרימאָן אין אײן קאטעגאָריע מיט פּ. קראָפּאָטקין, פּ. לאפארג, זשול געד,
שארל מאלאטאָ און אנדערע. א. האמאָן האָט זיך געקענט דערלויבן שרײַבן (1893)
אזוינע װילדע זאכן: „היות ער [דער ייד] האָט במשך פון דורות געלעבט מחוץ
דער ארישער געזעלשאפט האָט זיך זײַן מוח נישט געקענט אנטװיקלען אידענטיש מיט
דעם מוח פון דעם נישט־ייד״. האמאָן האָט בפירוש געזוכט אויסצונוצן דעם אנטי־
סעמיטיזם אין קאמף קעגן קאפּיטאליזם. ער האָט להיפוך צו אנדערע ארבעטער־
פירערס געהאלטן, אז דער קאמף פון אנטיסעמיטיזם בלויז קעגן יידישע קאפּיטא־
ליסטן איז אויך נוצלעך פאר דער רעװאָלוציע. בשעת דער דרײפוס־אפערע האָט ער
געשריבן: „דער אנטיסעמיטיזם איז א שרעקלעכער שונא פון די קאפּיטאליסטן״.
„װער עס אטאקירט צוליב זײַן קאפּיטאליזם אײן קאפּיטאליסטישע קליקע העלפט דער־
מיט דעם קאמף קעגן גאנצן קאפּיטאליסטישן קלאס״. האמאָן האָט דערקלערט אין אן
אינטערװיו: „צװישן די קלײנבירגער איז דער אנטי־יודאיזם [האמאָן האָט בעסער
ליב געהאט דעם אויסדרוק אנטי־יודאיזם אנשטאָט אנטיסעמיטיזם] דער װעג װאָס
פירט צום סאָציאליזם. דער אנטי־יודאיזם איז דער סטאַדיום דורך װעלכן די
קלײן־בורזשואזיע גײט דורך פארן װערן סאָציאליסטיש״. „ער [דער אנטי־יודאיזם]
איז נוצלעך אין דעם זין װאָס ער פירט צום סאָציאליזם״. „אויב די סאָציאליסטן
נעמען אָנטײל אין דער אנטי־יידישער באװעגונג, איז עס װארשײנלעך װײל זײ מײנען
דערמיט צו טרײַבן סאָציאליזם און נישט אנטי־יודאיזם״. האמאָן איז בעת דער
דרײפוס־אפערע געװען א שטארקער אנטי־דרײפוסאר, װעגן װאָס עס װעט אונדז נאָך
אויסקומען צו שרײַבן.[66]

אין די אנארכיסטישע שריפטן האָט מען אָבער געקענט באגעגענען אויך
גאָר שארפע ארויסטריטן - א סך שארפערע װי אין די סאָציאליסטישע רײען - קעגן
אנטיסעמיטיזם און װאָרענונגען, אז די ארבעטער זאָלן זיך נישט לאָזן פארנארן
פון דרימאָנען. די באקאנטע אנארכיסטישע צײַטונג לע פּער פּעגאר האָט געשריבן
װעגן דרימאָנען װי װעגן „סאָציאליסטישן קריסט, װאָס זאָגט ריכטיק ארײַן די ראָט־
שילדס און אנדערע שװינדלערס, װאָס װאָלט אָבער אונדז געװאָלט שטויסן צו פאר־
ניכטן אלע יידן (אפילו די פּראָלעטאריער) און אונדז צוריקברענגען מיט 500 יאָר
אויף צוריק״. צװישן די אנארכיסטן האָט מען אפילו געקענט באגעגענען שטימען,
אז יידן זײַנען בטבע, „מיט קלײנע אויסנאמען, ליבעראל און זײ באקעמפן דעם
קלער״, דערמיט דערקלערט זיך דער אנטיסעמיטיזם פון דער קלעריקאלער פּרעסע.

(אויך בערנאר לאזאר האָט שפּעטער געשריבן די ווערטער: „דער ייד דאַרף נישט קעמפן קעגן די זעלביקע סאָציאלע כוחות וואָס דער קריסט; ער האָט נישט, למשל, קיין קלער; דער קאַמף קעגן קלעריקאַליזם עקסיסטירט נישט. דער קאַמף קעגן ריטואַלן גייט אַריין אין געביט פון דערציִונג. נאָך מער, די יידישע בורזשואַזיע ווערט פּונקט אַזוי געדריקט ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט").[67]

X. סאָציאַליסטן צווישן די פּיאָנערן פון ראַסיזם.

נישט איין חשובער סאָציאַליסט אין יענער תקופה האָט געהאַלטן, אַז נישט אַלע ראַסן זיינען גלייך, אַז אַ געווייסע ראַסע איז באַשאַפן אויסצופירן אַ געווייסע מיסיע אאז"וו. בענוא מאַלאָן, למשל, האָט נאָך אין אָנהייב פון די 80ער יאָרן פּראָפּאַגאַנדירט די אידייע פון אַ בונד פון דער לאַטיינישער ראַסע: „שפּאַניע, פראַנקרייך און איטאַליע שטייען נאָך אַלץ בראָש פון פּאָליטישן און סאָציאַלן פּראָגרעס. ביי זיי איז געבוירן געוואָרן דער סאָציאַליזם... פאַרוואָס פאַראייניקן זיי זיך נישט?" - האָט ער געשריבן. קעגן אים איז דערפאַר יעמאָלט אַרויסגעטרעטן די געדיסטישע צייטונג ל'עגאַליטע. אַזאַ אויפּריכטיקער אַנאַרכיסט ווי שאַרל מאַלאַטאָ האָט געשריבן אַזאַ פּעסטשטעלונג: „פאַרן דערגרייכן צום פולן אינטערנאַציאָנאַליזם וועט זיין אַן עטאַפּ וואָס וועט זיין דער ראַסיזם. מען דאַרף אָבער האָפן, אַז דער אָפּשטעל וועט נים דויערן לאַנג".[68]

סאָציאַליסטן זיינען אָבער געווען אויך פּיאָנערן פון אַנטי-יידישן ראַסיזם.

ראַסן-טעאָריעס זיינען אין פראַנקרייך יעמאָלט שוין נישט געווען קיין נייס, גאָבינאָ און אַנדערע זיינען געווען נאָך פאַר טרידאָן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען פּילפּולים אין קאַבינעטן פון יחידים וואָס זיינען צו די ברייטע מאַסן נישט געקומען דערגאַנגען. אין די יאָרן 1883 - 1894 האָבן זיך אין פראַנקרייך באַוויזן ס"ה אַ צענדלינג אַרבעטן וועגן גאָבינאָ און נישט אין פאַרבינדונג מיט דער יידן־פראַגע. גאָבינאָס אידייען האָט מען ערשט שפּעטער אָנגעהויבן אויסצונוצן קעגן יידן און דאָס אויך צוערשט אין דייטשלאַנד.[69]

גוסטאַוו טרידאָן האָט נאָך אין די לעצטע יאָרן פון דער צווייטער אימפּעריע אָנגעשריבן זיין ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטיש בוך וואָס איז אָבער אַרויס ערשט נאָך זיין טויט אין בריסל (1884) און וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט. טרידאָן האָט געזוכט צו באַווייזן, אַז יידן זיינען פון תמיד אָן געווען אַ ווילד און נידעריק פאָלק, האָבן געבראַכט מענטשלעכע קרבנות אאז"וו. די יידן זיינען דער שוואַרצער פלעק פון דער ציוויליזאַציע, דאָס בייזע אויג פון דער ערד, באַקעמפן דעם סעמיטישן גייסט

און אידייען איז בכן די אויפגאַבע פון דער ציוויליזירטער אַרישער ראַסע און פון
פּראָלעטאַריאַט. טרידאָנס אידייען האָט שפּעטער אַנטוויקלט א צווייטער בלאַנקיסט, אַל־
בערט רעגניאַר, וואָס האָט אין לא רעוי סאָסיאַליסט געלויבט טרידאָנס בוך און אויך
אַליין אָפּגעדרוקט זיין אַרבעט וועגן דער נישט גלייכהייט פון ראַסן, פול מיט אַטאַקעס
קעגן יידן. זיין אַרבעט איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם דורך א
סאָציאַליסטישן פאַרלאַג. אויף אן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פרייּדענקער (פאַ־
ריז 1889) האָט א. רעגניאַר דערקלערט אין א רעפעראַט פול מיט ראַסיסטיש־אַנטיסע־
מיטישע אידייען: „דער אמת איז, אַז גריכנלאַנד איז איבערפלעכלעך געווען פאַרסמט
מיט סעמיטישן סם". ער האָט געלויבט ריכאַרד וואַגנערס ראַסיזם: „דער גרויסער
מוזיקער און פּאָעט ריכאַרד וואַגנער האָט געגעבן נאָך א באַווייז פון באמת אַלוועלט־
לעכן כאַראַקטער פון זיין גענִיוס דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר א טעמע
פון זיין אומפאַרגלייך מייסטער־ווערק די ניבעלונגען, די גרויסע סקאַנדינאַווישע
עפּאָפּייע, א ריין אַרישע און אַזוי אינטערעסאַנט, אַז מען געפינט דאָרט, הגם אַזוי
ווייט פון שורש, די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם פּרימיטיוון גלויבן פון אונד־
זערע אבות". די לעצטע רעשטלעך פון דער פוריעריסטישער באַוועגונג ביים סוף פון
19טן י"ה האָבן אויך געפירט אַנטי־יידישע ראַסיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. טרידאָן און
רעגניאַר האָבן פאָרגעוואָרפן די יידן, אַז זיי האָבן געשאַפן דאָס קריסטנטום. דעם דאָ־
זיקן פאָרוורף קעגן יידן האָבן געמאַכט אויך אַנדערע סאָציאַליסטן. ל'עמאַנסיפּאַ־
סיאָן, א סאָציאַליסטישע צייטונג רעדאַקטירט פון בענוא מאַלאָן האָט אין 1880 פאַר־
געוואָרפן, אַז קאַטוילישער קלעריקאַליזם קומט אין דירעקטער ליניע פון דער יידי־
שער מיטאָלאָגיע. דער סאָציאַליסטישער טוער זשול בעסאַק האָט געשריבן אין אָנהייב
פון דער דרייפוס־אַפערע אין אן אַרבעט וועגן „דעם סעמיטישן און דעם אַרישן גאָט":
„די פרייהייט פון געוויסן שטאַמט אָפּ פון רוימישן רעכט, זי וואָלט קיינמאָל נישט גע־
קענט אַרויסקומען פון יודאַיזם. פון יודאַיזם האָט געקענט אַרויסקומען בלויז די
סינאַגאָגע אָדער די קירכע"; מען דאַרף - שרייבט דער סאָציאַליסט - אַז איינע פון
די ביידע, די רעוואָלוציע אָדער די סינאַגאָגע, זאָל פאַרשווינדן.[70]

די ראַסיסטישע אידייען האָט אונטערגעכאַפּט עדמאָן פּיקאַר (1836 - 1924),
אן אַלטער בעלגישער סאָציאַליסט וואָס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר איינער פון די שענ־
סטע פיגורן פון מערב־אייראָפּעִישן סאָציאַליזם און וועגן וועמען עס וועט אונדז אויס־
קומען צו שרייבן ווייטער בשייכות מיט דער דרייפוס־אַפערע. עס איז קלאָר, אַז צוליב
זיך געאָגראַפישער לאַגע האָט דאָס קליינע לאַנד בעלגיע נישט געקענט זיין לגמרי פריי
פון אַנטיסעמיטיזם ביים סוף פון 19טן י"ה. בעלגיע האָט געמוזט באַאיינפלוסט
ווערן פון דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע וואָס האָט געבושעוועט אין די צוויי שכנותדיקע

לענדער דײטשלאנד און פראנקרײך. װיכטיק איז אָבער צו װיסן, אז א בעלגישער ארבעטער־פירער איז געװאָרן דער פאָנען־טרעגער פון דעם בעלגישן אנטיסעמיטיזם. פיקארן האָט מען אָנגערופן „א סאָציאליסט זינט דער גרינדונג פון אינטערנאציאָנאל", „דער גײסטיקער פאָטער פון דרײ דורות". עמיל װאנדערװעלדע האָט אים געהאלטן פאר דעם „גרעסטן אינטעלעקטועלן איניציאטאָר װאָס בעלגיע האָט פארמאָגט אין זײן תקופה". נאָך פיקארס טויט האָט װאנדערװעלדע אָנגעשריבן אן ארטיקל „דאָס ליכט װאָס האָט זיך אויסגעלאָשן". און דווקא אָט דעם דאָזיקן פיאָנער פון סאָציאליזם אין בעלגיע האָט מען געקרוינט מיטן טיטל „בירגער ־ סענאטאָר ־ סאָציאליסט ־ אנטיסעמיט". עס איז אפשר כדאי צו ציטירן א פּאָר פון די „פערלדיקע" געדאנקען פון אָט דעם דאָזיקן סאָציאליסטישן פירער װעגן ײדן: „דער באגרעניצטער כאראקטער פון סעמיטישן מארך". „אונטער דער װירקונג פון ישראל... איז די גרויסע מולביסטישע אינסטיטוציע פון די בערזעס געװאָרן א ריזיקע מאשין פון רויבערײ". „זאָלן זײ [די ײדן] זיך בעסער אומקערן קײן יהודה מאכן א נײעם פרוװ און באװײזן אויף װאָס זײ זײנען פעיִק װען זײ לעבן נישט װי פאראזיטן אויף דעם ארישן שעפס". „דער ײד איז א פאראזיט". „ײדישע געפאר". „ײדן באנוגענען זיך נישט בלויז צו לעבן, נאָר רק זײ צילן צו א מעטאָדישער באשװינדלונג און זוכן צו האָבן א פּאָליטישע און פריװאטע איבערהאנט איבער דערארישער ציװיליזאציע". „פון סעמיטיזם שטאמט אלץ װאָס איז ברוטאל אין ארישקײט װאָס ער האָט פארדאָרבן. און איך גיב נאָך צו, אז פון סעמיטיזם קומט אלץ װאָס איז ברוטאל אין קריסטנטום [אפילו די שפאנישע אינקװיזיציע]". „די ײדישע פראגע איז נישט קײן ענין פון רעליגיעזן קאמף נאָר פון „סאָציאלער עקסיסטענץ", פון קיום פאר די ארישער". אויגוסט בעבעל האָט געהאט געשריבן: „דער אנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאליזם פון די אידיאָטן". דערויף ענטפערט ע. פיקאר: „צי זײנען א מאָל נישט די פילאָסעמיטן די אידיאָטן פון סאָציאליזם?" פיקאר איז געװען א מענטש מיט א גרויסן אײנפלוס נישט נאָר אין די ארבעטער־קרײזן, נאָר אויך צװישן די אינטעלעקטועלע. ער איז געװען אײנער פון די בעסטע אדװאָקאטן פון זײן תקופה און צו זײן װאָרט האָט מען זיך צוגעהערט. ער האָט א סך געשריבן און צװישן פיקארס װיכטיקסטע ארבעטן װערן פאררעכנט צװײ אנטיסעמיטישע װערק (1892 און 1893) װאָס זײנען גיך געװאָרן האנטביכער און װעגװײזער פאר אנטיסעמיטישער פראָפּאגאנדע אין מערב־אײראָפּע. ער האָט אויך אָנגעשריבן הונדערטער אנטיסעמיטישע ארטיקלען און האָט געהאלטן אָן א שיעור רעפעראטן קעגן ײדן. פיקאר האָט אפילו אָנגעשריבן א הקדמה צו אן אנטיסעמיטיש בוך פון א מחבר פון רײן קלעריקאלן לאגער. ע.פּיקאר האָט בפירוש דערקלערט, אז א סאָציאליסט קען און דארף זײן אויך אן אנטיסע־

מיט: „פארן סאָציאַליסט איז נישט פאַראַן קיין שום קעגנזאַץ, קיין שום אינטעלעקטו-
עלע מינדערווערטיקייט, קיין שום באַגרענעצטקייט פון גייסט אָדער טרוקנקייט פון האַרץ
צו זיין און זיך צו פּראָקלאַמירן פאַר אַן אַנטיסעמיט אין דעם געניוס און וויסנ-
שאַפטלעכן זינען. פאַרקערט, עס איז א חוב עס צו זיין". ער האָט אפילו אַטאַ-
קירט זיינע סאָציאַליסטישע פריינד, וואָס האָבן נישט באַוויליקט מיטצומאַכן די אַנטי-
סעמיטישע שפּיל. „עס איז א טעות צו מיינען, אז די אַרבעטער אינטערעסירן זיך
נישט מיט דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג" - האָט פּיקאַר דערקלערט אין 1899. די
אַרבעטער-פירער, וואָס לייקענען עס, ברענגען נישט קיין באַווייזן דערפאַר. די אַנטי-
קלעריקאַלע שטימונגען שטערן זיכער א טייל אַרבעטער-פירער זיך אַנצושליסן אין
דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. עס זיינען אויך פאַראַנען סענטימענטאַלע סיבות,
וואָס שטאַמען פון דעם פאַקט, וואָס לאַסאַל און מאַרקס ווערן באַטראַכט ווי יידן - האָט
ווייטער דערקלערט פּיקאַר. דאָס אָפּהאַלטן זיך צוליב אַנטיפּאַטיע פאַרן קאַטויליציזם
פון אַנשליסן זיך אָפֿענערהייט אין אַנטיסעמיטיזם האָט פּיקאַר אָנגערופן „צווייפלען
פון א פאַלשן ליבעראַליזם". אויך אין באַצוג צו ע. פּיקאַר קען מען אפילו נישט
זיין קיין מליץ יושר און פּרוּוון טענהן - ווי א סך געטרייע יידישע מאַרקסיסטן טוען
עס ביים פאַרטיידיקן דעם אַנטיסעמיטיזם פון קאַרל מאַרקס - אז זיי האָבן זיך צו-
נויפגעטראָפן בלויז מיט יידישע קאַפּיטאַליסטן, אז זיי האָבן קיינמאָל נישט באַגעגנט
קיין יידישן מיטלשטאַנד, שוין אָפּגערעדט פון יידישע פּראָלעטאַריער. פּיקאַר האָט
דאָך בפירוש געוווּסט וועגן דער עקסיסטענץ פון יידישע אַרבעטער. אָבער אויך וועגן
דער פּראָבלעם פון די יידישע אַרבעטער און זייערע ליידן האָט ער זיך אויסגעדריקט:
„דאָס רעדט די [יידישע] ראַסע". פּיקאַר האָט אפילו געהאַט דערקלערט אין אַן אינ-
טערוויו, וואָס ער האָט געגעבן א בעלגישן קאָרעספּאָנדענט פון א פראַנצייזיש-יידישן
וואָכנבלאַט, אז עס זיינען דאָ „אין א גרויסער צאָל יידישע פּראָלעטאַריער, וואָס ליידן
פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, פון נויט, פון עגאָיסטישן אומברחמנותדיקן טי-
ראַנישן קאַפּיטאַליזם אַזוי גוט ווי אַרישע פּראָלעטאַריער". פּיקאַר האָט אויך אויס-
געצייכנט געוווּסט פון פאַלן, ווען יידן קענען העלפן דער דעמאָקראַטיע, אפילו דער
אַרבעטער-באַוועגונג. ווען ער איז אין די 80ער יאָרן געווען קאַנדידאַט בעת די
וואַלן צום בעלגישן סענאַט, האָט אים יעקאָלט שטאַרק געהאָלפן דער יידישער אַדוואָקאַט
סעמועל ווינער, א זון פון דעם פּרעזידענט פון דער יידישער קאָנסיסטאָריע אין
בעלגיע זשאַק ווינער (1814 - 1899), א שטאָלצער ייד וואָס האָט תמיד געטענהט, אז
אַן אמתער ייד האָט נישט מורא זיך קעגנשטעלן דער באַוועגונג, וואָס וויל אים אומ-
ברענגען.[71])

ערמאַן פּיקאַר האָט אָפּט באַנוצט אין זיינע אַנטיסעמיטישע שריפטן דעם

באַגריף „היסטאָרישער אַנטיסעמיטיזם”, ד”ה, אַז ייִדן זײַנען שעדלעך נישט נאָר אין
דער מאָדערנער תּקופֿה, נאָר אַז פֿון תּמיד אָן, פֿון די ביבלישע צײַטן אָן, איז דאָס
ייִדישע פֿאָלק געווען שעדלעך פֿאַר דער מענטשהײַט. דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם” איז
אים נישט געפֿעלן געוואָרן, ער האָט בעסער פֿאָרגעלײגט צו באַנוצן דעם אויסדרוק
„אַריש-סעמיטישער קאַמף”. פּיקאַר האָט נישט געזוכט פֿאַרצוואַרפֿן די ייִדן - ווי
טרידאָן און רעניאַר האָבן עס געטאָן - פֿאַרוואָס זײ האָבן געשאַפֿן דאָס קריסטנטום,
פֿאַרקערט, אים איז גאָר געגאַנגען אין לעבן צו באַווײַזן, אַז יעזוס איז נישט גע-
ווען קײן ייִד. פֿאַר אים האָבן עס שוין געהאַט געטאָן אַ סך אַנדערע, אָבער ס'רוב אָן
אַ ספּעציעלן אַנטי-ייִדישן מין. פּיקאַר האָט עס געטאָן מיט אַן אויסגערעכנטן ציל
קעגן ייִדן און מיט אַ מין צו געווינען נאָך מער קאַטױלישע קרײַזן פֿאַרן אַנטיסעמי-
טיזם. דער סאָציאַליסטישער פֿירער און פֿרײַדיקער פּיקאַר האָט, הפּנים, געחלומט
פֿון אַ פֿאַראײניקטן אַנטיסעמיטישן פֿראָנט צוזאַמען מיט דער קירכע. זײַן לאָזונג
איז געווען, אַז „יעזוס איז דער היפּוך פֿון סעמיטיזם”, בלויז דורך אַ צופֿאַל איז
ער געבוירן געוואָרן צווישן די דעגענערירטע ייִדן וואָס האָבן אים געקרײציקט. שפּע-
טער זײַנען אונטערן ייִדישן אײַנפֿלוס די איבערזעצונגען פֿון תּנ”ך געמאַכט געוואָרן
אויף אַ קונציקן אופֿן און דער נײַער טעסטאַמענט איז דורך ייִדישע אינטריגעס קונ-
ציק צוגעטשעפּעט געוואָרן ווי אַ המשך פֿון אַלטן טעסטאַמענט, בכדי די ייִדן זאָלן קע-
נען צושרײַבן יעזוסן צו זיך. קײן סך אָריגינעלע אידײען האָט פּיקאַר נישט גע-
בראַכט. ער איז בכלל געווען אַ שטאַרק באַגרענעצטער מענטש אין זײַנע שריפֿטן. פֿון
דער גרויסער צאָל פֿון זײַנע ווערק האָבן בלויז זײַנע שריפֿטן איבער יוריסדיקציע
אַ געווויסן ווערט. זײַנע געדאַנקען וועגן דער נויטווענדיקײט צו רעווידירן די אי-
בערזעצונגען פֿון תּנ”ך האָט ער גענומען בעיקר פֿון אַ נײַער פֿראַנצײזישער איבער-
זעצונג פֿון תּנ”ך. אַגב איז דער איבערזעצער ע. לעדרעין אויך נישט געווען פֿרײַ
פֿון אַנטי-ייִדישע טענדענצן אין זײַן אַרבעט. אין דער הקדמה שרײַבט ער: „די ייִדי-
שע ביבל”; „אַרום דער ביבל איז פֿאַראַן בלויז אײן רעליגיע מיט וועלכער מען קען
זיך רעכענען: דער קאַטױליציזם”; „די ייִדן גײט ווײניק אָן אויף וואָסער שטאַנד-
פּונקט מען שטעלט זיך בײַם משפּטן זײַן גרויס בוך. פֿאַר זײ איז גענוג, אַז מען
רעדט וועגן דעם ווערק אָרנטלעך און מען רימט די גרויסקײט פֿון זײער ראַסע”. דער
דאָזיקער איבערזעצער איז אַ צײַט געשטאַנען נאָענט צו די סאָציאַליסטישע קרײַזן אין
פֿראַנקרײַך. ער האָט אפֿילו געשריבן די הקדמה צו אַן אַרבעט וואָס איז פֿריער געווען
געדרוקט אין לאַ רעווי סאָסיאַליסט (1891 - 1893). פּיקאַר האָט זיך גענומען פּאָ-
פּולאַריזירן די דאָזיקע אידײען און זײ אויסנוצן פֿאַרן פּראַקטישן אַנטיסעמיטיזם.
ער האָט גערופֿן די קירכע זיך צו באַפֿרײַען פֿון יעטוועדער ייִדישער טראַדיציע: „אויב

זי [די קאטוילישע רעליגיע] בלייבט מיטן אלטן סעסטאסענט, וועט זי אפשטארבן, ווייל זי וועט ווייטער אויסדריקן עם־הארצישקייט, אונטערדריקונג, אומגערעכטיקייט, ברוטאלקייט, דעם גייסט פון אן אנדער ראסע". עס איז אפשר כדאי צו דערמאנען, אז די ווערטער זיינען געווען געדרוקט אין א חשובן טעארעטישן ארגאן פון מערב־איראפעישן סאציאליזם - לא סאסיעטע נוועל. די דאזיקע צייטשריפט האט נאך אין 1887 אזוי באגריסט „פון טיפן הארצן" אן אנטיסעמיטישע אויסגאבע לא פראנס זשויו, וואס האט אנגעהויבן ארויסגיין אין באררא (פראנקרייך): „די צייטונג... וועט אנפירן אן אומבארהמנוהדיקע מלחמה קעגן די קאפיטאליסטן און שווינדלערס". פיקאר איז אזוי ווייט פארקראכן אין זיינע ראסיסטישע אידייען, אז ער האט זיך שוין נישט געקענט באגרענעצן מיטן אטאקירן בלויז יידן. נאך אין 1890 האט ער געהאלטן א רעפעראט וועגן דער ראסן־פראגע, אויף וועלכן ער האט אטאקירט נישט נאר די יידן, נאר אויך די נעגערס אין די פאראייניקטע שטאטן. פיקאר האט אזוי געלערנט מיטן עולם זיין ראסיסטישע תורה: „צי זיינען די ראסן גלייך? ניין. עס איז א פארעלטערטער ענין. דאס איז פעסטגעשטעלט געווארן אין די פאראייניקטע שטאטן. דורכן שיקן א נעגער אין שול, אין אוניווערסיטעט, באווייזט מען נישט צו מאכן פון אים א באשעפעניש צוגלייך מיטן ווייסן. פנים אל פנים מיטן פאקט דארף מען זיך דערייבער אפזאגן פון די הומאניטארע אידייען. די גרענעץ בלייבט, די צונויפגיסונג איז אוממעגלעך. דייטשן, פראנצויזן, ענגלענדער, רוסן, שפאניער - דאס אלץ, מיט ניואנסן, איז איין זאך. עס איז אבער נישט אזוי מיט די כינעזער, אראבער, יידן". (72) דאס האט, אגב, נישט געשטערט פיקארן אנצופירן צווישן די אראבער אין צפון־אפריקע א פראפאגאנדע קעגן יידן.

XI. די שולד פון די סאציאליסטן און ראדיקאלן אין אלזשירער אנטיסעמיטיזם, 1884 - 1900.*

זינט פראנקרייך האט אין 1830 פארנומען אלזשיר האט די יידן־פראגע געשפילט א וויכטיקע ראל אין לעבן פון אט דעם טייל צפון־אפריקע. אבער במשך פון די לעצטע 60 - 70 יאר איז אנטיסעמיטיזם געווארן א טייל פון דער אלזשירער אטמאספערע. דער זשורנאליסט מאריס ארל האט געשריבן פון אלזשיר ביים סוף פון 19טן י"ה, אז נאכן אפזיין א שטיקל צייט אין אלזשיר, מוז מען ווערן אן אנטיסע־

---

* איבערגעדרוקט מיט דער ערלויבעניש פון די ארויסגעבערס פון Jewish Social Studies, יולי 1948. קאפיטל פון א גרעסערער ארבעט. מיטן וואָרט אלזשיר באצייכענען מיר דאס לאנד אלזשעריע (Algérie) און נישט נאר די שטאט Alger.

מיט: „אנטיסעמיטיזם איז דער יסוד גופא פון פאָליטיק. אגב רירט עס כלל נישט אָן די פראגע פון רעליגיע: די רעליגיעזע פראגעס עקסיסטירן נישט אין אלזשיר, לכל הפחות צווישן דער אייראָפּעישער באפעלקערונג." דער אלזשירער אנטיסעמיטיזם האָט באווירקט די באציִונג צו יידן נישט נאָר אין די אנדערע טיילן צפון־אפריקע, נאָר אויך דעם אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך גופא במשך פון די לעצטע צוויי יאָר־צענדלינג פון לעצטן י"ה און אפילו שפּעטער נאָך. דאָס איז געשען נישט נאָר מחמת אדמיניסטראטיוו איז אלזשיר נישט קיין פראנצייזישע קאָלאָניע, נאָר א טייל פון דער פראנצייזישער מעטראָפּאָליע גופא, א שטח פון דריי פראנצייזישע דעפּארטאַמענטן. דער אלזשירער אנטיסעמיטיזם איז נישט געווען קיין פּראָדוקט פון דער אראבישער באפעלקערונג; דאָס האָט די פראנצייזישע באפעלקערונג באשאפן און אנטוויקלט דעם אנטיסעמיטיזם אין אלזשיר וואָס איז ביז דעם אויפקום פון קאמף קעגן יידן געווען א געגנט מיט שטארקע סאָציאליסטישע און רעפּובליקאנישע טראדיציעס. די פראנצייזישע באפעלקערונג פון אלזשיר איז באשטאנען בעיקר פון א רעפּובליקאנישן עלעמענט; צווישן די פראנצויזן פון אלזשיר זיינען געווען א סך אויסגעפּרווטע סאָציאליסטן און ראדיקאלן, רעפּובליקאנישע קעמפער פון דער צווייטער אימפּעריע נאָך. טייל פון זיי זיינען געווען פּאָליטישע פליטים וואָס זיינען פארשיקט געוואָרן פון פראנקרייך אין דעם טייל צפון־אפריקע, בעיקר נאָך 1848 און 1851. דווקא די רעפּובליקאנישע פעסטונג האָט געהאט פאר א פּאָרשטייער אין פראנצייזישן פּארלאמענט דעם ווילדסטן אנטיסעמיט אין פראנקרייך, עדוארד דרימאָן. דער אלזשירער פּאָליטיקער וויקטאָר בארוקאן האָט וועגן דעם געשריבן: „... און דאָך זיינען אין פּארלאמענט אזוינע באקאנטע רעאקציאָנערן ווי עדוארד דרימאָן און פירמין פאָר די פּאָרשטייערס פון דער דעמאָקראטישער אלזשיר."(73) ווי שטארק אויסטערליש עס זאָל נישט קלינגען, מוז מען ביים פאָרשן די געשיכטע פון אלזשירער אנטיסעמיטיזם קומען צום אויספיר, אז דווקא די רעפּובליקאנישע קרייזן, די סאָציאליסטן און ראדיקאלן, האָבן געטראָגן די פולע פאראנטוואָרטלעכקייט פארן וווּקס פון אנטיסעמיטיזם אין דעם טייל צפון־אפריקע און אויך פון דער רעאקציע און קאטוילישן קלעריקאַליזם וואָס האָבן זיך פארשטארקט דורך דעם אנטיסעמיטיזם.

דער „קרעמיע־דעקרעט" און דער קאמף צוליב יידישע וויילער.

אין דער איצטיקער ארבעט האָבן מיר נישט בדעה צו באטראכטן גענוי די געשיכטע פון דעקרעט פון 24סטן אָקטאָבער 1870 וועגן דער נאטוראליזאציע פון די אלזשירער יידן. מיר ווילן בלויז באמערקן, אז אין דער ביז איצטיקער היסטאָריאָגראפיע פון דעם דעקרעט האָט מען צופיל ארויסגעשטעלט די פיגור און די ראָל פון

דאלף קרעמיע, דעם יידישן מיניסטער אין דער ערשטער רעגירונג פון דער דריטער עפובליק. אנטיסעמיטישע קרייזן (למשל, פערנאן גרעגואר) האָבן געטענהט, אז ער דעקרעט איז געווען קרעמיעס א פערזענלעכער אויפטו. גאנץ אָביעקטיווע היס־אָריקערס (א. בערנאר א״אנד) האָבן געשריבן, אז קרעמיע האָט געהאנדלט אויף זיין ייגענער אחריות. טייל אנטיסעמיטן (גארע א״אנד) האָבן אפילו געטענהט, אז דער אנצער ענין איז געווען נישט מער ווי א מיסטיפיקאציע, אז מ׳האָט גאָר קיינמאָל ישט געקענט געפינען דעם אָריגינאַל פון דעם דעקרעט.[74] דער אמת איז, אז נאָך אר 1870 האָט מען דווקא פון פארשיידענע נישט־יידישע צדדים געפאָדערט די נאטורא־יזאציע פון די אלזשירער יידן ווי א טייל פון די פאָרגעשלאָגענע רעפאָרמעס. אין ער ביז איצטיקער היסטאָריאָגראפיע האָט מען דעם ענין באריִרט, אָבער בלויז אגב־ורחא און עס וואָלט כדאי געווען נאָענטער אויסצופאָרשן דעם ענין. דער דעקרעט ו נאטוראליזירן די אלזשירער יידן איז געווען דער רעזולטאט פון א קאָלעקטיווער אָליטיק פון דער פראנצייזישער רעגירונג. ער איז געחתמעט געוואָרן פון א גרופע יניסטאָרן (ל. גאמבעטא, א.גלעס־ביזואן, ל. פורישאָן און א. קרעמיע), וואָס רעמיע איז געווען בלויז איינער פון זיי. בכן איז די באצייכענונג „קרעמיע־עקרעט” א פאלשע, אין א בפירושן הפוך צו די היסטאָרישע פאקטן. די דאָזיקע אצייכענונג איז אויפגעקומען הן צוליב דער שטעלונג פון די קעגנער פון דער אטוראליזאציע פון די אלזשירער יידן וואָס האָבן געוואָלט צושרייבן דעם דעקרעט א פעציפיש יידישן מקור, הן מצד יידן גופא וואָס האָבן זיך געוואָלט גרויסן מיט דעם ויפטו פון א יידישן מיניסטער לטובת זיינע יידישע ברידער. אדאָלף קרעמיע האָט ישט געקענט טאָן אנדערש ווי שטופן דאָס דורכפירן דעם דעקרעט וואָס איז געווען א ויטווענדיקייט אין די אינטערעסן פון פראנקרייך. ער איז אויך נישט געווען פון עם טיפ יידישע פאָליטיקער וואָס זאָל באקעמפן דעם דעקרעט אויס מורא, אז מען וועט ים אמאָל פאָרוואָרפן זיין אנטייל ביים דורכפירן דעם דעקרעט בלויז אויס יידישע ינטערעסן. וואָס וואָלט מען געטראכט פון אים אין יידישע קרייזן, אויב ער זאָל אָבן נישט געשטיצט דעם דעקרעט? קרעמיע גופא האָט איין מאָל אזוי געשטעלט די ראגע אויף א פארזאמלונג פון דער „אליאנס איזראעליט אוניווערסעל”.[75]

דער אקט גופא פון געבן די אלזשירער יידן פראנצייזישע בירגערשאפט יז נישט געווען קיין דירעקטער שטויס צו דער אנטוויקלונג פון אנטיסעמיטיזם. ער כראָניקער פון אלזשירער אנטיסעמיטיזם אמערא האָט מיט רעכט געשריבן, אז ויב ביזן „קרעמיע־דעקרעט” פון 24טן אָקטאָבער 1870 איז נישט געווען קיין אנ־יסעמיטיזם אין אלזשיר, איז עס נישט מחמת דער „קרעמיע־דעקרעט” האָט נאָך יע־אָלט נישט עקסיסטירט, נאָר ווייל במשך פון די 40 יאָר זינט דער אָקופּאציע פון

אלזשיר (1830 - 1870) האבן אין אלזשיר פאקטיש נישט עקסיסטירט קיין פאליטיש רעכט און וואל־פרייהייט וואס זיינען אויפגעקומען ערשט בערך אין איין צייט מיט דעם „קרעמיע־דעקרעט". דער דירעקטער שטויס צום קאמף קעגן יידן איז געווען דאס וואל רעכט וואס די אלזשירער יידן האבן באקומען צוזאמען מיט דער בירגערשאפט. דער „קרעמיע־דעקרעט" האט מיט א מאל געמאכט פון די יידן א פאליטישן כוח אין אלזשירער לעבן. ביי וואלן האבן זיי מיט זיך פארגעשטעלט א גרויסע צאל וויילער, זיי וואלטן אין טייל וואלן געקענט העלפן צום נצחון אדער דורכפאל פון א קאנדידאט. אלע פארטייען - סאציאליסטן, ראדיקאלן און אפילו רעאקציאנערן - האבן אנגעהויבן זיך צו יאגן נאך יידישע שטימען. קאנדידאטן האבן צוגעזאגט יידן גאלדענע בערג. די צייטונג ל'ענדעפענדאן האט אזוי געשילדערט די לאגע אין 1881: „אין דער וואל־תקופה בייט זיך אלץ: די גוטע יידן אהער, די גוטע יידן אהין. מען חנפעט זיך צו יידן און מען לעקט זיך אונטער צו זיי. דער ספעקטאקל וועט זיך ווידער בייטן אויף צו מארגנס נאך די וואלן, נאכן דורכפאל פון דעם קאנדידאט. די יידן וועלן ווידער ווערן די יידן... ביז צו די נייע וואלן".[76] זינט די אלזשירער יידן זיינען נאטוראליזירט געווארן האבן זיי ביי וואלן תמיד געשטימט פאר פראגרעסיווע קאנדידאטן. נאך אנהייב 70ער יארן האט ווילערמאז, דער בירגערמייסטער פון דער שטאט אלזשיר, דערקלערט פאר א פארלאמענטארישער אויספארשונגס־קאמיסיע וועגן אראבישן אויפשטאנד אין 1871, אז דער דעקרעט וועגן נאטוראליזירן די אלזשירער יידן וואלט נישט געפונען אזוי פיל קעגנער, אויב די יידן וואלטן באוויליקט צו שטימען פאר די קעגנער פון די רעפובליקאנישע אינסטיטוציעס. אין 881 האט אן אלזשירער צייטונג געשריבן: „מען דארף אויך מודה זיין, אז יידישע וויילער האבן קיין מאל נישט געהאלפן די רעאקציאנערן. זייענדיק דאנקבאר דער רעפובליקאנישער רעגירונג, האבן זיי תמיד געשטימט בלויז פאר רעפובליקאנער", בשעת אנדערע האבן יא געהאלפן די רעאקציאנערן. שפעטער, ווען די באציונג צו יידן האט זיך געביטן, האט דער פראנצייזישער אינערן־מיניסטער בעת אן אינטערפעלאציע אין פארלאמענט וועגן אלזשירער פראבלעמען פארגעווארפן די אנטי־יידישע דעפוטאטן, אז די זעלביקע פארטיי־מענטשן וואס האבן במשך פון א לאנגער צייט פראקלאמירט, אז ד יידן זיינען דער אוואנגארד פון דער רעפובליקאנישער פארטיי שרייען איצט אויף די גאסן: „נידער מיט די יידן!".[77]

ביים סוף פון די 70ער יארן זיינען פארגעקומען שארפע רייבונגען צווישן מאדערירטן און דעם אגרעסיוון פליגל פון רעפובליקאנישן לאגער אין אלזשיר. די רייבונגען האבן דערפירט צו אן אפענער שפאלטונג אין 1881 און עס איז געשאפן געווארן אן „אפארטוניסטישער" צד אין רעפובליקאנישן לאגער. די סאציאליסטן און

דיקאלן וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם לינקן פליגל פון רעפּובליקאַנישן
גער אין אַלזשיר האָבן ווײַטער געזוכט פאַר זיך יידישע שטימען. „אזוי לאנג ווי
סאָציאַליסטן האָבן געהאָפט, אַז די יידן וועלן שטימען פאַר זיי, האָבן זיי צוגעֿ
גט די יידן גאָלדענע בערג״, האָט געשריבן א פראנצײזיש־יידישע צײַטשריפט. נאָך
וי שפּעט ווי אין 1892 האָט מאָרינאָ, רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג לע רעפּובליקען
קאָנסטאַנטין, אַרויסגעלאָזט צו די יידישע ווײלער אזא רוף: „די אָפּאָרטוניסטן
לטן אונדז געוואָלט אַרײַנציִען אין א מלחמה קעגן די יידן. מיר וועלן אָבער נישט
ײַנפאַלן אין זײער נעץ״. שפּעטער איז מאָרינאָ געוואָרן אײנער פון די פירערס
ן אַלזשירער אַנטיסעמיטיזם. אויך דער אַנטיסעמיט מאַרשאַל, ווען ער האָט נאָך
האָפט אויף יידישע שטימען, האָט געלויבט יידן און אַטאַקירט דרימאָנען. עס איז
ווען א לאַגע וואָס האָט געשמעקט פאַר יידן מיט פּולווער. עס איז געווען זיכער, אַז
ר וועמען זיי זאָלן נישט שטימען, וועט דער צד שכנגד זײַן בײז אויף די יידישע
לערס. אָבער צי וועלן אויך די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן ווערן אַנטיסעמיטן
יב יידישע ווײלערס וועלן שטימען נישט פאַר זיי? עס איז שווער געווען צו גלויבן,
ם מ'האָט געקענט באַמערקן אַזוינע פאַלן חיכף אין די ערשטע צײַטן פון דעם קאַמף
וישן די אָפּאָרטוניסטן און לינקע. אין 1881 האָט א „ראַדיקאַלער קאַנדידאַט, א
ידענקער״ זיך דערקלערט פאַר אַן אַנטיסעמיט. עס זײַנען אַפילו געווען יידישע
ל־טוערס וואָס האָבן געטענהט, אַז יידן דאַרפן בעסער בכלל זיך אָפּהאַלטן פון שטיֿ
ן. עס וועט פאַר זיי נישט אַרויסקומען קײן שום גוטס נישט פון א נצחון פון די
דיקאַלן און סאָציאַליסטן און נישט פון א נצחון פון די „אָפּאָרטוניסטן״.[78]
ער אזא פּאָליטיק פון לגמרי נישט גײן צו די וואַלן וואָלט פּאַקטיש באַטײַט, אַז די
זשירער יידן זאָגן זיך אָפּ צו געניסן פון זײער בירגער־רעכט און סײ ווי וואָלטן
ע צדדים געווען אין כעס אויף די יידן פאַרן נישט שטימען.
די יידישע ווײלערס האָבן לכתחילה נישט געשטימט בלויז פאַר די אָפּאָרטוֿ
סטן. זיי האָבן צעטײלט זײערע שטימען צווישן די ראַדיקאַלן און אָפּאָרטוניסטן,
ער דאָס איז די ראַדיקאַלן נישט געפעלן געוואָרן. מיט דער צײַט האָט זיך אַזוי
מאַכט, אַז ס'רוב יידישע ווײלערס האָבן געשטימט פאַר די מאָדערירטע קאַנדידאַטן.
ס איז לײַכט געווען צו פאַרשטײן. די אַלזשירער יידן זײַנען בכלל פון דער נאַטור
וען קעגנער פון די צו שטאַרק עקסטרעמיסטישע גרופּירונגען און די „אָפּאָרטוֿ
סטן״ איז לײַכט געווען אויסצונוצן די דאָזיקע לאַגע. בכלל זײַנען וואַלן שוין
מאָלט אין אַלזשיר, אַזוי ווי אין פראַנקרײַך גופא, געוואָרן אָפט א פראַגע פון פּערֿ
נלעכקײַטן. מען האָט געשטימט נישט פאַר קײן פּאַרטײ, נאָר פאַר דער פּערזענלעכֿ
ט פון דעם קאַנדידאַט. אין אַלזשיר זײַנען וואַלן געווען אַן ענין פון ספּעקולאַ־

ציע צוזישן די פראנצויזן. יעדער וויילער האט געהאלטן זיין שטים-צעטל ווי א מט-בעה, ווי א טשעק פאר וועלכן ער קען באקומען עפעס פון קאנדידאט פאר וועמען ער וועט שטימען. סוף כל סוף האבן די ייִדישע וויילערס אין טייל פאלן געהאלפן דעם נצחון פון „אפארטוניסטישע" קאנדידאטן, הגם מען דארף דערפון נישט מאכן קיין כלל. דארט וו „אפארטוניסטישע" קאנדידאטן וואלטן סיי ווי אויסגעוויילט געווארן, אפילו אן דער הילף פון ייִדישע שטימען, האט דער צד שכנגד סיי ווי געזוכט ארויפ-צווארפן אויף די ייִדן די שולד פון „אפארטוניסטישן" נצחון. אזוי, למשל, איז עס געשען ביי די וואלן פון 4טן אקטאבער 1885 ווען אין דעפארטאמענט פון דער שטאט אלזשיר זיינען אויסגעוויילט געווארן די „אפארטוניסטישע" קאנדידאטן לעטעליע און בורליע. ביי די פארלאמענטארישע וואלן פון מיי 1898 זיינען די אנטי-ייִדישע קאנדידאטן אויסגעוויילט געווארן מיט אזא גרויסער מערהייט, אז די צאל ייִדישע וויי-לערס האט זיך סיי ווי סיי נישט אנגעזען. אין דער געגנט וו עס איז אויסגעוויילט געווארן דער אפארטוניסטישער דעפוטאט פאל סאמארי האבן אויף 128 ישובים בלויז אין 12 געוווינט 100 ייִדן און מער און אין די מוניציפאלע וואלן האבן דארט די ראדיקאלן געהאט א מערהייט. אין די גרויסע שטעט האבן די ייִדישע וויילערס פארגע-שטעלט מיט זיך א גרויסע מינדערהייט (2,696 ייִדישע וויילערס אויף 34,693 אין דער שטאט אלזשיר, 3,625 אויף 22,934 אין אראן, 1,418 אויף 24,049 אין קאנ-סטאנטין). אין גאנץ אלזשיר זיינען געווען 7,739 ייִדישע וויילערס אויף 89,415 - ס"ה 8,65 פראצענט.[79]

די סאציאליסטן און ראדיקאלן זיינען מיט אמאל אריבער אין אנטיסעמי-טישן לאגער. זיי האבן געטענהט, אז ייִדן באגייען א פארברעכן קעגן suffrage universel, אז ייִדן האבן נישט פארשטאנען דעם ווערט פון קרעמיע-דעקרעט אאז"וו. עס האט זיך אויפגעהויבן א ווילדע סאציאליסטיש-ראדיקאלע אנטיסעמיטישע פראפא-גאנדע מיט די אלטע באקאנטע געשיכטעס פון בלוט-בילבול, אז ייִדן זוכן צו בא-הערשן די גאנצע וועלט, ייִדן זיינען די ערגסטע אונטערדריקערס אאז"וו, אאז"וו. די ייִדן האבן גאנץ גוט געוווּסט און עס דערקלערט - ווי עס האט געשריבן ל'אוניווער איזראעליט - אז אין תוך זיינען אלע באשולדיקונגען קעגן אלזשירער ייִדן נישט מער ווי פאנטאזיעס. מען האט צו די ייִדן בלויז טענות, פארוואס זיי לאזן נישט ביי די וואלן אן אפן פעלד פאר די רעאקציאנערן און רעוואלוציאנערן. איזידאר קאען, ארויסגעבער און רעדאקטאר פון ארשיוו איזראעליט האט פארגעווארפן די אלזשירער סאציאליסטן, אז מיט זייער אנטיסעמיטיזם טרייבן זיי בלויז וואל-שאנטאזש. מען וואלט דארט לייכט געקענט אנטוואפענען די שנאה צו ייִדן - האט ער געשריבן - די ייִדן וואלטן דערצו בלויז געדארפט אנהייבן צו מאכן סאציאליסטישע פאליטיק. דער גאנ-

צער ענין האָט טאַקע געבראַכט בלויז שאָדן די ייִדן, ווי דער היסטאָריקער א.בערנאַר באַמערקט: „אין די קאַמפן פון פּאַרטייען אין וועלכע מ'האָט זיך באַמיט אַריינצוציען די ייִדן האָבן זייערע פּאַרטיידיקער זיי אָפט געבראַכט אַזוי פיל שאָדן ווי זייערע קעגנער". [80]

די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן האָבן אָנגעהויבן פירן שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן קרעמיע־דעקרעט. אין תוך גענומען איז עס טאַקע געווען נישט מער ווי א דעמאַגאָגישע וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. קיינער, א חוץ געציילטע ווילדע אַנטיסעמיטן אָן שום פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט נישט געטראַכט ערנסט אָפּצושאַפן דעם דעקרעט, עס איז שווער געווען פּראָוואָצירן די רעזולטאַטן פון אַזאַ פּרעצעדענט ווי אָפּשאַפן א דעקרעט פון דער פּאַרטיידיקונגס־רעגירונג אין 1870. אַזאַ שריט וואָלט געקענט ווערן א פּרעצעדענט אָפּצושאַפן אויך אַנדערע דעקרעטן וואָס וואָלט געקענט שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ גופא פון דער רעפּובליק. אויף עפּעס אַזוינס האָט זיך געקענט דערלויבן בלויז די ווישי־רעגירונג בעת דער לעצטער דייטשער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך. אפילו די סאָציאַליסטן האָבן נישט געגלייבט ערנסט אין דער מיגלעכקייט אָפּצושאַפן דעם קרעמיע־דעקרעט. אויפן דריטן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַלזשיר (יוני 1895) האָבן די פּאָרשטייערס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין קאָנסטאַנטין אַריינגעטראָגן א רעזאָלוציע קעגן קרעמיע־דעקרעט. דער קאָנגרעס האָט אָבער באַשלאָסן נישט צו באַטראַכטן דעם ענין, הגם ער האָט יאָ אָנערקענט די "צייטווייליקע וויכטיקייט" פון דעם קאַמף וואָס די קאָנסטאַנטינער סאָציאַליסטן האָבן געפירט קעגן דעם דעקרעט. דעם אָפיציעלן אויסרייד נישט צו באַטראַכטן דעם פאָרשלאַג פון די קאָנסטאַנטינער דעלעגאַטן האָט אויסגעדריקט דאַניעל סאָרען אין זיין דערקלערונג, אַז אין קאַמף פאַר א גלייכער געזעלשאַפט קעמפט מען שוין במילא געגנוג „קעגן די ייִדן פון אַלע ראַסן" (דאָס וואָרט „ייִד" האָט ער, אגב, באַנוצט ווי א סינאָנים פון קאַפּיטאַליזם). אויף א סאָציאַליסטישן מיטינג אין אַלזשיר דעם 2טן אָקטאָבער 1898 האָט דער רעדנער קונץ דערקלערט, אַז די פּראָפּאַגאַנדע קעגן קרעמיע־דעקרעט וואָס קען נישט אָפּגעשאַפט ווערן איז נישט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע. דער סאָציאַליסט עדמאָן קלאַריס האָט שפּעטער געשריבן, אַז דער אַלזשירער סאָציאַליסטישער פירער לוסיען שאַז און דאַניעל סאָרען וואָס זיינען געווען אויך פירערס פון אַלזשירער אַנטיסעמיטיזם, האָבן היים פאַרטיידיקט דעם קרעמיע־דעקרעט. דער סאָציאַליסט באַסעי פון אַנטיסעמיטישן אָרגאַן לע ראַדיקאַל אַלזשעריען האָט נאָך אין 1871 געשריבן אין דער צייטונג סאָלידאַריטעי קעגן אָפּשאַפן דעם קרעמיע־דעקרעט. היות ייִדן האָבן ביי וואַלן געשטימט נישט פאַר אים, נאָר פאַר זיין קעגנער לעטעליעי, האָט ער געהאָלפן שאַפן די אַנטי־ייִדישע ליגע וועגן וועלכער מיר וועלן ווייטער שרייבן. [81]

פאקטיש איז מען דערווייל איינגעגאנגען דערויף, אז מען דארף לאזן די יידן זייערע ציווילע רעכט און אפצונעמען ביי זיי די פאליטישע רעכט, ד"ה דאס רעכט צו שטימען. אבער אפילו דער רעגירונגס-קאמיסאר אין אלזשיר זשול קאמבאן, וואס אנטיסעמיטיזם איז געווען דער יסוד פון זיין פאליטיק, האט נישט געקענט איינגיין אויף אזא פארשלאג פון סאציאליסטישן פירער רעגעי וויוויאני, ווייל אזא שריט וואלט געווען קעגן פרינציפ פון דער פראנצייזישער יורידיקציע. דערווייל האבן די סאציאליסטן און ראדיקאלן געשטעלט די יידן פאר אן אולטימאטום; זיי האבן ביי זיך אפגעמאכט צו געווינען די יידישע שטימען אדער זיי צו פארניכטן. אויב מען האט נישט געקענט באקומען קיין יידישע שטימען, האט מען געדארפט שטערן די יידן צו וויילן. בעת די וואלן אין קאנסטאנטין (1895) האט מען אונטערן אויסרייד פון וועלן באשיצן דעם יידישן קווארטאל פשוט ארומגערינגלט יידישע הייזער און נישט געלאזט גיין יידן שטימען. אונטער פארשיידענע אויסריידן האט מען אויסגעשטראכן א גרויסע צאל יידן פון די וואל-רשימות. דער שריט איז געווען אזוי ווייט אומלעגאל, אז דאס קאסאציע-געריכט האט אין איין ערנצטן פאל צוריק ארויפגעשטעלט די יידן אויף דער וויילער-רשימה.82)

אין די אינטערעסן פון אנטיסעמיטיזם האט מען אנגעהויבן העצן די אראבער קעגן יידן.

די פראנצויזן אין אלזשיר האבן בכלל זיך ווייניק געזארגט צי די יידן נוצן מאקע אויס די אראבער. אין א בריוו צו לע רעפובליקען דע וואזש ווערט דערציילט, אז די איראפעער אין אלזשיר זיינען אין כעס אויף יידן וואס פארקויפן צו די אראבער סחורות ביליקער פון איראפעער וואס זוכן גיך רייך צו ווערן. די פראנצויזן האבן, אזוי ווי אלע קאלאניסטן, פיינט געהאט די אראבער פונקט אזוי ווי די יידן. דער אלזשירער יידישער סאציאליסט ע. בלום (ל. דיריע) האט געשריבן: „פאר דעם פראנצויזישן קאלאניסט איז דער אלזשירער ייד געווען א נידעריק באשעפעניש און די יודעאפאביע שטאמט אייגנטלעך פון זינט דער אקופאציע, אזוי גוט ווי די אראבאפאביע". מען קען אויך נישט זאגן, אז די פראנצייזישע סאציאליסטן אין אלזשיר זאלן זיך האבן שטארק געזארגט וועגן גורל פון די אלזשירער אראבישע ארבעטער. דער אמת איז, ווי דער היסטאריקער פון דער ארבעטער-געזעצגעבונג אין אלזשיר ברעסי האט געשריבן, אז צווישן די פראנצייזישע און אלזשירער ארבעטער איז בכלל נישט געווען קיין שום סאלידאריטעט. אויב די סאציאליסטן און אנדערע לינקע זאלן האבן געמיינט ערנצט די טובה פון די אראבער, האבן זיי נישט איין מאל געהאט די מיגלעכקייט צו קעמפן ערנצט פארן געבן די אראבער די פראנצייזישע בירגערשאפט צוגלייך מיט יידן. זשאן זשארעס האט אפילו איין מאל (1898) גערופן אין

פארלאמענט צו באקעמפן דעם ײדישן אײנפלוס אין אלזשיר דורך געבן אויך די אראבער שטים־רעכט און דערמיט באשאפן אן אראבישן װײלער־בלאָק קעגן דעם יידישן, אָבער קײנער האָט אזא געדאנק נישט גענומען ערנצט, אפילו נישט זשאָרעס גופא װאָס האָט גערעדט נישט װעגן נאטוראליזירן די אראבער, נאָר בלויז װעגן שטים־רעכט פאר זײ. דערװײל האָט מען בלויז געזוכט אויפצוהעצן די אראבער קעגן ײדן. מען האָט דערצײלט, אז ײדן זוכן אויסצונארן פאר שפּאָט ביליק די ערד בײ די אראבער. דער אמת איז אָבער געװען, אז אלזשירער ײדן האָבן אָפּגעקויפט װײניקער ערד פון די אראבער װי די אײראָפּעער. ביז דעם 31סטן דעצעמבער 1892 האָט מען אין הסכם מיטן געזעץ פון 28סטן אפריל 1887 אָפּגעקויפט בײ די אראבער 197,585 העקטאר, פון דעם האָבן אָפּגעקויפט פראנצויזן ־ 146,585 העקטאר, אנדערע אויסלענדער ־ 32,000 העקטאר, ײדן ־ 19,000 העקטאר. ײדן האָבן אויך געצאָלט אראבער טײערער פאר ערד פון ניט־ײדן. בכלל האָבן די אלזשירער פראנצויזן זיך באמיט נישט צו דערלאָזן די ײדן צו קויפן ערד. דער באקאנטער אלזשירער פּאָליטיקער זשאן העס האָט געהאט געשריבן װעגן די פראנצויזן, אז פון די רעפּובליקאנישע װאל־רעכט װילן זײ פּאָרשטײערס װאָס זאָלן צוגרײטן אזױנע געזעצן, אז פראנצויזן זאָלן קענען װערן ערד־באזיצער אויפן חשבון פון די אראבער.[83] מ'האָט װײטער געפּרוװט העצן קעגן קרעמיע־דעקרעט און כסדר דערמאָנט דעם אראבישן אויפשטאנד אין אלזשיר אין 1871, אז דער אויפשטאנד זאָל האָבן געװען אן אלזשירער פּראָטעסט קעגן קרעמיע־דעקרעט. מיר האָבן נישט בדעה צו באהאנדלען אין דער ארבעט די געשיכטע פון דעם אויפשטאנד. מען דארף בלויז באמערקן, אז הגם מ'האָט װעגן דעם ענין שוין א סך געשריבן, װאָלט כדאי געװען אויסצופאָרשן גענויער דעם ענין בעיקר אין שײכות מיט דער פאלשער טעזע, אז דער קרעמיע־דעקרעט האָט דערפירט צום אויפשטאנד. היסטאָריקער האָבן שוין אויפגעװיזן, הגם בלויז דורכגײענדיק, אז דער אויפשטאנד איז געװען אן אראבישער בונט קעגן פראנקרײך און נישט קעגן ײדן. די אראבער האָבן אויסגענוצט פראנקרײכס שװערן מצב צוליב דער מלחמה מיט דײטשלאנד. ערשט שפּעטער האָבן נישט אראבישע אנטימעמיטן געזוכט צוצושטעפּן דעם קרעמיע־דעקרעט װי א סיבה פון אויפשטאנד. די אראבער, אזוי גוט װי די ראדיקאלן און סאָציאליסטן, האָבן לכתחילה גאָרנישט געהאט קעגן קרעמיע־דעקרעט. טײל אראבישע קרײזן זײנען יאָ געװען קעגנער פון קרעמיע־דעקרעט, אָבער צוליב א גאנץ אנדער סיבה. זײ האָבן געטענהט, אז מיט דעם דעקרעט װעט זיך פראנקרײך ארײנמישן אין די אינעװײניקסטע ענינים פון רעליגיעזן ײדישן לעבן און דאָס װעט מיט דער צײט זײן פאר די פראנצויזן א פּרעטעקסט זיך ארײנצומישן אויך אין די אינעװײניקסטע ענינים פון די אראבער.[84]

טייל פראנצויזן האבן אין אביעקטיווע פארשונגען אפילו באמערקט, אז דער אנטיסעמיטיזם איז אין אלזשיר פארשפרייט מער אין שטאט ווי אין דארף, מחמת אין שטאט גרופירט זיך בעיקר די פראנצייזישע באפעלקערונג און אין דארף די אראבישע. איין פראנצויז האט געשריבן: „טראץ דער העצע אויפצוררייצן ישמעאלן קעגן ישראל, זיינען די אראבישע שבטים נישט געגאנגען אויף דעם וועג". די דאזיקע שפיל פון העצן אראבער קעגן יידן איז געווען א געפערלעכע שפיל פאר פראנקרייך און א סך האבן געווארנט קעגן דעם. אפילו דער געוועזענער קאמונאר ראשעפאר וואס איז געווארן אן אנטיסעמיט האט געווארנט קעגן איינפלוס וואס דער אנטיסעמיטיזם אין אלזשיר קען האבן אויף די אראבער: „עס הייבט זיך אן מיט די יידן, עס וועט זיך ענדיקן מיט די קריסטן.[85]

די ערשטע ערנצטע עקסצעסן קעגן יידן זיינען אויסגעבראכן אין אלזשיר אין יוני – יולי 1884. פון יעמאלט אן זיינען אנטיסעמיטישע אומרוען געווארן א נארמאלע געשעעניש אין אלזשיר. גאנץ ערנצטע עקסצעסן זיינען ווידער אויסגעבראכן אין 1893 און 1898. מ'האט געשלאגן יידן אויף די גאסן, געמארדעט אפילו; מ'האט געשענדעט יידישע הייליקטימער; מ'האט באיקאטירט יידישע געשעפטן, ארויסגעווארפן יידישע פראלעטאריער פון דער ארבעט, נישט געלאזט יידישע קינדער זיך לערנען אין די שולן אאז"וו, אאז"וו. אלזשירער יידן האבן בסדר געלעבט אין אן אטמאספערע פון פאגראמען וואס האט גאנץ זעלטן זיך בארויקט אויף א קורצער צייט בלויז. נאך די אומרוען אין 1884 איז א שטיקל צייט געווען רויק, אבער דער אנטיסעמיטיזם האט זיך בכלל נישט געהאט אפגעשטעלט. ווען די אומרוען האבן זיך ווידער באנייט אין 1891 איז עס געווען מיט נאך א ווילדערער רציחה קעגן יידן. צום סאציאליסטיש-דעמאקראטישן אנטיסעמיטיזם זיינען שוין געהאט צוגעקומען קלעריקאלע עלעמענטן פון די פראנצויזן און שפאנישע, איטאליענישע און אנדערע עמיגראנטן וואס דער סאציאליסט גוסטאוו רואנעי האט אנגערופן "populations inférieurs".

די סאציאליסטישע אנטי-יידישע ליגע.

דער לינקער אנטיסעמיטיזם איז אין אלזשיר נישט געווען סתם קיין פלאפלערייי. מ'האט נישט נאר געמאכט פאגראמען, נאר מ'האט פארוואנדלט דעם אנטיסעמיטיזם אין עצם יסוד פון די פראגראמען הן פון די לינקע און הן פון די קלעריקאלע גרופירונגען, פון דער גאנצער אלזשירער פאליטיק.

די ערשטע איניציאטיוו צו געבן דעם אלזשירער אנטיסעמיטיזם א פלאנירטע און ארגאניזירטע פארם האט געמאכט דער סאציאליסט פערנאן גרעגואר, א פאלי-

טישער עמיגראנט פון דער צווייטער אימפעריע. אין אן אנטיסעמיטיש
בוך האט גרעגואר געשריבן וועגן זיך אליין, אז ער איז „דערצויגן געוואָרן אין
די גרויסע אידעען פון פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט וואָס האָבן מיך אריינ־
געוואָרפן אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אומי". תיכף נאָך די אומרועןן
אין 1884 האָט פ. גרעגואר געגרינדעט די „אנטי־יידישע סאָציאליסטישע ליגע"
(Ligue socialiste anti-juif), פון וועלכער ער איז געווען דער ערשטער פאָרזי־
צער. וויצע־פאָרזיצער פון דער ליגע איז געוואָרן פוזשאד, א געוועזענער דעפוטאט
פון דער צווייטער אימפעריע, וואָס איז פארשיקט געוואָרן אין 1852 קיין אלזשיר. די
דאָזיקע אנטיסעמיטישע סאָציאליסטישע ליגע האָט ארויסגעגעבן די צייטונג לע ראַ־
דיקאל אלזשעריען וואָס איז אונטער דער רעדאקציע פון באסעי געוואָרן דער הויפט־
אָרגאן פון לינקן אנטיסעמיטיזם אין צפון־אפריקע. מיט יאָרן שפעטער האָט מען
צומאָל פארגעסן, אז דער מקור פון דער ליגע איז געווען א סאָציאליסטישער און
מ'האָט זי גערופן פשוט „אנטי־יידישע ליגע אין אלזשיר". דאָרט האָט „אזא מענטש
פון רעכטס ווי מארטען סען־לעאָן זיך צונויפגעטראָפן מיטן ראדיקאל מאזאָן, דעם
סאָציאליסט גרעגואר און דעם אנארכיסט פעלעגרען".[87] פון יעמאָלט אָן האָט זיך
געצויגן איין לאנגע קייט פון סאָציאליסטישע אקציעס קעגן יידן. מיר ווילן דאָ
אויסרעכענען בלויז א פאָר.

אויפן קאָנגרעס פון די פראנצייזישע באן־ארבעטער אין 1898, אין מיטן
ברען פון דער דרייפוס־אפערע, האָט די אלזשירער סעקציע פאָרגעלייגט אויסצושליסן
אלע יידישע ארבעטער פון פראָפעסיאָנעלן פאראיין. דער קאָנגרעס האָט אָבער דעם פאָר־
שלאג אָפגעוואָרפן. דער היסטאָריקער פון אלזשירער סאָציאליזם זשוויינג, אליין א סאָ־
ציאליסט, איז מודה, אז אין קאָנסטאנטין זיינען די אנטיסעמיטישע קרייזן באשטאַ־
נען א לאנגע צייט בלויז פון ארבעטער. די קאָנסטאנטינער סאָציאליסטן האָבן איינ־
געאָרדנט דעם 9טן יוני 1897 א מיטינג צום זכרון פון אנטיסעמיטישן פירער פון
פראנקרייך מאָרעס, וואָס איז געווען איינער פון די שטארקסטע פראנצייזישע רעאקציאָ־
נערן און קעגנער פון אָרגאניזירטן סאָציאליזם. לע ראדיקאל אלזשעריען האָט דעם
11טן יוני 1892 געעפנט א זאמלונג אויף צו העלפן דרימאָנען ווענס אנטי־יידישע
דאָקטרינע איז במשך פון העכער 20 יאָר געווען די עוואנגעליע פון די לינק־געשטימ־
טע קרייזן אין אלזשיר. דער סאָציאליסט עמיל וויאָלאר וואָס איז געווען א מיטארבע־
טער פון לע קרי די פעפל פון קאָמונאר וואלעס, איז געווען אן אלזשירער קאָרעס־
פאָנדענט פון דרימאָנס לא ליבר פאראל. אין זיינס א בוך וועגן אלזשיר האָט ער
אָנגערופן יידן די „ווענערישע קראנקהייט" פון די אלזשיריאנער, פונקט ווי פ. גרע־
גואר האָט געשריבן וועגן דער „יידישער מאלאריע". אין א פאריזער סאָציאליסטישער

צייטונג האָט וויאַלאר אָנגערופן אלזשירער יידן Youpins („שמוציקע יידן" – אן אנטיסעמיטיש זידלוואָרט). פאר א זאמלונג פון דרימאָנס <u>לא ליבר פאראָל</u> צום זכרון פון איינעם פון די שולדיקע אין בילבול קעגן דרייפוסן זיינען אָנגעקומען פון אלזשיר באשטייערונגען מיט אזוינע צושריפטן: „אן אנטי־קלעריקאל", אן אנטי־יידישער ראוואשאָל" [נאָמען פון א באקאנטן אנארכיסטישן טעראָריסט], „אן אנטי־יידישער סאָציאליסט" אאז"וו.[88]

מען קען ברענגען אָן א שיעור פאקטן וואָס באווייזן קלאָר די שולד פון די סאָציאליסטן און ראדיקאלן אין דער אנטוויקלונג פון אנטיסעמיטיזם אין אלזשיר און אויך גבית־עדותן, שטימען מכל הצדדים וואָס האָבן בשעת מעשה תיכף געוואָרנט קעגן דעם לינקן אנטיסעמיטיזם; און פון אנדערע וואָס האָבן זיך באריַמט מיט זייער אנטיסעמיטיזם; פון היסטאָריקער וואָס האָבן געלעבט אין יענער תקופה און וועגן דעם געשריבן.

גבית־עדותן און פאקטן וועגן דעם לינקן כאראקטער פון אלזשירער אנטיסעמיטיזם בכלל:[89] דער אלזשירער ייד רענעי לעווי האָט געהאט אויסגערופן: „דאָס רעפובליקאנישע און פריידענקערישע אלזשיר וואָס איז דורך די פארשיקטע פון 2טן דעצעמבער דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון פרייהייט האָט אויסגעוויילט אויף צו שיקן אין פארלאמענט א נביא פון רעאקציע און קלעריקאליזם [עדוארד דרימאָן]". דער פארבאנד פון פריידענקער אין אָראן האָט דעם 30סטן מיי 1885 באשלאָסן צו באזייטיקן דעם איינציקן יידישן מיטגליד פון דעם פארבאנד (מען דארף באמערקן, אז די פריידענקערישע פראנצויזן האָט נישט שטארק געשמעקט דער איינפלוס וואָס די אלזשירער יידישע קאָנסיסטאָריעס האָבן געהאט אויפן יידישן לעבן. די לינקע אנטיסעמיטן האָבן כסדר געטענהט, אז די קאָנסיסטאָריעס מישן זיך אריין אין די וואלן, זיי זאָגן אָן די יידן פאר וועמען צו שטימען און שאפן א יידישן וואל־בלאָק פאר די „אָפּאָרטוניסטן"). „אין אלזשיר – האָט געשריבן דער באקאנטער רעפובליקאנער איחעס גויאָ, רעדאקטאָר פון <u>לע סיעקל</u> – פילט יעדער ראדיקאל־סאָציאליסט פאר זיין חוב צו זיין אן אנטיסעמיט; יעדער אנטיסעמיט איז אָבליגאטאָריש א ראדיקאל־סאָציאליסט".[90]

וועגן אָנטייל פון דער ארבעטער־באוועגונג אין אנטיסעמיטיזם: די רעאקציאָנערע קרייזן האָבן אין זייערע אטאקעס קעגן אלזשירער יידנטום נישט איין מאָל געהאט די מיגלעכקייט זיך צו באנוצן מיט אנטי־יידישע דערקלערונגען פון ארבעטער־פירערס. דער דעפוטאט דעניס האָט אין פארלאמענט (1895) ציטירט אפילו א פאָר זאצן פון אנארכיסט ע. רעקליז קעגן אלזשירער יידן וואָס ער האָט באגלייט מיט אזא איראָנישער באמערקונג „דאָס איז די מיינונג פון רעקליז וואָס ער איז נישט קיין קלעריקאל, מיין איך". אין 1899 האָבן די רעאקציאָנערע דעפוטאטן מאָרינאָ

און מארשאל דערמאָנט אין פארלאמענט א פּאָר שארפע ווערטער וואָס דער סאָציאַליסטי-
שער פירער גוסטאוו רואנעי האָט געהאט געשריבן אין 1896 קעגן די אלזשירער ייִדן
אין דעם סאָציאַליסטישן אָרגאן <u>לא פּטיט רעפּובליק.</u> איוועס גויאָ האָט אָפן באשול-
דיקט די סאָציאַליסטן, אַז זיי שטיצן די פּאָליטיק פון קאמבאָן, דעם קאָמיסאר פון
דער פראנצייזישער רעגירונג אין אלזשיר, וואָס האָט מיט זיין גאנצער פּאָליטיק גע-
האָלפן דער אנטיסעמיטישער באוועגונג. גויאָ האָט אזוי געשריבן: „קאמבאָן איז
באמת דער מענטש פון די סאָציאַליסטן, פון געוועזענע בולאנזשיסטן, פון אנטיסע-
מיטן און פון דער גאנצער באנדע וואָס לעבט רק פון סקאנדאלן". מ'האָט דערפאר
ערנצט חושד געווען, אַז זשול קאמבאָן האָט אָפּגעדאנקט די סאָציאַליסטן פאר זייער
אנטיסעמיטיזם און געזוכט צו פארשטארקן די סאָציאַליסטישע איינפלוסן אין אלזשיר.
בשייכות מיט אנטיסעמיטישע סקאנדאלן אין פעברואר 1897 האָט גויאָ געשריבן, אַז
דער ארבעטער איז דער רוקנביין פון דער אנטיסעמיטישער פּאָליטיק. דעם 18טן
מארץ 1885 האָט די סאָציאַליסטישע צייטונג <u>לע ראדיקאל אלזשעריען</u> אָפּגעדרוקט אן
ארטיקל וועגן דער פּאריזער קאָמונע וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט די ווערטער „זאָל
לעבן דער 18טער מארץ 1871!". זשאָזעף פראנסוא אָמערא, מחבר פון א פּראָ-ייִדיש
בוך וועגן אנטיסעמיטיזם אין דער שטאָט אלזשיר, האָט ספּעציעל איבערגעדרוקט דאָס
ארטיקל צום סוף פון זיין בוך, בכדי אונטערצושטרייכן דעם סאָציאַליסטישן כאראַק-
טער פון די אָנפאלן אויף ייִדן. די פראנצייזיש-ייִדישע צייטשריפט <u>ארשיוו איזראעליט</u>
האָט וועגן דעם געשריבן: „מיר קענען בלויז פעסטשטעלן, אַז די ייִדישע מאסן ווערן
געראָדפט פון לייט וואָס רופן זיך „ראדיקאלן" און וואָס באווייזן עס דורך שרייען
„זאָל לעבן די קאָמונע!". די ייִדישע קרייזן האָבן נישט איין מאָל פעסטגעשטעלט דעם
סאָציאַליסטישן כאראקטער פון אלזשירער אנטיסעמיטיזם און במילא האָבן זיי אָפט
ית פארביטערונג זיך אויסגעדריקט שלעכט וועגן דער סאָציאַליסטישער באוועגונג
כלל. קיין סימפּאטיעס צום סאָציאַליזם האָט מען ביי אזא לאגע נישט געקענט דער-
וארטן מצד די אָנפירנדיקע ייִדישע קרייזן. <u>ארשיוו איזראעליט</u> האָט געשריבן אין
188, אַז די פּראָוואָקאציעס קעגן ייִדן שטאמען פון ראדיקאלע פראנצייזישע צייטונגען
ואָס האָבן אָנגענומען „די פּרינציפּן פון קאָמוניזם, בלאנקיזם און קאָלעקטיוויזם
ון דער פראנצייזישער מעטראָפּאָליע". די אויסגאבע האָט אָנגערופן דעם סאָציאַליס-
יש-אנטיסעמיטישן אָרגאן פון אלזשיר מיט אזוינע נעמען ווי „די קאָמונארישע צייַ-
ונג", „ניהיליסטישע בלעטער" און האָט געשריבן אין 1897, אַז די אנטי-ייִדישע
אניפעסטאציעס זיינען געווען אָרגאניזירט דורך די „קלעריקאלן און קאָמונארן";
ורך דעם „רעוואָלוציאָנערן און אנטיסעמיטישן פאנאטיזם", דעם בונד פון סאָציאַ-
יסטישן ראדיקאליזם און אנטיסעמיטיזם, צוויי פארדאָרבענע מאראלן וואָס זיינען באַ-

שאפן געוואָרן בכדי זיך צו פארשטענדיקן - ווי די צייטונג האָט זיך אויסגעדריקט. אוניווער איזראעליט האָט פעסטגעשטעלט (1892), אז בעת אין פראנקרייך גופא האָט די סאָציאַליסטישע פארטיי אָפיציעל זיך שוין געהאַט אָפגעשאָקלט פון אנטיסעמיטיזם, איז די סאָציאַליסטישע פארטיי אין אלזשיר געוואָרן א שותף צו דרימאָנען און זיך פאראייניקט מיט די ערגסטע שונאים פון דער פרייהייט און דער רעפובליק.[91]

עס פעלן אויך נישט קיין גביית־עדות פון סאָציאַליסטן גופא. דער סאָציאַליסט פראנסוא דאגען האָט געשריבן אין שארל פעגיס אויסגאַבע וועגן די מאַנעווערן פון דער ראדיקאלער פארטיי אין אלזשיר אויף צו געווינען די אנטי־קלעריקאלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין קאַמף קעגן יידן: „די ראדיקאלע פארטיי איז בכן געוואָרן די אנטיסעמיטישע פארטיי צוליב א באַשטימטן ציל, בכדי צו באַקומען די־מאַכט. זי וואָלט אָבער נישט דערגרייכט איר ציל, אויב א גרויסע צאָל רעפובליקאנער פון שטארק פארשיידענע נואנסן, מאָדערירטע און אפילו סאָציאַליסטן וואָלן איר נישט האָבן געהאָלפן. אגב האָבן די ראדיקאלן זיך ארויסגעוויזן שטארק פיפיק ביים פארשפרייטן די אידעע, אז מען קען זיין איינצייטיק אנטיקלעריקאל און אנטיסעמיטיש. „אן אנטיקלעריקאל, האָבן זיי געזאָגט, איז אמת זוכה צו טראָגן דעם נאָמען בלויז, אויב ער האָט פיינט אלע קלעריקאליזמען. אָבער דער געפערלעכסטער פון אלע קלעריקאליזמען איז דאָך דער יידישער קלעריקאליזם". פראנסוא דאגען האָט ווייטער געשריבן: „עס איז קיינמאָל נישט גענוג איבערצוחזרן, אז די רעאַקציאָנערן זיינען אין א גאָר קליינער צאָל אין אלזשיר; און די רעפובליקאנער אין פראנקרייך האָבן זיך שטארק טועה געווען דערמיט וואָס זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אז די אנטי־יידן זיינען געווען ס'רוב קלעריקאלן: מען קען זאָגן, אז דער קלעריקאלער עלעמענט רעכנט זיך נישט אין אלזשיר". „דער רעליגיעזער קריסטלעכער סענטימענט האָט נישט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען אין דער אלזשירער נשמה... די אנטי־יידישע קאנדידאטן זיינען אליין ס'רוב פריידענקערס און זייערע אקטן זיינען אין הסכם מיט די פרינציפן זייערע". איינער פון די אקטיווסטע פירערס פון דעם אלזשירער סאָציאַליסטישן אנטיסעמיטיזם, לוסיען שאז, איז געווען ביי דער מיינונג, אז אין די אנטי־יידישע געשעענישן פון 1884 און 1898 איז געווען „א סאָציאַליסטישע באַוועגונג".[92]

אנטיסעמיטיזם און קלאסנקאַמף.

אין תוך גענומען איז די וואַל־פראָפּאַגאַנדע געווען נישט מער ווי אן אויסרייד. די סיבות פון דעם לינקן אנטיסעמיטיזם זיינען געלעגן א סך טיפער. דער לינקער אנטיסעמיטיזם אין אלזשיר איז געווען בלויז א טייל פון דעם אנטי־

סעמיטיזם אין טייל סאָציאַליסטישע קרייזן אין פראַנקרייך.

טייל סאָציאַליסטן האָבן טאַקע ערנצט געגלויבט, אז ייִדישקייט איז די סינטעזע פון קאַפּיטאַליזם, ס'רוב האָט געוווּסט, אז עס איז נישט אזוי, זיי האָבן אָבער געגלויבט, אז מען קען אויסנוצן דעם אנטיסעמיטיזם אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע. דער אַלזשירער אַרבעטער־טוער אַלבער פּעלעגרען וואָס איז צוערשט אליין אויך געווען אן אנטיסעמיט האָט שפּעטער געשריבן: „ווען די אנטי־ייִדן האָבן אָנגעהויבן זייער מיאוסע קאַמפּאַניע, האָבן א סך פון מיינע חברים געגלויבט, אז דאָס איז געווען, בכדי צו קעמפן קעגן די קאַפּיטאַליסטן". פּ. גרעגואַר האָט אליין געשריבן, אז ער איז א יורש פון דעם פוריערסטישן אנטיסעמיט טוסענעל. דער פילאָסעמיט ע. בעי האָט געשריבן וועגן אים: „צווישן די ווילדסטע אנטיסעמיטן אין דער פּרעסע האָט זיך אויסגעצייכנט פערנאַן גרעגואַר, אן איבערצייגטער סאָציאַליסט וואָס האָט געזען אין דעם ייִד די סינטעזע פון קאַפּיטאַל". מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז צווישן דעם וואָס מען רופט אנטי־ייִדישע רעוואָלוציע און דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז פאַראַנען א סאָציאַליסטישע קרובהשאַפט. אן אנטיסעמיטישע צייטונג האָט אָפן געשריבן אין 1898, אז אויב די אַלזשירער אַרבעטער האָבן אָנטיילגענומען אין דער אנטי־ייִדישער באַוועגונג איז ווייל זיי האָבן געגלויבט און גלויבן נאָך אלץ, אז די אלע וואָס קעמפן איצט קעגן ייִדן, וועלן דערנאָך ממשיך זיין דעם קאַמף אויך קעגן נישט־ייִדישן קאַפּיטאַל. דער סאָציאַליסטישער פירער פון אַלזשיר לוסיען שאַז האָט דערקלערט, אז „די ייִדן־פראַגע האָט איר אָרט אין דער סאָציאַלער פראַגע און זי איז די בעסטע פאָרם פון סאָציאַלן קאַמף קעגן די פּאַראַזיטיזמען". בעת די אנטי־ייִדישע אומרוען אין 1898 האָט ער דערקלערט, אז „דער אנטיסעמיטיזם איז א לאָקאַלע פאָרם פון סאָציאַליזם". (לוסיען שאַז, א געוועזענער באַן־אַרבעטער און שפּעטער א פּראָפעסיאָנעלער סאָציאַליסטישער טוער איז אפילו פון די נישט־אנטיסעמיטישע סאָציאַליסטן אָפּגעשאַצט געוואָרן פאַר „א ווערטפולן מענטש". אדאַנק זיין אנטיסעמיטיזם האָט ער געמאַכט א קאַריערע אין דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע. ער איז געוואָרן בירגערמייסטער פון דער שטאָט מוסטאַפּאַ וואָס איז דורך די קאַנאַלן פון אנטיסעמיטיזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פעסטונג פון דער רעאַקציע אין צפון־אַפריקע. ל. שאַז איז שפּעטער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג ל'אַנטיזשוויף וואָס לויט איר פּאָרנאָגראַפיש־אנטיסעמיטישן כאַראַקטער איז זי קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן געוואָרן אפילו דורך שטרייכערס שטירמער). אויך רענע וויוויאַני, איינער פון די באַקאַנטסטע פירערס פון פראַנצייזישן סאָציאַליזם, האָט דערקלערט בעת זיינע באַזוכן אין אַלזשיר, וווּ ער איז אַרויסגעטראָטן אויף אנטיסעמיטישע מיטינגען, אז „אין אַלזשיר איז אנטיסעמיטיזם די בעסטע פאָרם פון סאָציאַלן קאַמף".[93]

מיטן אריינטריט פון די סאָציאַליסטן אויף דער אנטיסעמיטישער סצענע האָט דער כאַראַקטער פון אנטיסעמיטיזם זיך לגמרי געביטן. די פּראָפּאַגאַנדע איז אריבערגעטראָגן געװאָרן אויפן פינאַנציעלן באָדן, דער אנטיסעמיטיזם איז געװאָרן אַן עקאָנאָמישער ענין. די סאָציאַליסטן האָבן פּראָקלאַמירט, אַז „דער אנטיסעמיטיזם איז אין תוך אַנטיקאַפּיטאַליזם און בכן - דער עצם תוך פון סאָציאַליזם". סײַ װי האָט מען נישט געקענט אָפּן־מודה זײַן, אַז מען מאַכט פּאָגראָמען בלויז דערפאַר, װײַל ייִדן װילן נישט שטימען פאַר אַ געװיסער פּאַרטײַ. מ'האָט געמוזט אָנטאָן דעם אַנטי־סעמיטיזם אין עפּעס אַ מאַסקע פון קלאַסנקאַמף. דער אַלזשירער פּובליציסט ע. ני־קעס האָט געשריבן אין 1899: „דער יסוד פון אַלזשירער אנטיסעמיטיזם איז אַזוי פאַלש, אַז בכדי צו פאַרמאַסקירן זײַערע פּלענער מוזן די פירערס זיך פאָרשטעלן פאַר אָנפירערס פון אַן עקאָנאָמישער מלחמה, װי קעמפערס קעגן קאַפּיטאַל". בכן האָבן די אַלזשירער אנטיסעמיטן געװאָרפן דעם לאָזונג, אַז רעליגיע איז נישט די סיבה פון זײַער קאַמף קעגן ייִדן; פּאָליטיק איז אויך בלויז אַן אויסרייד אויף צו קענען אָנפירן דעם קאַמף; די פאַקטישע סיבה איז אַ ריין עקאָנאָמישע. מ'האָט געװאָרפן די פאָרמולע פון אַ „סאָציאַלן אנטיסעמיטיזם". אויך אין פּאַרלאַמענט האָבן די אַנטי־ייִדישע דעפּוטאַטן געזוכט צו באַװײַזן, אַז דער אַלזשירער אנטיסעמיטיזם איז אַן עקאָנאָמישער קאַמף און ער האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן פראַנצײזישן אנטיסעמיטיזם װאָס איז בעיקר קלעריקאַל און רעאַקציאָנער.[94]

עס איז אָבער קיינעם נישט געלונגען צו באַװײַזן, אַז דאָס אַלזשירער ייִדנטום באַשטייט טאַקע בעיקר פון אַ קאַפּיטאַליסטישן עלעמענט. דער אמת איז געװען, אַז גאָר אַ גרויסער טייל פון אַלזשירער ייִדן איז באַשטאַנען פון פּשוטע אָרעמע־לייט און צװישן די אַלזשירער ייִדן איז געװען אַ שטאַרקער פּראָלעטאַרישער עלעמענט. די ייִדן האָבן אויך פאָרגעשטעלט מיט זיך בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פון די רעגיר־רונגס־אָנגעשטעלטע. אין דער מאַגיסטראַטור, למשל, האָבן זיי אין 1899 אויסגע־מאַכט בלויז 3% : 3 ייִדן אויף 74 נאָטאַריוסן, 8 אויף 128 איבערזעצערס, 3 אויף 184 אַדװאָקאַטן. קיין איין ייִד נישט צװישן בערך 500 ריכטערס. באַװײַזן מיט ציפערן האָבן עס דװקא פירנדיקע טוערס פון פראַנצײזישן סאָציאַליזם, כלל נישט אַלע, נאָר די יעניקע װאָס זײַנען אין די סאַמע לעצטע יאָרן פון 19טן י"ה, אין מיטן ברען פון דער דרייפוס־אַפערע, סוף כל סוף אַריבער אין דרייפוסאַרישן לאַגער און זיי האָבן געפילט זיך שטאַרק נישט באַקװעם צוליבן אָנטייל פון סאָציאַליסטן אין די אַלזשירער אנטיסעמיטישע אומרוען. אין 1899 האָט דער טעאָרעטישער אָרגאַן פון פראַנצײזישן סאָציאַליזם <u>לאַ רעװו סאָסיאַליסט</u> װאָס האָט ביז דער דרייפוס־אַפערע געפירט אנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, געדרוקט אַ גרעסערע אַרבעט פון אַלזשירער

ידישן סאָציאַליסט לוי דיריע (ע. בלום) וועגן ידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַלזשיר וואָס האָט קלאָר באַוויזן, אַז ס'רוב אַלזשירער ידן זיינען פּראָלעטאַריער אָדער פּשוטע אָרעמעליט. דער סאָציאַליסטישער פירער גוסטאַוו רואַנעי וואָס האָט ביז דער דרייפוס-אַפערע אַליין געהאַט שטאַרק אַנטיסעמיטישע ניגונגען, איז אין פראַנצייזישן פּאַרלאַמענט געוואָרן דער שטאַרקסטער פאַרטיידיקער פון די אַלזשירער יידן און ער האָט אויפגעוויזן וואָס פאַר א גרויסע צאָל ידישע פּראָלעטאַריער עס געפינען זיך אין אַלזשיר. די אַלזשירער נישט-ידישע אַרבעטער האָבן אויך נישט געהאַט צו ליידן פון קאָנקורענץ מצד ידן אַזוי ווי מצד אויסלענדער. דווקא אַן אַנטיסעמיטישע ציטונג האָט געשריבן, אַז „פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג געניסן נישט דירעקט די אַרבעטער, ווייל קיין ידישע אַרבעטער-קאָנקורענץ עקסיסטירט נישט". פון די רייכע ידן אין אַלזשיר האָט דער פראַנצייזישער אַרבעטער נישט געליטן מחמת עס האָט נישט עקסיסטירט קיין ידישער פּאַטראָנאַט וואָס זאָל אונטערדריקן דעם פראַנצייזישן אַרבעטער אין אַלזשיר. טייל סאָציאַליסטן זיינען שוין געהאַט צו ווייט פאַרקראָכן אין זייער שנאה צו ידן. דער האָלענדישער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט וואַן קאָל, הגם אַליין א קעגנער פון קרעמיע-דעקרעט, האָט געשריבן: „מ'האָט נישט געפירט דעם קאַמף קעגן גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, נאָר בלויז קעגן די סעמיטן. דאָס פאַרמעגן פון א פּאָר ידן איז געוואָרן אַן אויסרייד פון שנאה קעגן דער גאַנצער ידישער ראַסע". דער אַלזשירער פּובליציסט ע. ניקעס האָט איין מאָל געשריבן: „צי איז עס אין נאָמען פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַל האָבן דריי האַלב-שיכורע פּרויען געשמיסן א קליין ידיש מיידעלע פון 6 יאָר (דעם 13טן יוני 1898)?".[95]

אין פראַנקרייך גופא האָבן די אָרגאַניזירטע רעפּובליקאַנישע עלעמענטן א לאַנגע צייט זיך צוגעקוקט גאַנץ גלייכגילטיק צו די אַנטיסעמיטישע אויפברויזן אין צפון-אַפריקע. אפילו זשאָרזש קלעמאַנסאָ האָט אַזוי שפּעט ווי אין 1899, אין סאַמע ברען פון דער דרייפוס-אַפערע, אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די אַלזשירער ידן זיינען צו גיך נאַטוראַליזירט געוואָרן. אויך די פּאַריזער סאָציאַליסטן האָבן גאַנץ שפּעט אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אַלזשירער יידן. ווען גוסטאַוו רואַנעי האָט מוטיק פאַרטיידיקט די אַלזשירער ידן, האָבן אַנדערע פּאַריזער סאָציאַליסטישע פירערס נאָך אַלץ געגלויבט אין דער לעגענדע פון א ידישער געפאַר אין אַלזשיר און אָפט האָבן זיי עס אָפן אַרויסגעזאָגט. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז לויט דעם סאָציאַליסטישן פירער רענעי וויוויאַני איז אַנטיסעמיטיזם אין אַלזשיר געווען אַן עקאָנאָמישער קאַמף. אין פּאַרלאַמענט האָט ער דערקלערט (1898), אַז די אַלזשירער ידן „האָבן בעיקר א סאָציאַלן איינפלוס". דעם 21סטן פעברואַר 1895 האָט וויוויאַני אויסגערופן אין פּאַרלאַמענט: „איך פאָדער, אַז אַלזשיר זאָל באַ-

פרײַם װערן פֿון דער "ייִדישער טיראַניע"; פֿון "דער לעגענדאַרער רױבערײַ װאָס מאַכט פֿון די ייִדן די בעסטע געהילפֿן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע". דערבײַ האָט דער גאַנצער לינקער פֿליגל אַפּלאָדירט װיװיאַניס רעדע. װיװיאַני האָט שטאַרק געלױבט דעם װאַל־נצחון פֿון "זײַן פֿרײַנד" טרעיל, דעם אַנטיסעמיטישן דעפּוטאַט פֿון אַלזשיר אין פּאַרלאַמענט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אפֿילו געשטױסן דעם סאָציאַליסטישן פֿירער װיװיאַני צו שטיצן די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פֿון קאַמבאָן; מ'האָט אים דערפֿאַר אָנגערופֿן Bel-Abbésien et Cambonien dévoue, און אַלוזיע אױף דערױף, אַז װיװיאַני איז אַלײן געבױרן געװאָרן אין אַלזשיר פֿון װאַנען ער האָט מיטגעבראַכט עפּעס װילדעס פֿון אַן אַפֿריקאַנישן כאַראַקטער. אפֿילו דער סאָציאַליסטישער פֿירער זשאַן זשאָרעס װאָס איז אין די אינטערעסן פֿון דער רעפּובליק געװאָרן א פֿירער פֿון דרײפֿוסאַרישן לאַגער, הגם נישט אין סאַמע אָנהײב פֿון דער אַפֿערע, האָט אױך געגלױבט אין די מעשיות, אַז די אַלזשירער ייִדן זײַנען אױסנוצערס. דערקלערט האָט ער עס אין פּאַרלאַמענט, בשעת זײַן חבר גוסטאַװ רואַנע האָט געזוכט צו באַװײַזן פּונקט דאָס פֿאַרקערטע. דעם 19טן פֿעברואַר 1898 האָט זשאָרעס אין פּאַרלאַמענט אַרױסגעזאָגט א פּאָר פֿון די שאַרפֿסטע װערטער װאָס זײַנען װען עס איז געזאָגט געװאָרן קעגן ייִדן אױף דער טריבונע פֿון פּאַרלאַמענט אין דיסקוסיעס װעגן אַלזשיר: "די ייִדן – האָט זשאָרעס דערקלערט – האָבן צו פֿיל אױסגענוצט זײער עקאָנאָמישע מאַכט און זײער פֿאַרשטאַרקטן אײנפֿלוס װאָס זײ האָבן באַקומען מיטן בירגערעכט, בכדי צו פֿאַרערגערן דעם קריזיס פֿון אַראַבישן פֿאָלק". כל זמן די ייִדן האָבן אױסגענוצט בלױז די אַראַבער – האָט זשאָרעס װײַטער דערקלערט – איז אַלץ גוט געװען. װי נאָר זײ האָבן אָנגעהױבן אױסצונוצן אױך די פֿראַנצױזן, איז אױפֿגעקומען דער אַנטיסעמיטיזם. װעגן זשאָרעסן קען מען נישט זאָגן, אַז ער האָט כלל נישט געװוּסט װעגן דער עקסיסטענץ פֿון ייִדישע פּראָלעטאַריער אין אַלזשיר. דאָס האָט ער דאָך אין דער רעדע אין פֿראַנצײזישן פּאַרלאַמענט (19טן פֿעברואַר 1898) גערופֿן די ייִדישע אַרבעטער צו שאַפֿן צוזאַמען מיט די אַראַבישע און אײראָפּעיִשע עקספּלואַטירטע פֿון אַלזשיר "אײן פּאַרטײ פֿון לײדן און אַרבעט".[96]

צוזאַמען מיט פּאָרנאָגראַפֿיע און דער רעאַקציע.

הגם אין תוך איז נישט געװען קײן שום חילוק צװישן אַנטיסעמיטיזם אין אַלזשיר און אין פֿראַנקרײַך, איז אָבער דער אַלזשירער אַנטיסעמיטיזם געװען װילדער װי אין דער פֿראַנצײזישער מעטראָפּאָליע גופֿא, װי עס האָט זיך אױסגעדריקט גוסטאַװ רואַנע. דאָס איז אין א גרױסער מאָס געװען א רעזולטאַט פֿון דער הפֿקרדיקער מאָראַל און דעמאָראַליזאַציע װאָס האָט געהערשט אין אַלזשיר. אין אַלזשירער

פראָפעסאָר, א געװעזענער אנטיסעמיט, האָט געזוכט אויפצוװייזן, אז אין אלזשיר איז דער אנטיסעמיטיזם טיילווייז געװען א רעזולטאַט פון א פשוטער דעמאָראַליזאַציע אין א קאָלאָניאַלער סביבה, וו קינדער האָבן געלעבט צו פיל אויפן גאס און דער משפחה־קאָנטראָל איז געווען אָפּגעשוואַכט. אין אלזשיר האָט מען געשיכורט מיט ספּעציעלע שנאַפּסן וואָס האָבן געטראָגן אנטי־ידישע נעמען: "quinquina antijuif", "absinthe antijuive". די רעפּובליקאַנער האָבן אפילו געזונגען אן „אנטי־ידישע מארסעליעזע".

די אנטיסעמיטישע פרעסע איז געווען פול מיט פּאָרנאָגראַפישע זידלערייען קעגן ידן. אין אנטיסעמיטישע צייטונג האָט אזוי געשריבן: „גאָט האָט באַשאַפן דעם יד אין א טאָג פון שיכרות און חרפה, ער האָט אים געקניטן פון אויסבערעכעכץ, אורין און שפּייעכץ. דערנאָך האָט ער אים איבערגעגעבן צום טייוול וואָס האָט אים געלעקט". קלאַסיש איז די מעשה וועגן א יד וואָס האָט פארגוואַלדיקט די טאָכטער פון א „העראָישן פראנצייזישן מאַטראָס". דער באַקאַנטער אלזשירער פּובליציסט העס האָט וועגן דעם געשריבן: „עס איז נישט געווען קיין שום אמת אין דער געשיכטע, אָבער עס האָט געקיצלט די אידעלע פרויען־קליענטעל".[97]

מ'האָט א סך געשריבן וועגן דער ראָל פון די פראנצייזישע און אויסלענדישע פרויען אין די נצחונות פון אנטיסעמיטיזם אין אלזשיר. דער אנטיסעמיט א. קאַסטעראַן האָט עס אָנגערופן "de la régisterie". דער אלזשירער פּובליציסט זשאַן העס האָט פּשוט פאַרגעוואָרפן די אלזשירער פרויען, אז זיי זיינען נאָענטער צו חיות ווי צו מענטשן. עס איז באַקאַנט, אז סעקסועלע הפקרות איז געווען א טייל פון דער אלזשירער דעמאָראַליזאַציע. א פאַקט איז, אז די אלזשירער אנטיסעמיטן האָבן אין זייער אנטי־ידישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן פרויען זיך באַנוצט בעיקר מיט פּאָרנאָגראַפיע. קלאַסיש איז די ווענדונג פון דער צייטונג ל'אַנטיזשוויף צו פרויען, אז זיי זאָלן באָיקאָטירן ידישע געשעפטן. קריסטלעכע פרויען - האָט די צייטונג געשריבן - קענען קויפן ביליק אין ידישע געשעפטן בלויז בתנאי, אז זיי זאָלן זיך לאָזן „קניפּן אין...". „א ידיש מיידל טרינקט פון אלע ליפּן וואָס זי באַגעגנט" - האָט געשריבן די צייטונג. אן אנדערש מאָל האָט די צייטונג דערציילט, אז די מאַלפּעס אין די וועלדער פון צענטראַל־אפריקע פירן זיך אויף אָנשטענדיקער ווי די ידישע פרויען ביים האָבן קינדער. ל'אַנטיזשוויף האָט אפילו געשריבן וועגן געשלעכטס־אָרגאַנען פון ידישע מענער זאַכן וואָס לאָזן זיך נישט איבערחזרן. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז די סאָציאַליסטן לוסיען שאַז און דאַניעל סאָרען זיינען געווען רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג ל'אַנטיזשוויף.[98]

די פרעסע אין אלזשיר האָט תמיד געהאַט מער פרייהייט ווי אין פראַנקרייך.

די דאָזיקע פרייהייט איז אָבער אזוי שטארק אויסגענוצט געוואָרן קעגן יידן, אז עס איז דערגאנגען אזוי ווייט דאָס דווקא יידן האָבן אָנגעהויבן פאָדערן צו רעווידירן פאר אלזשיר דאָס געזעץ פון יולי 1881 וועגן פרייהייט פון דער פרעסע, ווייל אין צפון־אפריקע האָבן פון דער פרייהייט גענאָסן בעיקר פאָגראָמשטשיקעס.[99]

דער אנטיסעמיטיזם פון די סאָציאַליסטיש־ראדיקאלע קרייזן האָט צוגעגרייט א פריי פעלד פאר דער רעאקציע. א יידישער סאָציאַליסט האָט געשריבן אין לא בעווי סאָסיאַליסט, אז די ראדיקאלע און סאָציאַליסטישע אנטיסעמיטן אין אלזשיר שטעלן מיט זיך פאָר דעם אוואנגארד פון רעאקציע ניט נאָר אין דער באַציִונג צו יידן: „די אנטי־יידן רופן זיך אָן ראדיקאלן און סאָציאַליסטן - זיי זיינען קלעריקאלן און אריוויסטן". מ'האָט אזוי לאנג געפירט דעם סאָציאַליסטיש־ראדיקאלן־קלעריקאלן פאראייניקטן פראָנט קעגן יידן, אז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פארווישן די פארטיי־גרענעצן, מען האָט לגמרי אָנגעהויבן צו פארגעסן, אז חוץ דעם קאמף קעגן יידן איז פאראנען א קאמף קעגן קאפיטאל, נישט נאָר קעגן „יידישן קאפיטאל". אין אלזשיר האָט געקענט דערגיין דערצו, אז דער סעקרעטאר פון 3טן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אלזשיר (יוני 1895) זאָל זיין דער פאָרזיצער פון א קאטויליש־רעאקציאָנערער געזעלשאפט; בעת די וואלן אין 1898 האָט ער געשטיצט די קאנדידאטור פון עדוארד דרימאָן. דעם 8טן מיי 1898 איז עדוארד דרימאָן טאקע אויסגעוויילט געוואָרן פאר א דעפוטאט פון אלזשיר אין דעם פראנצייזישן פארלאמענט. דרימאָן איז אויסגעוויילט געוואָרן בלויז דורך א רעפובליקאנישער מערהייט אין אלזשיר וואָס האָט געוואָלט שיקן אין פארלאמענט דעם „מייסטער" פון פראנצייזישן אנטיסעמיטיזם. דאָס גיבן צו די אלזשירער אנטיסעמיטן גופא. מען האָט געוואָלט, אז דער פאטש אין פנים וואָס דאָס רעפובליקאנישע אלזשיר וועט דערלאנגען די יידן זאָל זיין וואָס הילכיקער. דרימאָן האָט צוערשט פייערלעך דערקלערט די אלזשירער רעפובליקאנער, אז ער איז א רעפובליקאנער און אז ער וועט עס באווייזן מיט מעשים אין פארלאמענט. זשאן זשאָרעס האָט טאקע באמערקט, אז דרימאָן פילט זיך נישט אין גאנצן פריי אין פארלאמענט. ער האָט געזוכט אויסצומיידן צו פיל קריטיק קעגן די רעפובליקאנישע אנטי־קלעריקאלן וואָס האָבן געשטימט פאר אים. צו פיל בפירוש קאטוילישע דערקלערונגען פון אים וואָלטן געשטעלט די אלזשירער פריידענקערס אין א פארלעגנהייט.[100]

די געשעענישן זיינען ווייטער געגאנגען מיט זייער נאטירלעכן וועג. די סאָציאַליסטן און ראדיקאלן האָבן אויס שנאה צו יידן געעפנט א וועג פאר דער רעאקציע וואָס האָט ביים סאמע סוף פון 19טן י"ה שוין געהאט די אויבערהאנט אין דער אלזשירער פאָליטיק. די רעכטע עלעמענטן אין אנטיסעמיטישן לאגער האָבן כלל ניט

אויסבאהאלטן, אז זייער שידוך מיט די סאָציאַליסטן איז בלויז א מאַנעוור און אז סוף כל סוף וועט קומען א צייט, ווען די רעכטע וועלן פרווון געווינען די גאַנצע מאכט פאר זיך. מאקס רעזשיס, דער אנטיסעמיטישער פירער פון רעכטן צד האָט געוואָרנט דעם אנטיסעמיטישן פירער פון סאָציאַליסטישן צד לוסיען שאז, אז סוף כל סוף וועט קומען די צייט, ווען „מיר וועלן זיך נאָך אמאָל שטארק באַקעמפן". די רעאקציאָנערע קרייזן האָבן גיך אָנגעהויבן צו וועלן ווערן זעלבסטשטענדיק אויך אין דער אנטיסעמיטישער פּאָליטיק און זי פירן אויף זייער שטייגער. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פריוואטע אינטריגעס און ארומרייסענישן אין אנטיסעמיטישן לאַגער. די אנטיסעמיטישע אינטריגעס און דער נצחון פון דער רעאקציע האָבן ארויסגערופן בייז בלוט אין לינקן לאַגער. דער אנטיסעמיט א. קאסטעראן האָט געשריבן, אז נישט אלע אלזשירער אנטיסעמיטן זיינען געווען צופרידן מיט מאקס רעזשיס וואָס האָט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור אין פאריז אונטער אן אנטיסעמיטישער פּלאַטפאָרם מיט געוויסע סאָציאַליסטישע טענדענצן, בכדי אויך אין פאריז צוצוציען ארבעטער-ווילערס. הגם אלע זיינען געווען קעגן יידן - שרייבט קאסטעראן - זיינען אָבער טייל אויך געווען קעגן די קלעריקאלן און פאר דער רעפּובליק. אָבער פון דער צווייטער זייט וואָלט דאָס אויסוויילן דעם ערגסטן אנטיסעמיט געווען דער בעסטער קלאפּ פאר די יידן. אנדערע האָבן געוואָלט נישט קיין „רעוואָלוציאָנערן" אנטיסעמיטיזם וואָס האָט אָנגעהויבן שטערן די געשעפטן, נאָר אן „עוואָלוציאָנערן". מ'האָט זיך ארומגעזען, אז דער אנטיסעמיטיזם האָט דערפירט די סיטואציע אין אלזשיר ביז צו אנארכיע און אויב עס זאָל ווייטער אזוי אָנגיין וועלן דערפון ליידן נישט בלויז יידן. אדאנק דער אנטיסעמיטישער אנארכיע אין אלזשיר האָבן זיך אויך פארשטארקט די סעפּאראטיסטישע טענדענצן אָפּצורייסן זיך פון פראנקרייך.[101]

דאָס אלץ, צוזאמען מיטן דורכפאל פון אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך ביים סוף פון דער דרייפוס-אפערע, האָט געהאָלפן אָפּשוואַכן אויך דעם אלזשירער אנטיסעמיטיזם.

אנטיסעמיטיזם און קסענאָפאָביע.

צו דער אָפּשוואכונג פון אנטיסעמיטיזם און טיילווייז אויך צום אויפקום פון אינעווייניקסטע סכסוכים אין דעם אנטיסעמיטישן לאַגער האָט צוגעהאָלפן אויך דאָס אויסלענדער-פּראָבלעם אין אלזשיר. דער קסענאָפאָביזם האָט אָפּגענומען אביסל ענערגיע פון אנטיסעמיטיזם.

די צאָל אויסלענדער, בעיקר שפאניער און איטאליענער, איז געווען א גאַנץ גרויסע אין אלזשיר. אדאנק א געזעץ פון 29סטן יוני 1889 וואָס האָט גע-

מאכט אויסערגעוויינלעכע פארלייכטערונגען פאר די אויסלענדער אין אלזשיר צו ווערן פראנצייזישע בירגער, האָבן זיי במשך פון א פאָר יאָר אָנגעהויבן שפּילן גאָר א וויכטיקע ראָל אין אלזשירער פּאָליטישן לעבן. אין 1896 זיינען אין אלזשיר געווען 237,138 אויסלענדער און 346,070 פראנצויזן קעגן 236,918 אויסלענדער און 244 ,106 פראנצויזן אין 1891. אָבער דער צופלוס פון העכער 100,000 פראנצויזן אין די פינף יאָר דערקלערט זיך בלויז מיט דעם צופלוס פון 40,000 סאָלדאטן און 38,000 נאטוראליזירטע אויסלענדער. די אנטיסעמיטישע פראָפּאגאנדע האָט גאָר פרי אָנגעהויבן אריינדרינגען צווישן די אויסלענדער. דער דאָזיקער עלעמענט איז להיפוך צו די פראנצויזן אין אלזשיר געשטאנען אונטער דער שטארקער השפעה און קאָנטראָל פון דער קירך. הגם אין דער אלטער היים איז פאר דעם עלעמענט די מאָדערנע יידן־פראגע געווען ס׳רוב א פרעמדער ענין, זיינען זיי אָבער אין אלזשיר גיך ארונטערגעפאלן אונטער דער השפעה פון דער אנטיסעמיטישער כוואליע. די טראדיציאָנעלע שנאה צו יידן וואָס מיט איר זיינען זיי דערצויגן געוואָרן אין דער קירך איז צווישן די עמיגראנטן געווען ווי בוימל אויף א פייער. טייל יידישע קרייזן האָבן גאנץ פרי דערשפּירט די ראָל פון די אויסלענדער אין אלזשיר אין דעם קאמף קעגן יידן. תיכף נאָך די אלזשירער אומרועו אין יוני 1884 האָט א פראנצייזיש־יידיש וואָכנבלאט געשריבן, אז אין די אומרועו איז שולדיק אויך דער „ערב רב״ פון אויסלענדער, הגם טייל שפּאנישע צייטונגען, למשל, האָבן זיך פארטיידיקט און פארזיכערט, אז די שפּאנישע עמיגראנטן זיינען נישט אנטיסעמיטיש געשטימט.[102]

די נאטוראליזירטע אויסלענדער האָבן תמיד געשאפן א באזונדערע קאָמפּאקטע גרופּע און ביי וואלן זיינען זיי אפילו נישט נאָכגעגאנגען דעם ווילן פון די פראנצויזן. דאָס האָט שפּעטער מודה געווען דווקא דער אנטיסעמיטישער טוער א. קאָסטעראן. אָבער קעגן די אויסלענדער, וואָס עס איז געווען קלאָר, אז זיי שטימען בעיקר פאר רעאקציאָנערע קאנדידאטן, האָט מען נישט אויפגעהויבן אזא פּראָפּאגאנדע בשעת וואלן ווי קעגן די יידן. אין די ערשטע יאָרן פון דער אנטיסעמיטישער כוואליע האָט מען געטענהט, אז די אויסלענדער־געפאר איז אן אויסגעטראכטער בילבול פון די יידן.[103] שפּעטער האָט זיך אָבער צווישן די פראנצויזן אָנגעהויבן א שטארקע קסענאָפאָבישע קאמפּאניע. אין די לעצטע פאָר יאָר פון די 90ער יאָרן און אין די ערשטע יאָרן פון 20סטן י״ה האָט שוין עקסיסטירט א גאנצע ליטעראטור וועגן דער געפאר פון אויסלענדער אין אלזשיר.[104] אין אנטיסעמיטישן לאגער האָבן זיך אפילו דערהערט שטימען, אז די אויסלענדער־געפאר איז נאָך געפערלעכער פון דער יידישער געפאר. אן אלזשירער צייטונג האָט געשריבן, אז דאָס געזעץ פון 1889 וועגן נאטוראליזירן אויסלענדער שטעלט מיט זיך פאָר די גרעסטע געפאר זינט דער

אַקופּאַציע פון אַלזשיר. דאָס לאַנד וועט בקרוב געהערן נישט צו די קינדער פון פראַנקרײך, נאָר צו די שפּאַניער, איטאַליענער, דײטשן און אַנדערע אויסלענדער. די אײנפלוסרײכע ווײַזשי אַלזשעריען האָט געשריבן, אַז אויב דאָס געזעץ פון 1889 וועט נישט רעווידירט ווערן, קענען די פראַנצויזן אײנפּאַקן די זאַכן און זיך גרײטן פאַרלאָזן אַלזשיר. „דאָס האַרץ פון די נאַטוראַליזירטע קלאַפּט נאָך אַלץ תמיד פאַרן לאַנד פון וואַנען זײ קומען" - האָט געשריבן די צײטונג לע ראַדיקאַל אַלזשעריען.

די דאָזיקע קסענאָפּאָבישע קאַמפּאַניע האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער ייִדן-פראַגע. עס איז געווען א פראַגע פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ צווישן די פראַנצויזן און אויסלענדער. אָבער אין דער דאָזיקער קסענאָפּאָבישער קאַמפּאַניע האָבן זיך דערהערט אויך שטימען וועגן דער נזיטוועדיקײט פון א פּאַראַײניקטן פראָנט פון די פראַנצײזישע און ייִדישע אַרבעטער קעגן די אויסלענדער. לוי דיריע (ע. בלום), אַן אַלזשירער ייִדישער סאָציאַליסט, האָט געשריבן: „דער ייִד און דער פראַנצויז האָבן בײדע דעם זעלבן שונא, געפערלעך לויט זײן צאָל און סאָלידאַריטעט, פּראָטעזשירט דורך דער אַדמיניסטראַציע און די בעלי-בתּים, וואָס פאַרנעמט ביסלעכווײז אַלע פּראָפעסיעס - דעם אויסלענדישן אַרבעטער".(105)

אין דעם קסענאָפּאָבישן שטורעם האָט זיך אָנגעשלאָסן אויך די אַרבעטער-באַוועגונג. דער היסטאָריקער פון אַלזשירער סאָציאַליזם א. זשוויִנג שרײַבט, אַז אין די טײלן אַלזשיר וו די סאָציאַליסטן זײנען נישט געווען געשטימט קעגן ייִדן, זײַנען זײ גאַנץ פרי שוין געווען קסענאָפּאָבן, בעיקר קעגן די אײנגעוואַנדערטע איטאַליענישע אַרבעטער. די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַראײנען האָבן געפאָדערט, אַז די בעלי-בתּים זאָלן באַשעפטיקן בלויז 20 פּראָצענט אויסלענדישע אַרבעטער. דער סאָציאַליסטישער אָרגאַן לע קאַמבאַ אַלזשעריען, רעדאַקטירט פון אַלבער פעלעגרען האָט געהאַט פאַר א מאָטאָ דעם לאָזונג: „נידער מיט די יעזויִטן און אויסלענדער". דער סאָציאַליסט לוי פאַלי האָט געפאָדערט „א ספּעציעל וואַל-געזעץ פאַר אַלזשיר", וואָס זאָל באַזײטיקן פון דער אַלזשירער פּאָליטישער אַרענע שוין נישט בלויז די ייִדן, נאָר אויך אַלע נאַטוראַליזירטע אויסלענדער. אין דער „אַנטי-ייִדישער מאַרסעליעזע" וואָס מ'האָט געזונגען אויף מיטינגען זײנען געווען אַרײנגעפלאָכטן די ווערטער:

> Y a trop longtemps que nous sommes dans la misère
> chassons l'étranger
> ça f'ra travailler.

די סאָציאַליסטן האָבן געהאָפט, אַז ווי א שׂכר פאַרן אָנטײל פון די אַרבעטער אין אַנטיסעמיטיזם וועלן די רעכטע קרײזן העלפן באַקעמפן די אויסלענדער. די רעאַקציאָנערע קרײזן האָבן שוין אָבער געהאַט אָנגעהויבן צו ווערן זעלבסטשטענדיק פון זײ-

ערע סאָציאַליסטישע שותּפים. די אויסלענדער זײַנען שוין געהאַט אַרונטערגענומען געוואָרן אונטער אַ סאָלידן קאָנטראָל פֿון דער רעאַקציע וואָס האָט נישט תּמיד געוואָלט אָפּן אײַנרײַסן מיט די אויסלענדער. בכן איז צוליב דעם אויסלענדער־פּראָבלעם דערגאַנגען צו סיכסוכים צווישן די צוויי צדדים אין אַלזשירער אַנטיסעמיטיזם. אויף אַ סאָציאַליסטישן מיטינג אין אַלזשיר דעם 2טן אָקטאָבער 1898 האָט אַ סאָציאַליסטישער רעדנער קונץ שאַרף קריטיקירט די אַנטיסעמיטישע צײַטונג <u>ל'אַנטי־זשויף</u> פֿאַרן נישט שטיצן גענוג דעם קאַמף קעגן אויסלענדער. די דאָזיקע אַנטי־ייִדישע צײַטונג איז שוין יעמאָלט געווען אָנגעפֿירט פֿון סאָציאַליסט ל. שאַז וואָס האָט אָבער נישט געוואָלט צו פֿיל אײַנרײַסן מיט די אויסלענדער, זיי האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך דעם אַקטיווסטן עלעמענט פֿון גאַנץ־קאַמף קעגן ייִדן. בעת אַן אַנטיסעמיטישן מיטינג אין 1898 האָבן די פֿרײַנד פֿון מ. רעזשי דערמאָרדעט דעם אַלטן בלאַנקיסט אַרגאַנאָ וואָס האָט פֿריִער אויך אונטערגעזינדיקט מיט פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן. דער חילוק צווישן אים און דעם אַנטיסעמיטישן פֿירער איז געווען די אויסלענדער־פֿראַגע.(106)

<u>סאָציאַליזם און אַנטיסעמיטיזם אין אַלזשיר.</u>

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז צוליב דער דרײַפֿוס־אַפֿערע האָבן פֿראַנצײַזישע סאָציאַליסטן געמוסרט די אַלזשירער חברים און אַפֿילו פֿאַרטיידיקט די אַלזשירער ייִדן. די אַנאַרכיסטן האָבן ספּעציעל געשיקט פֿון פּאַריז דעם אַנאַרכיסטישן דרײַפֿוסאַר סעבאַסטיאַן פֿאָר, בכדי צו באַקעמפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם; לויט אײַניקע קלאַנגען זאָל זײַן נסיעה גאָר האָבן פֿינאַנסירט געוואָרן דורך ראָטשילדן. גוסטאַוו רואַנעי האָט געהאַלטן דעם 19טן און 24סטן מײַ 1899 אין פּאַרלאַמענט אײנע פֿון די שאַרפֿסטע רעדעס קעגן אַלזשירער אַנטיסעמיטיזם און אין <u>לאַ רעוווי סאָסיאַליסט</u> האָט זיך געדרוקט אײנע פֿון די בעסטע אַפּאָלאָגעטישע אַרבעטן וועגן קרעמיע־דעקרעט.(107)

אָבער דער אַלזשירער אַנטיסעמיטיזם איז פֿאַר אַ טייל סאָציאַליסטישע טוערס אין פֿראַנקרײַך און פֿאַר די היסטאָריקער פֿון פֿראַנצײַזישן סאָציאַליזם געווען אַ בײַן אין האַלדז, בעיקר בעת דער דרײַפֿוס־אַפֿערע. זיי האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי צו פֿאַרענטפֿערן דעם גאַנצן ענין. מילא, די היסטאָריקער פֿון סאָציאַליזם אין פֿראַנקרײַך גופֿא האָבן פּשוט לגמרי נישט דערמאָנט אַלזשיר, הגם אַדמיניסטראַטיוו איז אַלזשיר נישט קיין קאָלאָניע, נאָר אַ שטח פֿון דרײַ פֿראַנצײַזישע דעפּאַרטאַמענטן מעבר לים. אָבער די זעלטענע היסטאָריקער פֿון סאָציאַליזם אין אַלזשיר גופֿא האָבן געמוזט דערצײלן וועגן סאָציאַליסטישן אַנטיסעמיטיזם אין אַלזשיר. אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי עס האָט דעם ענין דערקלערט דער היסטאָריקער אַלעקסאַנדער זשוווינג, מחבר פֿון דער אײנציקער ברייטער געשיכטע פֿון אַלזשירער סאָציאַליזם. ער האָט עס דער־

קלערט גאנץ פשוט: „מען קען נישט זאָגן, אז די אנטי־ייִדישע באוועגונג האָט גע־
טראָגן א סאָציאַליסטישן כאראקטער", ווײל „אין אלזשיר איז אין יענער תקופה
נישט געווען קײן סאָציאַליזם". לויט אים זײנען ערשט ארום 1895 - 1898 אויפגע־
קומען אין אלזשיר „א פּאָר גרופּעס וואָס האָבן פּראקטיצירט א מין סענטימענטאלן
סאָציאַליזם". עס זאָל הײסן, אז די געשיכטע פון סאָציאַליזם אין אלזשיר הייבט
זיך אָן פּונקט בערך אין יענער צײט, ווען די סאָציאַליסטן אין דעם טײל צפון־
אפריקע האָבן אָנגעהויבן טײלווײז איבערצוראַיסן זײער שידוך מיט די קלעריקאלן פון
א געמײנזאמען אנטי־ייִדישן פראָנט. אויך דער סאָציאַליסט לוי פּאָלי, אן אלזשי־
רער ביבליאָטעקאר, האָט געשריבן אין 1902, אז אײגנטלעך איז קײן סאָציאַליזם ני־
טאָ אין דער שטאָט אלזשיר וו בײ װאלן זײנען געװען בערך 500 [!] סאָציאַליסטישע
שטימען: „די סאָציאַליסטישע אידעען האָבן אָן שום ספק אַרײנגעדרונגען אין געװיסע
מוחות, עס איז אָבער שווער צו זאָגן, אז דער סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר אין
אלזשיר אן אָרגאניזירטע פּארטײ באזײט מיט אנדערע בורזשואזע פּארטײען, רעפּובלי־
קאנער אָדער רעאקציאָנערע אנטיסעמיטן". מען קען פארשטײן דעם נאָבעלן פּרווו פון
א סאָציאַליסטישן היסטאָריקער רײנצוואשן די סאָציאַליסטישע באוועגונג אין אלזשיר
פון א שענדלעכן פלעק. די מעטאָדע פון אָפּזאָגן זיך פון א גאנצער תקופה סאָצי־
אַליזם אין צפון־אפריקע בלויז דערפאר ווײל אין דער תקופה האָבן די סאָציאַליסטן
דאָרט געהאָלפן פארגיסן ייִדיש בלוט, איז אביסל צו פשוט. ראשית כל וואָלט מען
זאקע געדארפט קענען באווײזן, אז ביז בערך 1901 - 1903 איז קײן פּאקטישע סאָ־
ציאַליסטישע באוועגונג אין אלזשיר נישט געווען, אָדער, אז די אלזשירער סאָציא־
ליסטן האָבן זיך בלויז פּראָקלאמירט פאר סאָציאַליסטן, אָבער פּאקטיש האָבן זײ מיט
קײן סאָציאַליזם נישט געהאט קײן שום שײכות. א חוץ די אלע גביה־עדותן וועגן
סאָציאַליסטישן אנטיסעמיטיזם וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט בלײבן אויך פּאקטן וואָס
לאָזן זיך נישט לײקענען. לוי פּאָלי גופא שרײבט וועגן אזוינע באגריפן ווי „סאָ־
ציאַליסטישע ארבעטער־פּארטײ" אין אלזשיר אין די 80ער - 90ער יאָרן. ער האָט
אלײן געשריבן: „אײן זאך האָט אונדז תמיד באאומרויקט און דערשטוינט. דאָס איז
געווען דאָס צוזען ווי די סאָציאַליסטישע ארבעטער וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאר
אינטערנאציאָנאַליסטן האָבן געמאכט אן אײנהײטלעכן פראָנט מיט די אנטיסעמיטישע
דעמאגאָגן אין דער שטאָט אלזשיר... עס איז דאָ פאראנען אן ערנצטער פעלער מצד
דער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּארטײ אין אלזשיר". אין יוני 1895 איז שוין גע־
האָט פאָרגעקומען דער 3טער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אלזשיר. אין 1887 איז
שוין ארויס אן אָרגאן פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראציע אין אלזשיר.(אויך אויפן
ט[...]ן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראײנען אין פראנקרײך אין 1892 האָבן אָנ־

טײל געװנומען דרײ דעלעגאטן פֿון אַלזשיר • אין אַלזשיר איז די פּראָפֿעסיאָנעלע באַװעגונג געװען צונױפֿגעבונדן מיט דער פּאָליטישער סאָציאַליסטישער באַװעגונג • אױך אױפֿן 7טן קאָנגרעס אין 1895 האָבן אָנטײל גענומען שליחים פֿון אַלזשיר). אױפֿן 12טן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פֿראַנקרײַך (1894) זײַנען אױך געװען שליחים פֿון אַלזשיר.[108]

עס איז אמת, אַז זינט די סאָציאַליסטן האָבן אָנגעהױבן צו פֿירן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע זײַנען צומאָל אָפּגעװישט געװאָרן די גרענעצן צװישן פֿאַרשײדענע פּאַרטײען אין אַלזשיר. עס איז אפֿילו געװען א מײנונג, אַז אין אַלזשיר זײַנען בכלל נישט געװען קײן פּאָליטישע פּאַרטײען. דער אַלזשירער ייִדישער אַדװאָקאַט רענעי לעװי האָט געמאָלן אַזאַ בילד פֿון די פּאָליטישע קאַמפֿן אין אַלזשיר: די אַלזשירער אײראָפּעער האָבן פּאַקטיש נישט קײן פּאָליטישע מײנונג. אין פּאָליטיק זײַנען זײ אָן אַן אידעאַל, אָן אַספּיראַציעס. דער לײַט־מאָטיװ פֿון דער אַלזשירער פּאָליטיק איז ייִדן־האַס. זײ לעבן אין א מין אױטאָסוגעסטיע פֿון א ייִדישער געפֿאַר און פֿאַרגעסן אין דער פּאַקטישער לאַגע. אין דעם זײַנען שולדיק געװען בעיקר די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן װאָס האָבן שפּעטער אַלײן צום מײסטן געליטן פֿון דער סיטואַציע װאָס זײ האָבן געשאַפֿן, זײ האָבן אַלײן צוגעגרײט דעם באָדן פֿאַר דער רעאַקציע. די סאָציאַליסטישע באַװעגונג אין אַלזשיר איז געװען צו פֿאַרפּוילט פֿון אַנטיסעמיטיזם, אַז זי זאָל זיך האָבן געקענט יעמאָלט באַװײַזן אױף דער פּאָליטישער אַרענע פֿון צפֿון־אַפֿריקע װי א כּוח מיט א רײנעם סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. אין פּרט פֿון אײנפֿלוס איז די סאָציאַליסטישע באַװעגונג גיך אָװעקגעשטעלט געװאָרן אין א צװײטראַנגיקער רײ דורך די רעאַקציאָנערע גרופּירונגען װאָס זי האָט אַלײן געהאָלפֿן אַנטװיקלען א דאַנק דעם אײנהײטלעכן סאָציאַליסטיש־קלעריקאַלן אַנטיסעמיטישן פֿראָנט. דער אַנטיסעמיטיזם װאָס די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן האָבן פֿאַרשפּרײט איז געװאָרן דער קאַנאַל דורך װעלכן די רעאַקציע האָט אַרײַנגעדרונגען אין אַלזשיר. דער סאָציאַליסט לוי פּאָלי האָט געשריבן, אַז בכדי די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ זאָל װערן א כּוח אין אַלזשירער לעבן מוז זי אַפֿריער „איבעררײַסן מיט די אידעען פֿון בירגערקריג װאָס הערשן זינט פֿיר יאָר אין אַלזשיר... אונטער דער פֿאָן פֿון א באַרבאַרישן אַנטיסעמיטיזם”. אױך זשאַן זשאָרעס האָט דערקלערט, אַז בכדי דער אַלזשירער סאָציאַליזם זאָל קענען װאַקסן מוז מען אַפֿריער אָפּשטעלן דעם אַנטיסעמיטיזם. די אַלזשירער סאָציאַליסטן גופֿא זײַנען נישט געװען אײניק אין זײער אָפּשאַצונג פֿון כאַראַקטער פֿון אַלזשירער סאָציאַליזם. נישט אַלע אַלזשירער סאָציאַליסטן זײַנען געװען בײַ דער מײנונג, אַז זײער סאָציאַליזם איז נישט דער אמתער רעװאָלוציאָנערער סאָציאַליזם. אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש א דיסקוסיע צװישן די צװײ אַלזשירער

עלעגאטן סאָלדיני און ראפעלין אויפן 5טן קאָנגרעס פון די פראָפעסיאָנעלע פאר-
יינען אין אלזשיר. בשעת דער ערשטער האָט דערקלערט אין זיין פריוואטן נאָמען,
ז די סאָציאליסטישע כוחות איז אלזשיר זיינען שוואך און בכן דארף מען זיך פאר-
יניקן מיט די ראדיקאל-סאָציאליסטן, האָט דער צווייטער דעלעגאט זיך געהאלטן בײ
ן אנדער מיינונג: „די פראָפעסיאָנעלע באוועגונג אין אלזשיר איז כמעט דורכויס
אָציאליסטיש-רעוואָלוציאָנער". [109]

דער סאָציאליסטיש-ראדיקאלער אנטיסעמיטיזם איז אָפּגעשוואכט געוואָרן
ין די סאמע לעצטע יאָרן פון 19טן י"ה, ווען די אנטיסעמיטישע קאנדידאטן אין
לזשיר האָבן געליטן א מפלה. ער איז אָבער נישט פארשוואונדן מיט א מאָל.

דער 4טער סאָציאליסטישער קאָנגרעס אין אלזשיר (אָקטאָבער 1901) האָט
ויין אָנגענומען א רעזאָלוציע וועגן פאראייניקן די כוחות פון פראָלעטאריאט אָן
ילוק פון ראסע, רעליגיע אָדער נאציאָנאליטעט און צו באקעמפן דעם קאפיטאל אָן
ילוק פון נאציאָנאליטעט. דאָס אלץ איז אָבער געזאָגט געוואָרן מיט א האלב מויל.
ין תוך האָט מען פון אנטיסעמיטיזם זיך נאָך נישט געהאט אין גאנצן אָפּגעזאָגט.
ער 5טער סאָציאליסטישער קאָנגרעס פון אלזשיר וואָס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן אָק-
אָבער 1902 האָט געשיקט א מיטגעפיל-טעלעגראמע צו דער אלמנה פון עמיל זאָלא
אָכן טויט פון דעם גרויסן שרייבער. אָבער הגם טייל אלזשירער סאָציאליסטן האָבן
עמאָלט שוין אָנגעהויבן מיטצוארבעטן אין דעם בלאָק קעגן אנטיסעמיטיזם, האָבן
י פירער פון דעם קאָנגרעס געהאלטן פאר נויטיק צו באמערקן, אז מיט דער טעלע-
ראמע האָט מען געמיינט דעם שרייבער און נישט דעם פאָליטיקער, א רמז אויף זאָלאס
אמף פאר דרייפוסן. די פירערס פון דעם 5טן סאָציאליסטישן קאָנגרעס אין אלזשיר
אָבן אזוי ארום געוואָלט אונטערשטרייכן, אז זיי בלייבן נאָך אלץ בײ זייער אנטי-
רייפוסארישער שטעלונג. די סאָציאליסטישע צייטונג פּוי ליבר האָט זינט 1899
נגעפירט א שארפע אנטי-יידישע קאמפאניע, די סאָציאליסטישע צייטונג ל'אוועניר
אָסיאל וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסצוגיין אין 1902 אונטער דער רעדאקציע פון לו-
יען שאז איז נאָך אלץ געווען אנטיסעמיטיש. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז לו-
יען שאז איז בשעת מעשה געווען אויך דער רעדאקטאָר פון דער פּאָרנאָגראפיש-אנטי-
עמיטישער צייטונג ל'אנטיזשויף. אין אויגוסט 1901 האָט ע. דרימאָן געווידמעט
יינס פון זיינע ארטיקלען אין לא ליבר פּאראָל צו זיין סאָציאליסטישן פריינד סו-
ערי, סעקרעטאר פון די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען אין אלזשיר. [110]

מיטן פולן נצחון פון דרייפוסארישן לאגער אין פראנקרייך האָט סוף כל
וף אויך דער סאָציאליסטישער אנטיסעמיטיזם אין אלזשיר געמוזט אָפּשטארבן. ווער
ען ווייסן אויף ווי ווייט דער סאָציאליזם אין צפון-אפריקע, אזוי אויך דער סאָצי-

אליזם אין פראנקרייך גופא, וואלט געוואָרן דעגענערירט, ווען נישט די דרייפוס־אפע־רע? די דאָזיקע יידישע טראגעדיע האָט געגעבן דעם פראנצייזישן אנטיסעמיטיזם א מיגלעכקייט זיך באציינס צוריקצוציען פון אנטיסעמיטיזם. אָבער דאָס שלעכטס וואָס איז אָפגעטאָן געוואָרן אין אלזשיר איז קיינמאָל אין גאנצן נישט פארריכט געוואָרן. אנטיסעמיטיזם איז פארבליבן א וויכטיקער פאקטאָר אין אלזשירער לעבן און פון דאָרט האָט ער זיך אריבערגעטראָגן אויך אין אנדערע טיילן צפון־אפריקע.

XII. די געפאר פון דעגענעראציע אין דער פראנצייזישער ארבעטער־באוועגונג ערב דער דרייפוס־אפערע.

א שפּאָר ביסל יידן איז געווען אקטיוו אין דער פראנצייזישער ארבעטער־באוועגונג (מען דארף דערביי תמיד האָבן אין זינען די קליינע צאָל יידן אין פראנק־רייך אין די 80ער יאָרן – 90ער, בערך 40 טויזנט פראנצייזישע יידן, א חוץ די אָקו־פירטע געביטן פון עלזאַס־לאָטרינג); אין אן אנדער אָרט איז מיר אויסגעקומען אויסצורעכענען קרוב 70 אקטיווע יידן בלויז אין דער פאריזער קאָמונע, און די רשימה איז ווייט נישט פול.[111]

די באציִונג וואָס די יידן אין דער פראנצייזישער ארבעטער־באוועגונג האָבן געהאט צו דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם וועלן מיר אפשר האָבן א געלעגנהייט אויסצופאָרשן אין א באזונדער ארבעט. מיר ווילן בלויז פעסטשטעלן, אז זיי זיינען אלע געווען אסימילירט, אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט, אָפט האָבן זיי זיך געשעמט מיט זייער יידישקייט און דער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם איז זיי נישט אָנגעגאנגען. אפשר ווען זיי וואָלטן אנדערש געהאנדלט, וואָלטן זיי לייכט געקענט דערשטיקן יעטווידע אנ־טיסעמיטישע שטימונג אין דער פראנצייזישער ארבעטער־באוועגונג. זיי אליין זיינען דאָך געווען דער לעבעדיקסטער באווייז, אז דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין סימבאָל פון קאפיטאליזם. דער פאקט, אז קארל מארקס און לאסאל האָבן געשטאמט פון יידן איז געווען דער שטארקסטער און צום מינסטן באנוצטער ארגומענט פון דרימאָנס קעג־נער אין קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אין די ארבעטער־ריין. די יידן ארבעטער־טו־ערס האָבן אָבער געשוויגן. אפשר האָבן זיי אויך געגלויבט, אז אנטיסעמיטיזם קען העלפן דער רעוואָלוציע, האָבן זיי מקריב געווען די יידישע אינטערעסן אויפן פראָ־לעטארישן מזבח. לאָמיר דאָ דערמאָנען בלויז דעם ביישפּיל פון דעם יידישן אנאר־כיסט בערנארד לאזאר.

די ערשטע רעאקציע פון בערנארד לאזאר קעגן אנטיסעמיטיזם איז געווען א ווילן זיך אָפּצוגרענעצן פון אויסלענדישע און אפילו פון עלזאַסער יידן. יונגער

צײַט האָט ער אפילו שטילערהייט געהאַט א געווּיסע פרײַנדלעכע באַציִונג צום אנטיסע־
מיטיזם. אין די ערשטע צײַטן פון דער דרײַפוס־אַפערע האָט ער געשריבן וועגן זיך:
„איך בין געווען נאַיִוו אין יענע צײַטן", א רמז אויף דער תקופה אין זײַן לעבן
ווען ער האָט נאָך געגלויבט, אז דער קאַמף קעגן ײדישן קאַפּיטאַל קען העלפן דער
רעוואָלוציע. אויך ב. לאַזאַר האָט זיך נישט געקענט אָפּוואַלטן פון אַטאַקירן ראָט־
שילדן אָן אָנצורירן דערבײַ דעם ײדישן גאָט. „סוף כל סוף - האָט ער געשריבן -
ילט ה' ראָטשילד בלויז די מײַנונגען פון יהוה וואָס איז אזוי טײַער זײַנע אָבות".
נאָך אין 1892 האָט ב. לאַזאַר אין אַן אַרטיקל קעגן אנטיסעמיטיזם געדרוקט אין אַן
אַנאַרכיסטישער צײַטשריפט געשריבן א פּאָר פון די שענדלעכסטע ווערטער וואָס זײַנען
ווען עס איז בכלל געשריבן געוואָרן קעגן אײַנגעוואַנדערטע ײדן אין פראַנקרײַך און
אויך קעגן אַלזשירער ײדן. ערשט אין 1894 האָט זיך ב. לאַזאַר געביטן. אין דעם
יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן געשיכטע פון אנטיסעמיטיזם: עס איז געווען א מו־
יק ווערק, אָבער פול מיט חילדע געדאַנקען וועגן ײדן וואָס ער האָט געירשנט נאָך
פון זײַנע אַנאַרכיסטישע יאָרן. בערנאַר לאַזאַר האָט דאָרט אנטוויקלט דעם געדאַנק,
אַז אנטיסעמיטיזם וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער ײדישער אָפּגעזונדערטקייט און
דער אנטיסעמיטיזם פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן וועט פאַרשווינדן ווען מען וועט אָנ־
הייבן קעמפן נישט נאָר קעגן ײדישן, נאָר קעגן דעם אַלגעמײַנעם קאַפּיטאַל. שפּעטער,
ווען ער איז בעת דער דרײַפוס־אַפערע געוואָרן די נשמה פון דרײַפוסאַרישן לאַגער,
האָט ער אָפּט באַדויערט א סך זײַטלעך פון זײַן געשיכטע פון אנטיסעמיטיזם.[112]

דער כלל פראַנצײזישע ײדן האָט זיך אַלײן אײַנגערעדט, אַז דער אנטיסע־
מיטיזם איז נישט געפערלעך און בטילא האָט מען גאָרנישט געטאָן בכדי אים צו באַ־
קעמפן. א פראַנצײזיש־ײדישער כלל־טוער האָט געשריבן אין מאַרץ 1890, אז דער
אנטיסעמיטיזם אין פראַנקרײַך באַשטייט פון איזאָלירטע פאַלן וואָס וועלן גיך פאַרגעסן
ווערן: „ניין! דער אנטיסעמיטיזם עקסיסטירט נישט אין פראַנקרײַך!" האָט ער אויס־
גערופן.[113] (פאַרשײדענע ײדישע און פילאָסעמיטישע קרײַזן האָבן געזוכט צו באַ־
קעמפן דעם אנטיסעמיטיזם דורכן אויסדרוק פון צײַט צו צײַט דעם געדאַנק, אַז דער
אנטיסעמיטיזם איז נישט אויפגעקומען אין פראַנקרײַך, אין לאַנד פון פרײַהייט, נאָר
ער איז אימפּאָרטירט געוואָרן פון דײַטשלאַנד און אויך פון רוסלאַנד. אויך פּראָפ'
ש. דובנאָוו שרײַבט: „אָנפאַנג די 80ער יאָרן האָט זיך די אנטיסעמיטישע עפּידעמיע
אַריבערגעכאַפּט פון בערלין און ווין קיין פּאַריז".[114] קיין באַווײַזן פאַר אזא טעאָ־
ריע האָט מען אָבער נישט געבראַכט. אָבער אויב דאָס זאָל טאַקע זײַן אזוי, וואָלט
עס אויך נישט געקענט באַרעכטיקן דעם אנטיסעמיטיזם אין דער פראַנצײזישער אַרבע־
טער־באַוועגונג). נישט־ײדישע פילאָסעמיטן זײַנען אָפּט געווען א סך ניכטערער. דער

רעפובליקאנישער פאָליטיקער זשול סימאָן האָט געשריבן, אז אויב דאָס פאָלק פּאָגראָ־
מירט נישט ייִדן, איז בלויז ווײַל עס זײַנען דאָ זשאנדארמען. אן אנדערער רעפּוב־
ליקאנישער קעמפער האָט אין אן ארטיקל אין <u>לע פּעטיט פּארסיען</u> אין סעפּטעמבער
1891 אויסגעדריקט די מײַנונג, אז ער גלייבט נישט אין קיום פון אן אנטיסעמי־
טישער פּארטיי אין פראנקרײַך. בחשובה דערויף האָט ער באקומען אזוי פיל זידל־
בריוו, אז ער האָט גיך געביטן זײַן מײַנונג. (די באציִונג פון די רעפּובליקאנישע
קרײַזן צום אנטיסעמיטיזם באַרירן מיר נישט אין דער ארבעט. עס איז כדאי, ווי
א בײַשפּיל, צו דערמאָנען וואָס זשול פערי האָט דערקלערט: אנטיסעמיטיזם „איז גע־
וואָרן גיכער קעגן די רײַכע ווי קעגן ייִדן”. אָבער בדרך הכלל האָבן די רעפּובלי־
קאנישע קרײַזן זיך נישט קאָמפּראָמיטירט מיט דרימאָנען מער ווי די סאָציאליסטן).[115]

וואָס האָט מען געקענט פאָדערן פון דער ייִדישער בורזשואזיע וואָס האָט
אָנגעפירט מיטן געזעלשאפטלעכן ייִדישן לעבן אין פראנקרײַך אויב די רעוואָלוציאָנע־
רע ייִדישע קרײַזן זײַנען פון ייִדישקײַט אוועק, אויב די גדולים פון ייִדישן אָפּשטאם
אין דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג האָבן אויך נישט געוואָלט דערלאָזן
צו קײַן אָפענעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם? אב. קאהאן דערצײַלט, אז די ארבעטער־
פירערס פ. זינגער און װ. אדלער האָבן זיך באמיט בײַ אב. קאהאן, אז ער זאָל נים
שטעלן די פראגע וועגן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אויף דעם אינטערנאציאָנאלן סאָ־
ציאליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל. ווען אב. קאהאן האָט אָפּגעוואָרפן זײער פאָרשלאג,
האָבן זיי אונטער די קוליסן פון קאָנגרעס זיך באמיט אָפּצושוואכן דעם כאראקטער
פון קאהאנס ארויסטריט.[116]

ווי א רעזולטאט פון עדואַרד דרימאָנס קאמף קעגן ייִדן איז אין 1894
אויסגעבראָכן די דרײַפוס־אפערע און דער אנטיסעמיטיזם איז דערהויבן געוואָרן צו
דער מדרגה פון א קאַאליציע פון די רעכטע פּארטײַען, פון א מעכטיקן פּאָליטישן
כוח אין פראנקרײַך. די דרײַפוס־אפערע איז אָבער געווען אויך א גליק. די דאָזי־
קע ייִדישע טראגעדיע האָט ראשית־כל געראטעוועט פון שאפן אן אנטיסעמיטישע פּארטיי
מיט דער הילף פון טײלן פון דער ארבעטער־באוועגונג. אָבער אפילו דאָס אלץ איז
נישט געשען מיט א מאָל. אפילו בעת דער דרײַפוס־אפערע האָט די ארבעטער־באווע־
גונג זיך קאָמפּראָמיטירט, איז נישט געווען אײניק אין קאמף, און נישט אלע קרײַזן
פון דער ארבעטער־באוועגונג האָבן תיכף און אויף תמיד איבערגעריסן מיט דרימאָ־
נען.

XIII. <u>ביים אָנהייב פון דער דרײַפוס־אפערע.</u>

אין דער איצטיקער ארבעט האָבן מיר נישט בדעה צו דערצײַלן די געשיכ־

טע פון דער דרייפוס־אפערע. די פאקטן זיינען גענוג באקאנט פון אַן א שיעור גע־שיכטעס, בעיקר פון זשאָזעף ריינאקס קלאסישער געשיכטע געשריבן פון דרייפוסארישן שטאנדפונקט און פון דימרעי - קראָזאָנס געשיכטע געשריבן פון אנטי־דרייפוסארישן שטאנדפונקט.[117] (עס איז אונדז נישט באקאנט קיין איין גוטע ארבעט אויף יידיש אָדער העברעיש וועגן דער אפערע).

עדוארד דרימאָנס בוך לא פראנס זשויוו איז ארויס אין 1886, די דרייפוס־אפערע איז אויסגעבראָכן אין 1894. במשך פון די 8 יאָר האָט דער פראנצויזישער אנטיסעמיטיזם באוויזן צו ווערן א שטארקע באוועגונג וואָס האָט ארומגענומען נישט נאָר די רעאקציאָנערע קרייזן, נאָר אויך גרויסע טיילן פון דער ארבעטער־באַוועגונג. צו דעם וווּקס פון אנטיסעמיטיזם האָבן א סך צוגעהאָלפן די נישט סטאַבילע פּאָליטיק מצד די רעפּובליקאנישע און סאָציאַליסטישע קרייזן און אויך א פּאָר פינאנציעלע אפערעס, בעיקר דער פאנאמא־סקאנדאל. צוליב דעם וואָס אויך א פּאָר יידן זיינען געווען פארמישט אין די סקאנדאלן האָבן די אנטיסעמיטן געזוכט צו באַווייזן, אַז דאָס גרייטן די יידן צו פראנקרייכס ירידה. עדוארד דרימאָן האָט במשך פון א לאנגער צייט געזוכט צו דיסקרעדיטירן בעיקר די יידישע אָפיצירן אין דער פראנצויזישער ארמיי. זינט דער פראנצויזיש־דייטשער מלחמה אין 1870 - 1871 האָבן די יידן שטארק שטאָלצירט מיט דעם פאקט, וואָס יידישע אָפיצירן צייכענען זיך אויס אין דער פראנצויזישער ארמיי. דאָס איז מצד די רייכע קרייזן פון פראנצויזישן יידנטום גענומען געוואָרן ווי דער בעסטער באווייז, אַז זיי זיינען באמת עמאנציפּירט און הונדערט פּראָצענטיקע פראנצייזן פון משהס גלויבן. דרימאָן, ווידער, האָט געזוכט דורך זיין פּראָפּאגאנדע אריינצופירן דעם אנטיסעמיטיזם אין דער ארמיי אין וועלכער דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך גענויטיקט בכדי צו ווערן א פּאָליטישער כוח.

אין 1894 איז דער אנטיסעמיטיזם שוין געווען אזוי שטארק אין דער ארמיי און אין הויכע רעגירונגס־קרייזן, אַז מ'האָט זיך געקענט ערלויבן מאכן א בילבול אויף א יידישן אָפיציר, אַז ער איז א דייטשער שפּיאָן, פאבריצירן פאלשע דאָקומענטן פאר דער באשולדיקונג אאז"וו. אזוי ארום איז דעם 15טן אָקטאָבער 1894 ארעסטירט געוואָרן דער קאפּיטאן אלפרעד דרייפוס וואָס האָט געשטאמט פון א רייכער עלזאסער יידישער פאמיליע. ערשט מיט צוויי וואָכן שפּעטער, דעם 1טן נאָוועמבער 1894 האָט דרימאָנס לא ליבר פּאראָל מודיע געווען וועגן „ארעסט פון א יידישן אָפיציר". דעם 22סטן דעצעמבער איז קאפּיטאן דרייפוס פארמשפּט געוואָרן אויף לעבנס־לענגלעכער תפיסה, און דעם 4טן יאנואר 1895 איז ער דעגראדירט געוואָרן. נאָך איידער עס האָט זיך געלאָזט הערן א יידישע שטימע פאר דער פארטיידיקונג פון דרייפוסן האָבן די אנטיסעמיטן שוין געהאט אויפגעהויבן א געשריי, אַז די יידן וועלן

זוכן צו באפרייען דרייפוסן. יעמאָלט האָט די רעאקציע אויסגעטראכט דעם בילבול וועגן דער עקסיסטענץ פון א יידישן „סינדיקאט" צו פארטיידיקן דרייפוסן. דער געוועזענער קאָמונאר און אנטיסעמיט ראָשעפאָר האָט תיכף פון 3טן נאָוועמבער 1894 אָן געשריבן, אז ראָטשילד וועט נישט דערלאָזן צו שיסן א יידישן שפיאָן. פון דעם טאָג אָן איז ראָשעפאָר געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע זיילן פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג. (לויט לעאָן בלום איז ראָשעפאָרס אנטידרייפוסיזם געווען א רעזולטאט פון זיין סימפאטיע צו די באזיגטע בולאנזשיסטן. קיין באווייזן דערפאר ברענגט ער אָבער נישט און ל. בלום שאצט דערמיט שטארק איבער דעם אָנטייל פון יידן אין אנטי־בולאנזשיסטישן קאמף. גיכער איז אָנצונעמען, אז ראָשעפאָרס אנטיסעמיטיזם און פירנדיקע ראָל אין קאמף קעגן דרייפוסן שטאמט נישט פון בולאנזשיסטישן מקור נאָר פון יענע צייטן נאָך, ווען ער איז נאָך געווען א געטרייער סאָציאליסט. פונקט אזוי האָט מאָריס בארעס וואָס איז געוואָרן דער אינטעלעקטועלער זייל פון דעם רעאקציאָנערן צד אין קאמף קעגן דרייפוסן געירשנט זיין אנטיסעמיטיזם פון יענער צייט נאָך, ווען ער איז געווען א סאָציאליסט און געפרייַדיקט סאָציאליסטישן אנטיסעמיטיזם. מ. בארעס האָט געשריבן: „אז דרייפוס איז פעיק צו פארראטן, דאָס זע איך פון זיין ראסע". „כ'האָב אָפט עס איבערגעחזרט, כ'האָב זיך געשאפן א מיינונג אין דער דרייפוס־אפערע נאָך פארן באקענען זיך מיט די יורידישע פאקטן". „יידן זיינען פון דעם פאָטערלאנד וו זיי געפינען צום מיינסטן נוצן").[118] די רעאקציאָנערע פרעסע האָט אָנגעהויבן א ווילדע פאָגראָם־העצע קעגן יידן. עס איז אָבער געווען קלאָר, אז דער נייער קריץ־צוג קעגן יידן איז בלויז אן אויסרייד פאר א סך א ברייטערער אקציע קעגן די רעפובליקאנישע פרייהייטן, דער אָנהייב פון אן אָפענעם קאמף אָפצושאפן די דריטע רעפובליק. אויך די פאקטן זיינען גענוג באקאנט און עס איז נישט כדאי זיי איבערצוחזרן.

דאָס רעפובליקאנישע פראנקרייך מכל הצדדים איז אָבער נישט געשטאנען אויף דער געהעריקער הייך. כמעט אלע רעפובליקאנישע און ארבעטער־קעמפערס האָבן נישט דערזען תיכף דעם אנטיסעמיטישן מאנעװר. זיי האָבן געגלויבט אין דרייפוסעס שולד און די העצע קעגן יידן האָבן זיי געהאלטן בלויז פאר נאָך איין פארשטארקטע אנטי־יידישע קאמפאניע, אָן שום געפאר פאר דער רעפובליק. זיי האָבן אויפגענומען די אפערע לייכטזיניק, מיט א שמייכל – ווי עס שרייבט דע מאָנזי. צוויי טעג נאָך דרייפוסעס פראָצעס איז אין זשאָרזש קלעמאנסאָס רעפובליקאנישער צייטונג <u>זשוסטיס</u> געווען געדרוקט זיינס א שארף ארטיקל „דער פאררעטער" דרייפוס; ערשט מיט קנאפע דריי יאָר שפעטער האָט קלעמאנסאָ געביטן זיין מיינונג. קאמיל פעלעטאן וואָס איז נאָך די וואלן אין 1898 געוואָרן פאָרזיצער פון דער ראדיקאל־סאָציאליסטישער

פראקציע אין פארלאמענט איז ביז מיטן 1898 געווען א שארפער אנטי־דרייפוסאר. ער האט באמת געגלויבט אין דרייפוסעס שולד און געשריבן קעגן דעם „דרייפוס־סינדיקאט". נאך אין יאנואר 1898 האט ער געשריבן, אז דרייפוסעס שולד ווערט קלארער פון טאג צו טאג. איינער פון די ערשטע און אקטיווסטע אנטי־דרייפוסארן און אנטיסעמיטן ביזן סוף איז געווען דער ראדיקאלער דעפוטאט הומבערט, א געוועזענער קאמונאר, רעדאקטאר פון דער צייטונג פער דישען בעת דער פאריזער קאמונע.[119] אזוינע נעמען פון געוועזענע רעוואלוציאנערן אין אנטי־דרייפוסארישן לאגער,בעיקר ביז סוף 1898, קען מען אויסרעכענען אין די הונדערטער.

בלויז די משפחה פון דעם אומשולדיקן קאפיטאן דרייפוס, זיין פרוי און זיין ברודער, האבן געגלויבט אין אומשולד פון דרייפוסן, האבן געהאט צוטרוי צו זייער מאן און ברודער און צוגעגרייט די באווייזן פון זיין אומשולד. נאך א פאר יחידים האבן תיכף פארשטאנען די געפאר פון דעם בילבול פאר דער רעפובליק און זיי האבן זיך אריינגעווארפן אין קאמף פאר דרייפוסעס פרייהייט: יוסף ריינאך (1856 - 1921), גאמבעטאס א געוועזענער סעקרעטאר און איינער פון די פירערס פון די „אפארטוניסטישע" רעפובליקאנער אין פארלאמענט, א ייד און א מענטש מיט אן אויסערגעוויינטלעכן מוט; בערנאר לאזאר (1865-1903), דער געוועזענער אנארכיסט וואס האט בעת דער אפערע זיך דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון איינער פון די שענסטע יידישע פערזענלעכקייטן; דער סענאטאר אויגוסט שערער־קעסטנער (1833 - 1899); און נאך א פאר אנדערע, סך הכל א גאנץ קליינע גרופע. זיי האבן די ערשטע, און אליין, אויפגעהויבן די פאן פון קאמף פאר דרייפוסעס פרייהייט און דערמיט געראטעוועט די פראנצייזישע רעפובליק - קעגן ווילן פון די רעפובליקאנער גופא. שפעטער, ערשט פון מיטן 1898 אן, האבן גרויסע מאסן דערזען דעם אמת און פראנקרייך איז צעטיילט געווארן אין צוויי לאגערן, דרייפוסארן און אנטי־דרייפוסארן. מען האט געקעמפט אין דער רעגירונג, אין פארלאמענט, אין די פארטייען, אוניווערסיטעטן, אויף דער גאס, אין די משפחות אפילו - ביז די רעאקציע איז באזיגט געווארן און די רעפובליק האט ווידער טריומפירט. אבער ביים סאמע אנהייב האבן בלויז א פאר מענטשן תיכף געהאט דערזען די געפאר. שארל אנדלער שרייבט אין זיין ביאגראפיע פון דרייפוסאר לוסיען הער, דעם באקאנטן אינטעלעקטועלן סאציאליסט אין די 90ער יארן, אז א סך פון די סאציאליסטן און ראדיקאלן וואס זיינען א דאנק דער אפערע געווארן גרויס און בארימט האבן לכתחילה געשוויגן: „קלעמאנסא, זשאָרעס, אנאטאל פראנס, פראנסיס דע פרעסענסע, פסיכארי, אלעקסאנדער מילעראן, זיי האבן געהאלטן דרייפוסן שולדיק. מען ווייס נישט מער, אז ס'איז געווען א צייט ווען זשארעס און קלעמאנסא האבן באדויערט וואס מ'האט נישט דערשאסן דרייפוסן".[120]

XIV. <u>די שטעלונג פון די סאָציאַליסטן צווישן ערשטן דרייפוס־פּראָצעס</u>

<u>און דעם זאָלא־פּראָצעס.</u>

בײם אויסברוך פון דער אפערע האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט באַפרײט פון אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין אירע רײען. <u>לאַ רעווי סאָסיאַליסט</u> און אַנדערע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס האָבן אויך ווײטער געדרוקט אַנטי־ייִדישע אַרבעטן, הגם שוין נישט אַזוי אָפט און אַזוי ברוטאַל.[121] דער אַנטיסעמיטישער פירער עדואַרד דרימאָן האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ גרעסערע גרופּע פאַרערערס צווישן די אַרבעטער־פירערס. אין 1894 האָט זשאַן זשאָרעס סאָציאַליסטישע צײַטונג <u>לאַ פּעטיט רעפּובליק</u> אָנגערופן דעם פראַנצײזיש־ייִדישן פירער פון ראַדיקאַלן צד זשאָזעף רײנאַק „יוסף״, אַן אַלוזיע אויף דעם ייִדישן אָפּשטאַם פון זײַן קעגנער. זשאָרעס האָט סוף 1894 געשטורעמט קעגן „יהודס דונערן אין רײנאַקס הענט״. די פראַנצײזיש־ייִדישע צײַטשריפט <u>ל'אוניווער איזראַעליט</u> האָט געשריבן אין 1899, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרלאַמענטאַרישע פראַקציע האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַרויסגעזאָגט פאַר אָדער קעגן דרייפוסן; אָבער פון געוויסע דעקלאַראַציעס האָט מען געזען, „אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ פאַרמאָגט אין אירע רײען מער פון אײן אַנטי־ייִדישן עלעמענט״. די צײַטשריפט האָט פאָרגעוואָרפן די סאָציאַליסטן, אַז אין פּאַרלאַמענט פאַרוואַנדלען זײ אַנטיסעמיטישע אינטערפּעלאַציעס אין אַן אַלגעמײנער דיסקוסיע געוואַנדן בלויז קעגן קאַפּיטאַל. „בשעת עס איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון אומגליקלעכן קאַפּיטאַן [דרייפוס], זײנען נאָך די סאָציאַליסטן געווען ווײט פון האָבן געווען קעגנער פון אַנטיסעמיטיזם״, האָט דערקלערט <u>ל'אוניווער איזראַעליט</u>.[122]

דער סאָציאַליסטישער פירער זשאַן זשאָרעס האָט לכתחילה ערנצט געגלויבט אין דרייפוסעס שולד, שפּעטער האָט ער אַ לאַנגע צײַט זיך געוואַקלט און סוף כל סוף איז ער נאָך לאַנגע באַמיִונגען פון זײַנע דרייפוסאַרישע פרײַנד דאָך געקומען אין דרייפוסאַרישן לאַגער, אַ פאַרשפּעטיקטער. זשאָרעס איז שפּעטער געוואָרן אײנער פון די וויכטיקסטע פירערס פון דרייפוסאַרישן לאַגער, אָבער נישט ער האָט עס אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף פאַר יושר און פאַר דעם קיום פון דער רעפּובליק. אַנדערע האָבן עס געטאָן פאַר אים און אַפילו קעגן אים. דער דרייפוסאַרישער פּאָעט און מיסטיקער שאַרל פּעגי (1873 - 1914) האָט שפּעטער געשריבן אין זײַן דיסקוסיע מיט זשאָרעסן וועגן וועלכער עס וועט אונדז ווײטער נאָך אויסקומען צו שרײַבן, אַז ער פּעגי, איז געווען פון די ערשטע דרייפוסאַרן, „אפשר נאָך פאַר זשאָרעסן״. זשאָרעסעס ערשטער אַרויסטריט נאָכן פאַרמשפּטן דרייפוסן איז געווען פון די סאַמע שאַרפסטע אַרויסטריטן קעגן דרייפוסן תיכף נאָכן ערשטן פּראָצעס אין 1894 וואָס האָט פאַרמשפּט

דרייפוסן. די רעגירונג האט פונקט יעמאלט געהאט אריינגעטראגן א געזעץ־פראיעקט וועגן מיליטערישע געריכטן וואס די סאציאליסטישע דעפוטאטן האבן שטארק באקעמפט. זשארעס האט דערקלערט אין פארלאמענט דעם 24סטן דעצעמבער 1894, אז דאס אלטע געזעץ איז גענוגנט; א פאקט, אז דאס אלטע געזעץ האט געגעבן דעם מיליטערישן געריכט גענוג רעכט אויף צו פארמשפטן צום טויט דעם שפיאן דרייפוס, נאר מ'האט עס נישט געוואלט טאן, ווייל מ'האט זיך גערעכנט מיט דרייפוסן, א זון פון בורזשוא־אזן קלאס. עס איז דערגאנגען צו א שארפן אויסטויש פון ווערטער און פאר באליי־דיקן דעם כבוד פון א מיליטעריש געריכט איז זשארעס באזייטיקט געווארן פון דער זיצונג פון פארלאמענט. בכן איז סוף דעצעמבער 1894 פאר זשארעסן דער משפט איבער דרייפוסן געווען נישט מער ווי א בורזשואזער סקאנדאל: א קאפיטאן האט פאר־ראטן פראנקרייך און דאס קריגס־געריכט האט צוליב קלאסן־אינטערעסן אים נישט פארמשפט צום טויט. אויף צומארגנס נאך זשארעסעס ארויסטריט אין פארלאמענט האט ע. דרימאנט <u>לא ליבר פאראל</u> געשריבן: „בראוא, זשארעס!״ נישט אומזיסט ווערן אין א סך ערנצטע געשיכטעס פון דער אפערע די קאפיטלעך וועגן דעם אנטי־דרייפו־סארישן קאמף אנגעהויבן מיט זשארעסעס ארויסטריט ווי מיט איינער פון די סאמע ערנצטע אטאקעס אויפן דרייפוסיזם. אויך דער רעוואלוציאנער אורבען גאיע וואס איז שפעטער געווארן א דרייפוסאר און נאך שפעטער אן אנטיסעמיט האט געשריבן מיט א יאר נאך זשארעסעס ארויסטריט אין פארלאמענט (דעם 9טן נאוועמבער 1897): „נאך אזא פארראט ווי דער פון דרייפוסן איז דאס וואס פארשאפט ווייניק כבוד דער ארמיי נישט דאס האבן געפונען א שפיאן, נאר דער פאקט וואס מ'האט אים נישט פארמשפט צו דער העכסטער שטראף״. 123)

דעם 6טן נאוועמבער 1896 האט בערנאר לאזאר ארויסגעגעבן אין בריסל זיין ערשטע בראשור וועגן בילבול אויף דרייפוסן. די דאזיקע בראשור איז במשך פון לאנגע חדשים צוגעגרייט געווארן מיט דער הילף פון דרייפוסעס משפחה און די וויכטיקסטע גאר ערשטע דרייפוסארן. ב. לאזארס בראשור איז געווען דער ערשטער סאלידער באווייז פון דרייפוסעס אומשולד, זי איז צוגעשיקט געווארן צו די וויכטיק־סטע פאליטיקער און צייטונגען. בערנאר לאזאר גופא האט ביי דער געלעגנהייט בא־זוכט טייל פאליטיקער און זיך באמיט זיי אריינציען אין קאמף פארן רעווידירן דעם דרייפוס־פראצעס. מיט דער צייט האט די בראשור, צוזאמען מיט ב. לאזארס א צווייט־טער בראשור (פאריז 1897) געשאפן אן עפעס אין דער געשיכטע פון דער אפערע. אבער באלד ביים אנהייב האט מען ב. לאזארס ארויסטריט אויפגענומען קאלט. די אנטיסעמיטישע קרייזן האבן אטאקירט בערנאר לאזארן, חגם דווקא ראשעפאר האט א צייט זיך געוואקלט ביים באטראכטן די בראשור, די סאציאליסטן האבן בערנאר לאזארן

און זײַן בראָשור צײַניש אויסגעלאַכט. ב. לאַזאַר האָט באַזוכט אויך דעם סאָציאַליס־טישן פירער זשאַן זשאָרעס וואָס האָט אים קוים באַוויליקט אויסצוהערן. זשאָזעף רײַ־נאַק שרײַבט וועגן דעם באַזוך: „זשאָרעס האָט אים אויפגענומען קאַלט, ער האָט אפֿי־לו ניִשט באַמערקט דעם אינטערעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײַ אַרײַנצוטראָגן דעם פאַקל פון ליכט אין דער פינסטערניש פון הויכע אַרמײַ־פּענסטער". אַנאַ לעאָ זעוואַ־עס דערקלערט, אַז די שלעכטע אויפנאַמע האָט זיך געקענט דערקלערן צוליב די אָנ־געשטרענגטע באַציִונגען צווישן די סאָציאַליסטן און די אַנאַרכיסטן, ספּעציעל מיט בערנאַר לאַזאַר וואָס האָט אין זײַנע אַרטיקלען אָפט קריטיקירט אויך זשאָרעסן און געדן. די אָפיציעלע שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײַ צו ב. לאַזאַרס בראָ־שור האָט אויסגעדריקט אַלעקסאַנדער זעוואַעס, א יונגער און ענערגישער סאָציאַליסט פון זשול געדס מאַרקסיסטישן פליגל. זעוואַעס איז לכתּחילה געווען אַן אַנטי־דרײַ־פוסאַר, ערשט שפּעטער האָט ער געביטן זײַן מײנונג. אין סאָציאַליסטישן אָרגאַן לאַ פּעטיט רעפּובליק פון 10טן נאָוועמבער 1896 האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פול מיט באַלײדיקונגען אויפן אַדרעס פון ב. לאַזאַר. זעוואַעס, וואָס איז אַלײן געקומען צום סאָציאַליזם ניִשט פון קײן אַרבעטער־סביבה, נאָר פון פאַרמעגלעכע סטודענטישע קרײַזן, האָט געשריבן, אַז ב. לאַזאַר איז „דער חשובער פאָרשטײער פון אַנאַרכיסטישן High Life און ער איז אײנציִיק אויך אײנער פון די געטרײַסטע פאַרהערער פון זײַן מאַיעסטעט ראָטשילד". ב. לאַזאַרס בראָשור האָט ער אָנגערופן „א שרײַענדיקע בראָשור": „עס איז א נײַער מאַנעוור אין דער גוט צוגעגרײטער קאַמפּאַניע פון עטלע־כע צײַטונגען פון דער פינאַנץ־וועלט צו מאַכן צווײפלען די עפנטלעכע מײנונג אין דער שולד פון פאַררעטער [דרײַפוס]". א. זעוואַעס האָט שפּעטער אַלײן דערצײלט, אַז אין דעם אַרטיקל האָט ער אויסגעדריקט ניִשט נאָר זײַן פּריוואַטע מײנונג, נאָר אויך די מײנונג פון דער רעדאַקציע פון לאַ פּעטיט רעפּובליק און פון זשאַן זשאָרעס, זשול געד, מאַרסעל סעמבאַ און אַנדערע סאָציאַליסטישע פירערס. זשאָזעף רײַנאַק האָט געשריבן, אַז „דער אַרטיקל פון זעוואַעס האָט געקענט געדרוקט ווערן אין לאַ ליבר פּאַראָל. „רעוואָלוציאָנערן און אַנטיסעמיטן האָבן באַנוצט דעם זעלביקן טאָן, האָבן ריוואַליזירט מיט באַלײדיקנדיקע חשדים. אויך דער אַנאַרכיסט א. האַמאַן האָט שלעכט אויפגענומען ב. לאַזאַרס בראָשור. 124)

נאָך אַזוי שפּעט ווי אין דעצעמבער 1897 האָט זשאָרעס זיך געוואַקלט. ער האָט יעמאָלט געשריבן: „דרײַפוס רעהאַביליטירט – וועט שטײַגן דער אָפּאָרטוניזם, דרײַ־פוס באַשולדיקט – דאָס איז א נצחון פון דער קלעריקאַלער רעאַקציע; אָט איז דער סאָציאַלער זינען פון דעם קאַמף". אַן אַנטי־ייִדישע צײַטונג האָט געשריבן וועגן די ערשטע אַנטי־דרײַפוסאַרישע מאַניפעסטאַציעס, אַז דער פּלאַץ דע לאַ קאָנקאָרד נעבן פאַר־

לאמענט געהערט צו די נאציאָנאַליסטן און „די סאָציאַליסטן שײַנען נאָך אַלץ מיט זײער אָפּװעזנהײט״. די צײַטונג האָט זיך אַזױ אַרום באַרימט, אַז די סאָציאַליסטן זײַנען נישט געקומען קעגן־מאַניפעסטירן. זשאָזעף רײַנאַק שרײַבט װעגן דער תקופה װען אַלע סאָציאַליסטן זײַנען נאָך געװען רעזערװירט אין דער באַציִונג צו דער אַפּער־רע, אַז זײ זײַנען געװען „צעשטרײט, אָבער אָן סימפּאַטיעס״ פאַר דרײפוסעס פאַרטײדי־קערס. אָבער נישט תמיד און נישט אַלע סאָציאַליסטן זײַנען געװען צעשטרײט. טײל סאָציאַליסטן זײַנען נישט נאָר געװען קעגן אַנגאַזשירן דעם סאָציאַליזם אין קאַמף פאַר אַ רעװיזיע פון פּראָצעס, נאָר זײ האָבן אַפילו זיך גענומען קעמפן קעגן אַ רע־װיזיע – װי עס דריקט זיך אױס דער היסטאָריקער זשאָרזש װײל. אַנדערע סאָציאַ־ליסטן האָבן געװאָרט און דערװײל „געשטעלט אין אײן רײ די ייִדן און אַנטיסעמיטן״ – װי עס דריקט זיך אױט דער רעאַקציאָנערער בראָניקער פּאַל פּעש. דעם 20סטן יאַ־נואַר 1898 האָט די סאָציאַליסטישע <u>לאַ פּעטיט רעפּובליק</u> געשריבן: „נאָך אַלע סקאַנ־דאַלן װאָס האָבן זײ דיסקרעדיטירט, דאַרפן די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן זיך אַ ביסל רע־האַביליטירן בכדי אײַנהאַלטן זײער חלק רױב; און בכדי דאָס צו דערגרײכן באַמיִען זײ זיך צו באַװײַזן, אַז אײנער פון זײערע איז אַ קרבן פון אַ יורידישן טעות, און דורך דעם זוכן זײ רײנצוװאַשן בײַ דעם קװאַל דעם גאַנצן שמוץ פון ישראל״. די אַנאַרכיסטישע צײַטשריפט <u>ל׳הומאַניטעי נױעל</u> (1898) האָט מיט אַ נחת־רוח ציטירט אַן אַנטי־דרײפוסאַרישן אַרטיקל פון סאָציאַליסטישן פירער װאַיאַן און איז מסכים געװען מיט אים, אַז די אַפערע איז אַ קאַמף צװישן ייִדישע און קריסטלעכע בורזשױען װאָס װעלן מיט די קאַמפן צװישן זיך ברענגען נוצן דעם פּראָלעטאַריאַט דורכן צע־שטערן די אַרמײ: „די ייִדישע פּאַרטײ און די קלעריקאַלע פּאַרטײ פירן צװישן זיך אַ מלחמה, און אַ װילדע מלחמה, צו דער גרױסער פרײד פון די סאָציאַליסטן פון אַלע שולן. די בורזשױען האַלטן בײַם צעשטערן די אַרמײ״. דעם 19טן יאַנואַר 1898 איז אין דער גאַנצער פּרעסע געװען געדרוקט אַ סאָציאַליסטישער אױפרוף קעגן אַנטיסע־מיטיזם. די מחברים פון דעם אױפרוף האָבן גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט זיך נישט צו מישן אין דער אַפערע, נאָר אײַנצוהאַלטן די גאַנצע אומאָפּהענגיקײט אין דעם קאַמף צװישן דעם דרײפוסאַרישן רעפּובליקאַנער זשאָזעף רײַנאַק און דעם אַנטי־דרײפו־סאַרישן רעאַקציאָנער דע מון. די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ האָט קלאָר דערקלערט אין דעם אױפרוף, אַז די אַפערע איז נישט מער װי אַ קאַמף צװישן צװײ פראַקציעס פון בורזשואַזן קלאַס: די אָפּאָרטוניסטן און די קלעריקאַלן, אָדער – אױב אַנדערע האָבן געװאָלט לײענען צװישן די שורות פון אױפרוף – צװישן די ייִדן און קאַטױליקן. זש. רײַנאַק האָט װעגן דעם געשריבן, אַז אַפילו די סאָציאַליסטישע פירערס זש. זשאָ־רעס, ר. װיװיאַני, א. מילעראַן און ג. רואַנעי װאָס זײַנען געװען פירערס פון

רעכטן פליגל און פון דעם צענטער אין פראנצייזישן סאָציאַליזם, האָבן אויך נישט געוואָלט אײַנרײַסן מיט די דעמאגאָגן. אַן אנטיסעמיטיש־רעאקציאָנערער פאָרשלאג אין פארלאמענט, אַז די רעגירונג זאָל „ענערגיש אונטערדריקן די שענדלעכע קאמפאניע װאָס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך אַ קאפּיטאליסטישן סינדיקאט, סובסידירט מיט געלט פון אויסלאנד בכדי צו רעהאבּיליטירן דעם פאררעטער דרײַפוס", איז געשטיצט געוואָרן אויך דורך סאָציאַליסטן, דערונטער קלאָװיס הוגעס. בעת דער פארלאמענט האָט באַשלאָסן צו אַפּישירן די שארפע אנטי־דרײַפוסארישע רעדע פון קריגס־מיניסטער קאווענייאק (7טן יולי 1898) האָבן פון 57 סאָציאַליסטישע דעפּוטאטן 45 געשטימט פארן אַפּישירן.[125]

XV. פון דעם זאָלא־פּראָצעס ביז נאָכן זעלבסטמאָרד פון קאָלאָנעל האנרי.

אין אָקטאָבער 1896 האָט ב. לאזאר ארויסגעגעבן זײַן ערשטע בראָשור. דעם 13טן יאנואר 1897 האָט עמיל זאָלא אָפּגעדרוקט זײַן J'accuse („איך באַשולדיק") קעגן אנטי־דרײַפוסיזם. דעם 14טן יולי 1897 האָט דער ראדיקאלער פירער שערער־קעסטנער דערקלערט, אַז ער גלויבט נישט אין דרײַפוסעס שולד און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָליטישער קאמף פאר אַ רעוויזיע פון פּראָצעס. דעם 23סטן פעברואר 1898 איז עמיל זאָלא פארמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תפיסה. ב. לאזארס בראָשור האָט לגמרי נישט גערירט די סאָציאַליסטן. דער פּראָצעס קעגן עמיל זאָלא האָט יאָ אויפגערודערט דאָס געוויסן פון טײל סאָציאַליסטן, אָבער כלל נישט פון דער גאנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שערער־קעסטנערס ארויסטריט איז געווען די ערשטע דערקלערונג פון אַ חשובן פּאָליטיקער פאר דרײַפוסן, אָבער אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זײַן ארויסטריט נים געהאט קײן אײַנפלוס. סוף אויגוסט 1898 האָט דער קאָלאָנעל האנרי זיך גענומען דאָס לעבן, נאָך דעם ווי מ'האָט אנטדעקט זײַן ראָל בײַם פעלשן דאָקומענטן בכדי צו באַשולדיקן דרײַפוסן. דער זעלבסטמאָרד איז געווען דער ערשטער ערנסטער ברוך אין דער באַשולדיקונג און האָט ביז גאָר פארשטארקט די דרײַפוסארישע רײען. אויך סאָציאַליסטן וואָס זײַנען ביז דעם זעלבסטמאָרד געווען אנטי־דרײַפוסארן, ווײַל זײ האָבן געגלויבט אין דרײַפוסעס שולד, האָבן מיט אַ מאָל דערזען, אַז דרײַפוס איז אומשולדיק. אַ סך סאָציאַליסטן זײַנען אָבער אויך ווײַטער געבליבן אנטי־דרײַפוסארן צוליבן פּרינציפּ פון סאָציאַליסטישער טאקטיק, זײ זײַנען ווײַטער געבליבן שטײן אין אַ זײַט פון דעם קאמף.

דעם 18טן יאנואר 1897, אַ פּאָר טעג נאָך דעם ווי עמיל זאָלא האָט פאר־עפנטלעכט זײַן „איך באַשולדיק", האָט אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער סאָציאַליסטישער פארלאמענטארישער פראקציע ארויסגעלאָזט אַ מאניפעסט צו די ארבעטער, אַז זײ זאָלן

בלײַבן נײַטראל אין קאמף. „מיר האָבן זיך אָפּגעהאלטן ביז הײַנט צו טאָג״ – אַזוי־נע דערקלערונגען ווי די אין דער סאָציאליסטיש־אנארכיסטיש געשטימטער <u>לאַ רעווי בלאַנש</u> האָט מען באגעגנט כמעט אין דעם גאנצן טײל פון דער לינקער פרעסע וואָס איז געוואָרן דרײפוסאריש געשטימט ערשט בעתן זאָלא־פּראָצעס. אָבער בײַם סאמע אָנהײב פון פּראָצעס קעגן עמיל זאָלא זײַנען נאָך אלץ ווײניק אײַנפלוסרײַכע סאָציאליסטן געשטאנען מיט בײדע פיס אין דרײפוסארישן לאגער. בלויז א פּאָר, דערונטער דער סאָציאליסטישער פירער זשאן אלעמאן פון דער גרופּע „אלעמאניסטן״ האָט באגריסט זאָלאן תיכף נאָך זײַן ארויסטריט מיט ווארעמע און אויפריכטיקע ווערטער וואָס זײַנען אָבער געווען א זעלטענע דערשײַנונג צווישן פירנדיקע סאָציאליסטן. שארל פּעגי האָט געשריבן דעם 21סטן יאנואר 1898 אין א בריוו צו עמיל זאָלא: „היות מערערע פארלאמענטאריער, כלומרשטע סאָציאליסטן, זאָגן זיך אָפּ צו גײן מיטן גלײַכן וועג, ווילן מיר, די יונגע סאָציאליסטן, ראטעווען פון זײ דעם סאָציאליסטישן אידעאל״. אויף דער בארימטער דיסקוסיע אין ליל (אָקטאָבער 1900) צווישן זשאן זשאָרעס און זשול געד וועגן דרײפוסיזם און מיניסטעריעלן סאָציאליזם האָט זשאָרעס דערקלערט, אז ס״ה א פּאָר וואָכן פאר דעם זעלבסטמאָרד פון קאָלאָנעל האנרי, אין יולי 1898, האָט דער סאָציאליסטישער מאניפעסט פאקטיש געהײסן די סאָציאליסטישע דעפּוטאטן פארלאָזן דעם קאמף.[126]

ווען סאָציאליסטישע טוערס, דערונטער זשאן זשאָרעס, זײַנען סוף כל סוף געקומען אין דעם דרײפוסארישן לאגער, זײַנען זײ געקומען ווי יחידים און נישט ווי פירערס מיט אָרגאניזירטע סאָציאליסטישע מאסן הינטער זיך. די מאסן האָבן פארלאָזט די יעניקע פון זײערע פירערס וואָס האָבן געוואגט זיך צו אנגאזשירן אין קאמף. אלפרעד בערל, יעמאָלט א יונגער דרײפוסאר, האָט בשעתו געשריבן: „די מאָדערירטע רעפּובליקאנער, ראדיקאלן אָדער סאָציאליסטן האָבן ארויפגעוואָרפן אײנע אויף די אנדערע דאָס פארטײדיקן די רעפּובליקאנישע פּרינציפּן; זײ האָבן אָן שום חרפּה פארלאָזן די יעניקע פון זײערע פירערס, וואָס האָבן זיך ארײַנגעטאָן אין דער קאמפּאניע פאר א רעוויזיע [פון פּראָצעס]״. (נאָך קאָלאָנעל האנריס זעלבסטמאָרד האָט די <u>לאַ ליבר פּאַראָל</u> דורכגעפירט א זאמלונג פאר דער אלמנה. צווישן די, וואָס האָבן ארײַנגעשיקט באשטײַערונגען זײַנען געווען נישט ווײניק סאָציאליסטן, הן אנאָנימע („א סאָציאליסט וואָס ווינטשט זיך א הייליקן בארטעלעמי קעגן ײדן״, „א סאָציאליסטישער אנטיקלעריקאלער אפּטײקער״, „א גרופּע פראנצײזישע סאָציאליסטן״ און אויך רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן אָנגעגעבן זײערע נעמען, דהײנו: דער אײנזשענער יוריב וואָס האָט בעת דער קאָמונע צעוואָרפן נאפּאָלעאָנס דענקמאָל). זשאָרעס האָט זיך כמעט ווי פארענטפערט פארן ארײַנטרעטן אין דער אפערע ווי א פירער. אויפן

צום סאָציאַליסטישן קאָנגרעס (1901) האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז אויפֿן זאָלאַ־פּראָצעס איז ער געווען פֿאַרטראָטן אין זײַן אײגענעם נאָמען, אַז אַ טײל סאָציאַליסטן האָט אין די טעג פֿון קאַמף בלויז געלײגט שטײנער אונטער די רעדער. אויף דער דיסקוסיע צווישן זשאַן זשאָרעס און זשול געד אין ליל (1900) האָט געד דערקלערט, אַז זשאָרעס האָט צוגעזאָגט אים און אַנדערע סאָציאַליסטישע פֿירערס, אַז ער וועט זיך אַנגאַזשירן אין דער אַפֿערע בלויז פּערזענלעך, אַז ער וועט נישט אַנגאַזשירן די פּאַרטײ. די גאָר גרויסע מערהײט פֿון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און טוערס האָבן אים בפֿירוש באַפֿוילן נישט אַרײַנצוציִען די פּאַרטײ אין דער אַפֿערע. עס איז טאַקע ריכטיק, אַז זשאָרעסעס דרײפֿוסיזם איז געווען „אַן אַקט פֿון אַ נישט־דיסציפּלינירטן" סאָציאַליסט, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער רעפּובליקאַנישער דרײפֿוסאַר מערמעקס. אויך די סאָציאַליסטישע מאַסן וואָס האָבן סוף כּל סוף נאָכגעטאָן דעם בײַשפּיל פֿון זשאַן זשאָרעס און זײַנע פֿרײַנד זײַנען געקומען צום דרײפֿוסיזם אויפֿן רוף פֿון גרויסע סאָציאַליסטן אין וועלכע זײ האָבן געגלויבט, אָבער נישט אויפֿן רוף פֿון פּאַרטײ־פֿירערס אין נאָמען פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ. זשאָרעס האָט אָבער מיט אַזאַ ברען געפֿירט דעם קאַמף, אַז ער איז תּיכּף אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון דער אַפֿערע ווי אײנער פֿון די גרעסטע דרײפֿוסאַרן און מען האָט כּמעט אָנגעהויבן פֿאַרגעסן זײַנע ערשטע שאַרפֿע אַטאַקעס קעגן דרײפֿוסן. אַ גליקלעכער צופֿאַל האָט מיט אַ מאָל אויך געמאַכט זשאָרעסן שטאַרק פּאָפּולער צווישן די דרײפֿוסאַרן: אין טאָג ווען דער קאָלאָנעל האַנרי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד האָט זשאָרעס געהאַט אָפּגעדרוקט אין דער סאָציאַליסטישער צײַטונג <u>לאַ פּעטיט רעפּובליק</u> אַ גרויס אַרטיקל וועגן די פֿאַלשע דאָקומענטן אין דער באַשולדיקונג קעגן דרײפֿוסן. דאָס האָט אים געמאַכט כּמעט אַזוי פּאָפּולער ווי עמיל זאָלאַ. זשאָרעסעס גרויסקײט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט מוט צו ברעכן די פּאַרטײ־דיסציפּלין און אַנגאַזשירן זיך און זײַנע פֿרײַנד ווי סאָציאַליסטן אין דעם קאַמף פֿאַרן קיום פֿון דער רעפּובליק, קעגן דעם בפֿירושן ווילן פֿון דער מערהײט אין דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.[127]

אין דער אַפֿערע קען מען אין דער פֿאַזע פֿון קאָלאָנעל האַנריס זעלבסטמאָרד אונטערשײדן דרײַ גרופּעס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג לויט זײער באַציִונג צו דער אַפֿערע:[128]

1. <u>די דרײפֿוסאַרן</u>: (א) מיט זשאַן זשאָרעס און יחידים פֿון צווישן די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן; (ב) די „אַלעמאַניסטן", מיטגלידער פֿון דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטײ" („פּאַרטי אוווריִע סאָסיאַליסט") זינט דער שפּאַלטונג מיט די פּאָסיביליסטן אין 1882. פֿון 1891 אָן האָבן זײ זיך גערופֿן „פּאַרטי אוו־

ריעי סאָסיאַליסט״; (ג) די פּאָסיבּיליסטן װאָס זײַנען אױפֿגעקומען אין 1881 און האָבן געגרינדעט די „סאָציאַליסטישע פֿעדעראַציע פֿון סאָציאַליסטישע אַרבעטער פֿון פֿראַנקרײַך״ („פֿעדעראַסיאָן סאָסיאַליסט דע טראַװאַיער סאָסיאַליסט דע פֿראַנס״); (ד) אױך אינטעלעקטועלע סאָציאַליסטן װאָס זײַנען קומענדיק צום סאָציאַליזם בײַם אָנהײב פֿון דער אַפֿערע שױן געװען דרײפֿוסאַריש געשטימט.

2. <u>אַנטי־דרײפֿוסאַרן</u>: (א) זשול געדס „פֿראַנצײזישע אַרבעטער־פּאַרטײ״ („פּאַרטי אוװריעי פֿראַנסעי״) װאָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן קאָנגרעס אין 1882. דער װיכטיקסטער פֿירער פֿון דער פּאַרטײ איז, חוץ זש. געד, געװען פּאָל לאַפֿאַרג; (ב) טײל אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן פֿון עקסטרעם לינקס און עקסטרעם רעכטס (אַלעקסאַנדער מילעראַן, ר. װיװיאַני א״אַנד); (ג) אַנדערע קלענערע גרופּעס און יחידים.

3. <u>ניט קײן זיכערע עלעמענטן</u> װאָס האָבן זיך גרופּירט בעיקר אין דער „רעװאָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ״ („פּאַרטי סאָסיאַליסט רעװאָלוסיאָנער״) װאָס איז אַרױסגעװאַקסן פֿון דעם „צענטראַלן רעװאָלוציאָנערן קאָמיטעט״ („קאָמיטע רעװאָלוסיאָנער סענטראַל״). בראָש פֿון דער פּאַרטײ איז געשטאַנען ע. װאַיאַן.

לױט דער צאָל זײַנען די דרײפֿוסאַרן געװען אין א מינדערהײט אין דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַװעגונג.

XVI. <u>װאַלן, מיניסטעריעלער סאָציאַליזם, סאָציאַליסטישע אײניקײט.</u>

בײַ די װאַלן אין 1889 האָבן די סאָציאַליסטן געליטן א דורכפֿאַל צוליב דעם, װאָס דער סאָציאַליזם איז געװען צעטײלט אין פֿאַרשײדענע פֿראַקציעס: אָנהענגער פֿון גענעראַל בולאַנזשעי, קעגנער און נײטראַלע. ערשט בײַ די װאַלן פֿון 1893, װאָס זײַנען געקומען נאָכן פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל װאָס האָט זײ געמאַכט פּאָפּולער, האָבן די סאָציאַליסטן זיך װידער געשטעלט אױף די פֿיס. אין סענער דעפּאַרטאַמענט האָט דער גענעראַל בולאַנזשעי אין יאַנואַר 1889 געהאַט באַקומען 245,000 שטימען. אין אױגוסט 1893 האָבן די סאָציאַליסטן באַקומען אין סענער דעפּאַרטאַמענט 228,000 שטימען װאָס זײַנען געקומען אין א גרױסער מאָס פֿון די פֿריערדיקע בולאַנזשיסטישע שטימען. פֿון די ציפֿערן איז צו זען, אַז די סאָציאַליסטן האָבן געמוזט זײַן פֿאַרזיכטיק און זיך רעכענען מיט די שטימונגען פֿון זײערע װײלער. בעת דער דרײפֿוס־אַפֿערע האָבן זײ טאַקע באַשלאָסן צו זײַן פֿאָרזיכטיק.

דער סאָציאַליסטישער פֿירער גוסטאַװ רואַנעי דערצײלט, אַז באַלד בײַם אָנהײב פֿון דער אַפֿערע, װען די צײטונג לע <u>פֿיגאַראָ</u> האָט אָנגעהױבן צו פֿירן א קאַמפּאַניע צו באַװײַזן דרײפֿוסעס אומשולד, האָבן די פּאַריזער מאַסן געצװײפֿלט אין דער

ספאָנטאַנישקייט פון דרייפוסעס פאַרטיידיקערס, זיי האָבן געגלויבט, אז דאָס װערט געטאָן אין א געװיסן אינטערעס. די סאָציאַליסטן האָבן נישט געטראַכט אויפצוקלערן די מאסן אָדער, אויב נייטיק, גיין מיטן יושר אפילו קעגן שטראָם פון די מאסן.

אין די אינטערעסן פון פאָליטיק האָבן זיי געזוכט נאָכצוגיין דעם אינסטינקט פון די מאסן װייל די מאסן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט שטימען. ביי די מוניציפאַלע װאלן אין 1896 זיינען די געדיסטן געװען אויף אזוי װייט פאַרזיכטיק, אז אין א װאל־אויפרוף געחתמעט פון זשול געד, פ. לאַפאַרג, א. זעװאַעס און אנדערע איז לגמרי נישט דערמאָנט געװאָרן װעגן דער אפערע.(129)

אָנהייב 1898 האָבן אלע פאָליטישע פארטייען זיך געגרייט צו די פאַרלאַמענטאַרישע װאלן, און די סאָציאַליסטן האָבן מורא געהאט צו פאַרטיידיקן אזא „נישט פאָפּולערע זאַך" װי דרייפוסן און דערמיט פאַרלירן װיילער - שרייבט דער באַקאַנטער היסטאָריקער זשאָרזש װייל. טייל סאָציאַליסטן האָבן נישט געװאָלט ריזיקירן מיט זייער איינפלוס און זיי האָבן אָפּגעצויגן מיטן אָננעמען א שטעלונג. זש. רייינאַק כאַראַקטעריזירט אזוי איינעם פון זיי, ר. װיװיאַני: „ער איז ארומגעשװומען צװישן זשאָרעס און מילעראַן, ער האָט זיך באַמיט, א יונגער און אמביציעזער, צו שאַנעװען זיין פּאָפּולאַריטעט, ניט אָנצונעמען קיין שטעלונג". אזוינע פאַלן װי א דערקלערונג פון דער סעקציע פון 4טן פאַריזער אראָנדיסמאַן פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע „אַלעמאַניסטן" (סעפּטעמבער 1896), אז דער פאַרטיי־קאַנדידאַט האָט פאַרלוירן שטימען צוליב זיין דרייפוסיזם, אָבער עס איז בעסער אזוי, און זאָל מען בלייבן באַפּרינציפּן און אויפריכטיק, זיינען יעמאָלט נאָך געװען א גאָר זעלטענע דערשיינונג אין דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג. דער געדיסט א. זעװאַעס האָט שפּעטער געטענהט אז ביי װאלן האָט דרייפוסיזם נישט געשפּילט קיין ראָל, די װיילער האָבן נישט געשטימט פאַר אָדער קעגן דרייפוסן, נאָר פאַרן סאָציאַלן פּראָגראַם פון די קאַנדידאַטן. ער אליין דערציילט אָבער, אז חיכף נאָך זאַלאַס „איך באַשולדיק" איז די סאָציאַליסטישע פאַרלאַמענטאַרישע פראַקציע געװען צעטיילט: מילעראַן, װיװיאַני, זשורד און לאַװי האָבן מורא געהאט, אז דאָס פאַרטיידיקן זאָלאַן װעט קאָמפּראָמיטירן די סאָציאַליסטן ביי די װאלן. זשאָרעס, עדואַרד װאיאַן און דזשעראַל־רישאַר זיינען געװען פאַרן פאַרטיידיקן זאָלאַן. מילעראַן, לאַװי, זשורד, רענעי װיװיאַני האָבן געטענהט „עס איז א דעליקאַטער ענין, א געפערלעכער, און צוליב די װאלן דאַרפן מיר דאָ נישט אינטערװענירן". װען א.זעװאַעס האָט אויף א סאָציאַליסטישן מיטינג אין סעפּ־(8טן דעצעמבער 1897) שוין געהאט מוט אויסצודריקן זיין צװייפל אין דרייפוסעס שולד, איז ער דערפאַר קריטיקירט געװאָרן; מ'האָט אים פאָרגעװאָרפן, אז ער „ריזיקירט צו צעטיילן די רעפּובליקאַנער". א. בריאַנס א ביאָגראַף דערציילט, אז די דר־

וסארישע קאנדידאטן, ווי למשל אריסטיד בריאן גופא, האט מען באשולדיקט, אז זיי
זיינען יידישע אגענטן. די סאָציאַליסטישע צייטשריפט לע מוווּמען סאָסיאַליסט האָט
ודה געווען: „עס איז זיכער, אז די דרייפוס־אפערע איז געווען א שלעכטער באָדן
ארן קאמף פון פראָלעטאריאט". נאָר אין א פּאָר געגנטן, דערונטער דאָרט וו זשאָ־
עס האָט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור, איז יאָ געשטעלט געוואָרן די פראגע פון
רעוויזיע פון דרייפוס־פּראָצעס. זשאָרעס האָט טאקע געמאכט די סאָציאַליסטן נישט
אָפּולער, שטעלט פעסט לעאָן בלום. זשאָרעס גופא איז דורכגעפאלן ביי די וואלן,
וים ערנצטע סאָציאַליסטישע פירערס און סאָציאַליסטישע היסטאָריקער האָט זשאָרעס
אצאָלט מיט זיין פארלאמענטארישער קארטע פארן אָנהייבן סימפּאטיזירן מיט דרייפוסן,
זוי אויך דער סאָציאַליסט זשעראָלד־רישאר. „די מערהייט סאָציאַליסטישע ווילערס
אָבן דעמאָלט געגלויבט אין דרייפוסעס שולד" – האָט געשריבן א סאָציאַליסטישע ענ־
יקלאָפּעדיע (1900). די סאָציאַליסטן האָבן צו די וואלן אָנהייב 1898 זיך טאקע
ישט געהאט קאָמפּראָמיטירט מיט צו פיל דרייפוסיזם. זיי האָבן אָבער יאָ געגאָסן
יער חלק רעזולטאטן פון קאמף וואָס אנדערע האָבן שוין געהאט אויפגעהויבן קעגן
ער רעאקציע, זיי האָבן אויך נישט אָפּגעשטויסן פון זיך די ארבעטער־מאסן וואָס
יינען געווען געשטימט קעגן דרייפוסן און פון די וואלן אין 1898 זיינען די סאָציַ־
ליסטן ארויס מיט א גרויסן נצחון. עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן 25 סאָציאַ־
יסטן ביים ערשטן טור און 57 סאָציאַליסטישע דעפּוטאטן ביים צווייטן טור קעגן 31
ין 1893 און 17 אין 1889.[130]

נאָך אין יולי 1898 האָט דער סאָציאַליסטישער פירער אלעקסאנדער מילע־
אן געטענהט, אז פאר די סאָציאַליסטן איז די אפערע פארענדיקט. מילעראן וועמען
ער היסטאָריקער זשאָרזש ווייל כאראקטעריזירט ווי דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאט וואָס
יז פארבליבן צום מיינסטן אָפּגעפרעמדט פון דער אפערע, האָט פאָרגעשלאָגן צו קאָנ־
ענטרירן אלע סאָציאַליסטישע כוחות אין קאמף פאר צוויי רעפאָרמעס אָנשטאָט פאר דער
פערע: מיליטער־דינסט פון צוויי יאָר און ארבעטער־פארזיכערונג אויף דער עלטער.
ילעראן האָט בלויז מיט איין יאָר שפּעטער, אין 1899, יאָ פארגעסן אין א סך מער
אָציאַליסטישע פרינציפּן ווען ער איז געוואָרן דער ערשטער סאָציאַליסטישער מיניס־
ער אין א בורזשואזער רעגירונג אין פראנקרייך, און דערמיט באדראָט די איניקייט
ון סאָציאַליזם א סך מער ווי זשאָרעס מיט זיין דרייפוסיזם. מילעראנס אריינטריט
ין דער רעגירונג פון וואלדעק־רוסאָ אין 1899 האָט נאָך מער פארשטארקט דעם באַ־
וס פון די אָרטאָדאָקסיש־מארקסיסטישע סאָציאַליסטן נישט אָנטייל צו נעמען אין
מף פאר דרייפוסן און האָט נאָך מער אָפּגעשוואכט די שאנסן פון איניקייט אין דער
וועגונג. די אלע סאָציאַליסטן וואָס זיינען געווען קעגן אָנטייל נעמען אין א בור־

זשואזער רעגירונג - בעיקר אלע אנטי־דרייפוסארן אין דער ארבעטער־באוועגונג מיט זשול געד בראש - האָבן פאַרגעוואָרפן זשאָרעסן, אז דער אָנטייל פון א סאָציאַליסט אין א בורזשואזער רעגירונג איז ארויסגעוואַקסן דירעקט פון זשאָרעסעס אָנטייל אין דער אפערע. דער מיניסטעריעלער סאָציאַליזם איז, לויט די סאָציאַליסטישע אנטי־דרייפוסארן, געווען בלויז א נאַטירלעכער המשך פון פארגעסן אין די מאַרקסיסטישע פרינציפן. די געדיסטישע צייטונג לע סאָסיאַליסט האָט נאָך אין 1903 געשריבן: „איניקע [סאָציאַליסטן], שטופנדיק דאָס מקריב זיין [פרינציפן] ביז משוגעת, האָבן מסכים געווען צו זיין מיניסטאָרן". צוזאַמען מיט מילעראַנען איז אין דער רעגירונג אריין אויך דער גענעראל גאַליפעי וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אונטערדריקן די פּאַריזער קאָמונע. דאָס האָט כלל נישט פאַרלייכטערט די לאַגע. אפילו די אנטיסעמיטן האָבן אויסגענוצט די לאַגע און אָנגעהויבן פּראָפּאַגאַנדירן קעגן דעם „מערדער" גאַליפעי. זשאָרעס האָט פאַרטיידיקט מילעראַנס אַקט ווי א טייל פון קאַמף פאַרן פאַרטיידיקן די רעפּובליק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט בלויז האָט דער פּראָלעטאַריאַט זיך דערמיט דערנעענטערט צו דער בורזשואזער רעפּובליק, נאָר אויך, אַז אין די בורזשואזע רייען איז א דאַנק דער דרייפוס־אפערע פאַרגעקומען א ענדערונג אין דער באַציִונג צום סאָציאַליזם, וואָס האָט דערמיגלעכט, אַז דער סאָציאַליסט מילעראַן זאָל ווערן א מיניסטער.[131]

די אינעווייניקסטע קאַמפן צווישן די פאַרשיידענע פראַקציעס אין סאָציאַליזם האָבן אויך געהאַט א ווירקונג אויף דער שטעלונג פון סאָציאַליסטן צו דער אפערע און איניקייט. ש. אַנדלער, דער פריינד און ביאָגראַף פון באַקאַנטן דרייפוסאַר לוסיען הער דערציילט, אַז לכתחילה האָבן די געדיסטן זיך געלאָזט איבערצייגן דורך לוסיען הער, שפּעטער זיינען זיי אָבער אויס שנאה צו זשאָן זשאָרעס געוואָרן אנטי־דרייפוסאַרן. פּריוואַטע קאַמפן צווישן די סאָציאַליסטישע פירערס האָבן תמיד עקסיסטירט. עס איז דאָך באַקאַנט, אַז קלאַוויס הוגעס האָט אויף סאָציאַליסטישע קאָנגרעס אָפּגעלאַכט אפילו פון זשול געדס פיזישן אויסזען.[132]

אין 1892 זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּרוּוון צו פאַראייניקן אלע פראַקציעס פון פראַנצייזישן סאָציאַליזם; חיכף נאָך די וואַלן אין 1898 האָט מען ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איניקייט אין די סאָציאַליסטישע רייען, אָבער די דרייפוס־אפערע האָט אין דעם געשטערט. די פראַגע וועגן אָנגאַזשירן זיך אין דער אפערע האָט נאָך מער צעטיילט די פאַרשיידענע פראַקציעס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די קאַמפן צווישן די דרייפוסאַרן און אנטי־דרייפוסאַרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן אָפט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון א קאַמף צווישן אָפּאָרטוניסטן און אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן און די דיסקוסיעס צווישן ביידע צדדים האָב

פט אויסגעזען ווי א ברודער־קאמף אין דער ארבעטער־באוועגונג. אין 1898 איז
אָך לאנגע פארהאנדלונגען געשאפן געוואָרן א „פארשטענדיקונגס־קאָמיטעט" פון אלע
אָציאליסטישע פראקציעס און אין דעצעמבער 1899 איז פאָרגעקומען א קאָנגרעס
עגן אײנהייט. א צווײטער קאָנגרעס וועגן אײנהייט איז פאָרגעקומען אין 1900 .
בער מילעראנס ארײנטריט אין דער רעגירונג האָט דערפירט צו א דורכפאל פון דעם
אָנגרעס; אזוי זײנען דורכגעפאלן אויך שפעטערדיקע פרוון פון אײנהײט. ערשט
ין 1905 איז רעאליזירט געוואָרן די אײנהײט פון אלע פראקציעס וואָס האָבן זיך
אראײנגיקט אין א פראנצײזישער סעקציע פון ארבעטער־אינטערנאציאָנאל (ס.פ.י.אָ.).
בער נאָך אלעמען איז דאָך די אפערע געווען דער דירעקטער שטויס וואָס האָט סוף כל
וף געשטויסן צו דער אײנהײט אין פראנצײזישן סאָציאליזם. דער פארשטענדיקונגס־
אָמיטעט וואָס איז געשאפן געוואָרן אין 1898 און דער קאָנגרעס פון דעצעמבער 1899
ײנען דאָך צו שטאנד געקומען בלויז א דאנק דער דרײפוס־אפערע. די בײדע געשע־
נישן זײנען געווען די תשובה פון אלע פראקציעס אין סאָציאליזם קעגן די דירעק־
ע פרוון פון דער רעאקציע איבערצונעמען בגוואלט די מאכט און זײ האָבן צוגע־
רײט דעם באָדן פאר דער אײניקײט פון 1905. „די אפערע וואָס האָט געזאָלט אומ־
רענגען די רעפובליק און צעשפליטערן די סאָציאליסטישע באטאליאָנען - האָט גע־
ריבן דער דרײפוסארישער סאָציאליסטישער פירער זשאן אלעמאן - איז געוואָרן א
יבה פון דערנענטערונג". דאָס איז געווען אײנער פון יענע רעזולטאַטן און
ורפריזן וואָס נישט די רעאקציאָנערן און נישט די סאָציאליסטישע אָנהענגער פון
לײבן נײטראל אין דעם קאמף האָבן פאָרויסגעזען. מען דארף אָבער האָבן מוט מודה
ו זײן, אז <u>בשעת מעשה</u> האָט צום גליק פון דרײפוסיזם - און במילא צום גליק פון
ער פראנצײזישער רעפובליק - נאָך נישט עקסיסטירט קײן אײנהײט און קײן דיסציפ־
ן אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג אין פראנקרײך. עס האָט נישט עקסיסטירט
ײן צענטראלע קערפערשאפט אין פראנצײזישן סאָציאליזם וואָס זאָל זײן בכוח אָנצו־
זמען א באשלוס, וואָס זאָל פארפליכטן אלע פראקציעס און יחידים. יעדע פראק־
ע אין סאָציאליזם, אפילו יעדער יחיד, האָט געקענט אין א געוויסער מאָס האנד־
ן לויט זײן אײגענעם אײנזען. דער ראדיקאל דע מאָנזי האָט ריכטיק באמערקט,
דאָס פעלן פון דיסציפלין און די פרײהײט פון אקציע אין פראנצײזישן סאָציא־
זם האָבן דערמיגלעכט די דרײפוס־אפערע. אויב די אײנהײט פון דער סאָציאליס־
שער באוועגונג זאָל האָבן רעאליזירט געוואָרן אין אָנהײב פון דער אפערע, וואָלט
שט מיגלעך געווען אוועקצוגײן פון די אינטערעסן פון קלאסן־קאמף צוליב א קאמף
ר יושר. גוסטאוו רואנעי האָט געשריבן, אז א סך סאָציאליסטישע סעקציעס האָבן
ד יאָ אנגאזשירט אין קאמף פאר דרײפוסן בפירוש קעגן ווילן פון זשול געד און

וואיאן.[133] אויב עס וואלט עקסיסטירט איינהייט אין 1897 - 1898 וואלטן זשארעס און זיינע פריינד געמוזט פארלאזן די סאציאליסטישע פארטיי, אדער פארלאזן די דרייפוסארישע רייען. די צעשפליטערטקייט אין דער סאציאליסטישער באוועגונג איז בכן געווען א גליק פאר דער ארבעטער-באוועגונג גופא און פארן קיום פון דער פראנצייזישער דעמאקראטיע.

XVII. די באציונג פון די געדיסטן צו דער אפערע.

עס איז אונדז שוין אויסגעקומען צו דערמאנען, אז די געדיסטן פון דער „פראנצייזישער ארבעטער-פארטיי" זיינען געווען די שטארקסטע קעגנער פון אנגאזשירן דעם סאציאליזם אין דער דרייפוס-אפערע.

פאר די געדיסטן איז די אפערע געווען א קאמף צווישן צוויי טיילן פון קאפיטאל, דעם יידישן און קריסטלעכן. זשול געד און זיינע פריינד פון דער „פראנצייזישער ארבעטער-פארטיי" האבן פונקט ווי די דרייפוסארן פון אנדערע ארבעטער-קרייזן, נישט פארשטאנען, אז די אפערע איז טאקע א יידישע טראגעדיע אבער כלל נישט בלויז א יידישע טראגעדיע. זיי האבן נישט פארשטאנען, אז דרייפוס איז פאר דער רעאקציע בלויז אן אויסרייד אויף איבערצונעמען די גאנצע מאכט אין לאנד און אפצושאפן די רעפובליקאנישע פרייהייטן, ראשית כל די ארבעטער-באוועגונג. וועגן אט דער געפאר פאר די רעפובליקאנישע פרייהייטן און פאר דער ארבעטער-באוועגונג קען מען אפילו אין דער געדיסטישער פרעסע געפינען אן א שיעור ביישפילן. לאמיר נעמען איין ביישפיל, די שטאט נאנט וו דער אנטיסעמיטיזם איז געווען באזונדערס שטארק, און וו אפילו די סאציאליסטן פון דער געדיסטישער פראקציע האבן זיך אקטיוו באטייליקט אין קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. זשול געדס לע סאסיאליסט האט געשריבן (1טן יאנואר 1899), אז די ארעמע מאסן פון נאנט „האבן געזאלט ווערן סאציאליסטן, אבער דער קלער וואס האט דארט א גרויסן איינפלוס אויף די מאסן האט זיי געוואונען פארן אנטיסעמיטיזם". אויך די געדיסטן האבן אנטייל גענומען אין דעם פארשטענדיקונגס-קאמיטעט פון אלע סאציאליסטישע פראקציעס וואס איז געשאפן געווארן אין 1898 בכדי אפצושלאגן די געפאר פון א רעאקציאנערן פוטש. דערמיט האבן זיי דאך מודה געווען, אז דער אנטי-דרייפוסיזם איז א געפאר נישט נאר פאר יידן, נאר אויך פארן ארבעטער-קלאס. זיי זיינען אבער געבליבן ביי דער טאקטיק פון נישט אנגאזשירן די פארטיי אין דער אפערע גופא.

מיר האבן שוין דערמאנט, אז אין דעם מאניפעסט צו די מוניציפאלע וואלן אין 1896 האבן די געדיסטן לגמרי נישט גערעדט וועגן דער אפערע. אין א מאניפעסט פון אפריל 1898 צו די פארלאמענט-וואלן רעדאקטירט פון זש. געד און א.זע-

וואָס האָבן זיי געגעבן בלויז אַן אילוזיע וועגן דער אפערע. דריי חדשים שפּעטער (24סטן יולי 1898) האָט די פּאַרטיי אין אַ מאַניפעסט געחתמעט פון זשול געד און פּאָל לאַפאַרג געשריבן: „די פּראָלעטאַריער האָבן גאָרנישט וואָס צו טאָן אין דעם דאָזיקן קאַמף וואָס איז נישט זייערער". דער 16טער קאָנגרעס פון געדס פראַנצייזישער אַרבעטער־פּאַרטיי (סעפּטעמבער 1898) האָט אין אַ רעזאָלוציע וועגן דער אפערע בלויז דערקלערט, אַז די פּאַרטיי דאַרף בשיתוף מיט די לעצטע מיליטעריש, יורידישע און רעגירונגס־סקאַנדאַלן אַנפירן די געהעריקע פּראָפּאַגאַנדע בכדי צו דערגענצן די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע דערציִונג פון פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז געווען נאָך אין קלאָרער דירעקטיוו, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיך אין דער אפערע גופא נישט מישן. זשול געד האָט ווידער גערעדט אויף דעם קאָנגרעס וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַ טאָן פון פריינדלעכער קריטיק: „אין דער אמתן זיינען די אַנטיסעמיטן, די וואָס זיינען אויפריכטיק, מענטשן פון אַ פּשוטן שכל און זיי זען נישט קלאָר די אמתע סיבות פון די געשעענישן. זיי נעמען אָן אין געשעעניש פאַר די סיבות פון אַן אַנדערער, בלויז דערפאַר וואָס זיי ביידע געשען אינצייטיק". אין דער דיסקוסיע מיט זשאַן זשאָרעס אין ליל (1900) האָט זש. געד דערקלערט: „מיר קענען נישט געבן דאָס רעכט דער בורזשואזיע, ווען איינער פון אירע רייען ליידט פון נישט יושר, זיך צו ווענדן צום פּראָלעטאַריאַט און אים הייסן פאַרלירן זיין אויסזען, אויפצוהערן פירן זיין אייגענעם קאַמף בכדי זיך נאָכצושלעפּן נאָך די צום מינסטן קאָמפּראָמעטירנדיקע און קאָמפּראָמעטירטע פירערס". די גאַנצע אפערע - האָט דערקלערט געד - איז נישט מער ווי אַ קאַמף פאַר דרייפוסן פערזענלעך. אויב מען וועט אים באַפרייען, וועט מען אָבער דערמיט נישט האָבן אָפּגעשאַפט די קריגס־געריכטן. געד האָט יעמאָלט דערקלערט, אַז ער איז אַ דרייפוסאַר בלויז „אין די גרענעצן פון קאַמף קעגן מיליטאַריזם".(134

אַזאַ איז אויך געווען די שטעלונג פון פּאָל לאַפאַרג וואָס איז געווען זשול געדס נאָענטסטער מיטאַרבעטער. לאַפאַרג האָט פאָרגעוואָרפן זשאָרעסן, אַז ער האָט פאַרוואַנדלט דעם קאַמף אין אַ „צו פיל פערזענלעכע קאַמפּאַניע פאַר דרייפוסן". ער האָט געשריבן, אַז זאָלאַ און זיינע פריינד וואָס פאַרטיידיקן בלויז איינעם פון זייער קלאַס, אַ זון פון דער בורזשואזיע, וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן בלוט וואָס וועט נאָך פאַרגאָסן ווערן דורך די קריגס־געריכטן, אויב זיי וועלן זיך נישט אָנשליסן אין דעם אמת סאָציאַליסטישן קאַמף קעגן די קריגס־געריכטן בכלל. נאָכן אַמנעסטירן דרייפוסן האָט לאַפאַרג פאָרגעוואָרפן די דרייפוסאַרישע סאָציאַליסטן, אַז זיי „האָבן געלאָזן די פּשוטע סאָלדאַטן, קרבנות פון קריגס־געריכטן, פוילן אין די קאַזעמאַטן פון די דיסציפּלינאַרע קאָמפּאַניעס און פאַלן פון די קוילן ביי עקזעקוציעס". אָבער

היות דרייפוס איז פריי, איז שוין אלץ גוט. מער דארפן זיי גארנישט פאָדערן מחמת זיי האָבן קיינמאָל נישט געפירט קיין אקציע פארן אָפּשאפן די קריגס־געריכטן. ראַ־שעפאָרס אנטיסעמיטישע צייטונג <u>ל'ענטראנסעזשאן</u> האָט איבערגעדרוקט לאפארגס אטאקע אויף די דרייפוסארן אין געדיסטישן <u>לע סאָסיאַליסט</u>. נאָך אין 1898 האָט לאפארג געשריבן, אז אנטיסעמיטיזם איז נישט מער ווי א קאמף צווישן יידישע און קריסטלע־כע קאפיטאליסטן. אמת, אז פ. לאפארג האָט אין דער דיסקוסיע ארום דער רעזאָלו־ציע וועגן אנטיסעמיטיזם אויפן 16טן קאָנגרעס פון דער „פראנצייזישער ארבעטער־פארטיי״ (סעפּטעמבער 1898) גערעדט ווארעם און מיט געפיל וועגן דער ראָל פון יידן אין דער געשיכטע פון די אייראָפּעיִשע פעלקער. ער האָט דערמאָנט, אז שפינאָזא, לאסאל און מארקס זיינען געווען יידן. אָבער פונקט אזוי האָט לאפארג געקענט זיין ברוטאל און ציניש ביים באשטימען די פאָליטיק פון זיין פארטיי אין דער דרייפוס־אפערע. „די בורזשואזע דרייפוסארן וואָס האָבן אונדז אזוי פיל פארדרייט א קאָפּ״, האָט ער געשריבן, און : „גאָרנישט איז געווען אזוי פארוויילנדיק ווי צו הערן די דרייפוסארן און די אנטי־דרייפוסארן זיך פאָרצוווארפן איינער דעם אנדערן דעם עפּיטעט פון פארקויפטע נשמות״. פאר פ. לאפארג האָט דער ציל געהייליקט אלע מיטלען. נאָך דער ערשטער אפעלאציע אין רען וואָס האָט באשטעטיקט דעם ערשטן אורטייל קעגן דרייפוסן האָט פאָל לאפארג געשריבן איראָניש: „די פינף חלינים [ריב טער] פון רען האָבן באמת געדינט די אינטערעסן פון פראָלעטאריאט דורכן פאר־משפּטן דרייפוסן״. איצט, הייסט עס, וועלן די דרייפוסארן זיך איבערצייגן, אז מען מוז קעמפן קעגן די קריגס־געריכטן בכלל און נישט בלויז פאר דרייפוסן. אויך דער אקטיווער געדיסט באָניע האָט געשריבן, אז מען דארף קעמפן נישט פארן רעווי־דירן א פראָצעס, נאָר פארן אָפּשאפן קריגס־געריכטן בכלל; פונקט ווי אין 1789 האָבן די פראנצויזן נישט געקעמפט אָפּצושאפן דעם משפט איבער לאטיד וואָס איז שוין געזעסן 35 יאָר אין דער באסטיליע, נאָר זיי האָבן צעשטערט די באסטיליע גופא - האָט ער געשריבן. דער זעלביקער באָניע האָט אפילו פאָרגעוואָרפן זשאָרעסן, אז ער פארטיידיקט דעם בורזשוי דרייפוס, אָבער נישט די יידישע פראָלעטאריער, וואָס מיט אמאָל זיינען זיי „אנטדעקט״ געוואָרן דורך די אנטי־דרייפוסארישע סאָציאַליסטן. בעתן קישענעווער פּאָגראָם (1903) האָט ער געשריבן: „דער גרויסער רעדנער זשאָרעס האָט זיך צעבראָכן די שטימע ביים פארטיידיקן דרייפוסן, עס בלייבט אים מער גאָרנישט פאר די אנדערע יידן, די וואָס זיינען גענוג אומגליקלעך צו געהערן צום פראָלעטאריאט. צי זאָל מאקע, נאָך אלעמען, זיין א חילוק פון קלאסן אפילו אין רדיפות; און צי דארף מען טראָגן די שליפעס פון אן אָפיציר בכדי מען זאָל רעווידירן א פראָצעס?״ 135

די שטעלונג פון די געדיסטן קעגן אנגאזשירן זיך אין קאמף איז גאָר

קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אין א גרעסער ארטיקל וואָס איז געוואָרן דער אני מאמין
פון די סאָציאליסטישע אנטי־דרייפוסארן. דאָס ארטיקל האָט אָנגעשריבן אין 1898
גאבריעל דעוויל, איינער פון זשול געדס ערשטע און נאָענטסטע מיטארבעטערס. מיט
צוויי יאָר פריער (1896) האָט ג. דעוויל אין א באמערקונג אין זיינע סאָציאליסטישע
פרינציפן געשריבן, אז אנטיסעמיטיזם קומט פון דער דייטשער רעאקציע, אז אנטי־
סעמיטיזם באקעמפט נישט דעם קאפיטאליזם, נאָר פארטיידיקט בלויז איין טייל קאפי־
טאליסטן קעגן אנדערע קאפיטאליסטן, אָן נוצן פארן פראָלעטאריאט. אָבער זיין
ארויסטריט פון 1898 איז געווען איינער פון די סאמע שארפסטע ארויסטריטן קעגן
אנגאזשירן דעם ארבעטער־קלאס אין קאמף, געשריבן מיט א בפירושער אנטי־יידישער
טענדענץ („אלץ וואָס איז יידיש איז פאר דרייפוסן", אאז"וו). לכתחילה האָט ג. דע־
וויל ערנצט געגלויבט אין דרייפוסעס שולד. ערשט נאָכן סקאנדאל מיטן קאָלאָנעל
האנרי האָט ער געביטן זיין מיינונג און אָנגעהויבן גלויבן אין דרייפוסעס אומשולד.
זיין ארטיקל האָט ג. דעוויל געהאט אָנגעשריבן פארן ארעסט און זעלבסטמאָרד פון
קאָלאָנעל האנרי. אָבער היות ער איז ווייטער געבליבן ביי דער מיינונג, אז די סאָ־
ציאליסטישע פארטיי דארף זיך אויך ווייטער אין דעם גאנצן ענין נישט מישן, האָט
ער דאָך פארעפנטלעכט זיין ארטיקל מיט א קורצער צושריפט פון 29סטן אָקטאָבער
1898, אז ער פערזענלעך האָט בלויז געביטן זיין מיינונג וועגן דרייפוסעס שולד און
ווייטער בלייבט אלץ ווי געווען: „איך בלייב ווייטער ביי דער מיינונג, אז די סאָציאליס־
טישע פארטיי האָט נישט געדארפט און דארף נישט נעמען קיין שטעלונג פאר דרייפוסן".
צו די סאָציאליסטן וואָס האָבן זיך דאָך פאראינטערעסירט מיט דער אפערע און גע־
פאָדערט א רעוויזיע פון פראָצעס האָט ג. דעוויל געטענהט, אז זיי דארפן זיך שטעלן
בלויז אויפן לעגאליסטיש־יורידישן שטאנדפונקט און פאָדערן א רעוויזיע בלויז
צוליב נישט פינקטלעכקייטן אין דער געריכטס־פראָצעדור. ווייטער פון דעם האָט מען,
לויט ג. דעוויל, נישט געטאָרט גיין. „פון ביידע צדדים איז די דרייפוס־אפערע גע־
וואָרן א רעליגיעזע אפערע – האָט ג. דעוויל געשריבן – אלץ וואָס איז קלעריקאל איז
געווען קעגן דרייפוסן, אָבער אלץ וואָס איז יידיש איז געווען פאר דרייפוסן... איינ־
ע פריינד פון דרייפוסן האָבן פון שטאנדפונקט פון דרייפוסעס טובה גופא געמאכט
ז פעלער דערמיט וואָס זיי האָבן לכתחילה געהאָלפן פארוואנדלען די יורידישע אפערע
זין א פאָליטישער אפערע... יעטווידער סאָציאליסט דארף זיך אויסהיטן פון דעם
וואָס וועט בלויז פארשטארקן איין פראקציע פון קאפיטאליסטישן קלאס אין קאמף קעגן
ן אנדער פראקציע. איך בין קיינמאָל נישט געוואָרן קיין אנטיסעמיט, דאָך זאָג איך
יך אָפּ מיטצומאכן די שפיל פון די יידישע און פראָטעסטאנטישע קאפיטאליסטן; איך
ין נישט פון די יעניקע וואָס ווילן באקעמפן בלויז זיי, איך וויל זיי אָבער אויך

נישט רעהאביליטירן". די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי - האָט ווייטער געשריבן דעוויל - דאַרף קעמפן בלויז פאַר דעם "קליענט פון איר קלאַס". קעמפן פאַר דרייפוסן הייסט פאַרלירן דעם איינפלוס אויף די מאַסן: "מען קען נישט לייקענען, אַז אין איר גרעסטער מערהייט איז די מאַסע, גערעכט אָדער נישט גערעכט, געווען קעגן די אָנ-הענגער פון דרייפוסעס אומשולד. דעריבער האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ביים נעמען אַ שטעלונג ווי אַ פּאַרטיי, ארויסזאָגנדיק זיך פאַר [דרייפוסעס] אומשולד, דורכן פאַראייניקן די קאַמפּאַניע פאַר דרייפוסן פעריזענלעך מיט דער אַלגעמיינער קאַמפּאַניע קעגן דער קלעריקאַלער און מיליטאַריסטישער רעאַקציע - דורך דעם האָט די סאָציאַ-ליסטישע פּאַרטיי זיך איזאָלירט, קאָמפּראָמעטירט איר אַלגעמיינע קאַמפּאַניע, האָט פאַר-וואָרפן אויף דער זייט פון אירע קעגנער אַ מאַסע מענטשן". ג. דעוויל האָט געהאַלטן, אַז נישט נאָר דאַרף זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נישט אַנגאַזשירן אין דער אַפערע ווי אַ פּאַרטיי, נאָר "איך פּרעטענדיר אַפילו, אַז אַזאַ וואָלט געדאַרפט זיין אינדיווידו-על, אויך די מיינונג פון די פּאַרטיי-מיטגלידער וואָס זיינען איבערציגט אין דרייפו-סעס אומשולד".[136]

פאַר די אַנטי-דרייפוסאַרישע אַרבעטער-טוער איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַל מיט שאַרל ראַפּאָפּאָרט, אַן איינגעוואַנדערטער ייד פון רוסלאַנד וואָס איז געוואָרן אַ באַ-קאַנטער אַרבעטער-טוער אין פראַנקרייך. בעת דער אַפערע איז ער געווען פון געדס פליגל. אין זיינע זכרונות דערציילט ראַפּאָפּאָרט: "איך האָב נישט גלייך תופס געווען דעם פּאָליטישן באַטייט פון דעם ענין". ווען מען האָט אים איינגעלאַדן צו חתמענען אַ סימפּאַטיע-דערקלערונג פאַר זאָלאַן, האָט ראַפּאָפּאָרט זיך איידל אָפּגעזאָגט. שפּעטער איז ראַפּאָפּאָרט געוואָרן אַ דרייפוסאַר, "כאָטש דאָס, וואָס דער דרייפוס-פּראָצעס האָט איינ-געשלונגען די גאַנצע פּאַרטיי-טעטיקייט איז מיר שטאַרק געווען נישט צום האַרצן".[137]

אין דער צייטונג ל'אַוועניר סאָסיאַל האָט דער רעדאַקטאָר פּערפּעטיני נישט נאָר געגלויבט אין דרייפוסעס שולד, נאָר ער האָט באַשולדיקט די יידן אין אַלע אומ-גליקן פון פראַנקרייך. און אַנדערער האָט בשייכות מיט איינהייט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג געשריבן וועגן דער "ידישער קאָרופּציע".[138]

בדרך הכלל האָבן די ווילכטיקסטע טוערס פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם מחוץ פראַנקרייך (אַ חוץ די עסטרייכישע) זיך ארויסגעזאָגט דערפאַר, אַז די סאָציאַ-ליסטישע פּאַרטיי האָט יאָ געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דער אַפערע. אָבער אַן ארויס-טריט פון דעם דייטשן סאָציאַליסטישן פירער ווילהעלם ליבקנעכט האָט געבראַכט אַ סך שאָדן דעם דרייפוסיזם. ליבקנעכט האָט אָפּגעדרוקט אין די פאַקעל דריי אַרטיקלען אין וועלכע ער האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן סאָציאַליסטישן אָנטייל אין דער אַפערע. זיין געדאַנקען-גאַנג איז געווען אַזאַ ווי פון אַלע אַנטי-דרייפוסאַרישע סאָציאַליסטן.

די מאָנאַרכיסטיש־אַנטיסעמיטישע אַקסיאָן פראַנסעז האָט איבערגעדרוקט די אַרטיקלען אין אַ ספּעציעלער הוספה, אויך אַנדערע אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבן אַ סך גע־שריבן וועגן ליבקנעכטס אַרטיקלען. די אַרבעטער־פּרעסע האָט אויך געמוזט נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע, טייל קעגן ליבקנעכטן, אָבער טייל פאַר אים, למשל דער אַנאַרכיסט אַ. האַמאָן און די גאַנצע געדיסטישע פּרעסע. אויפן סאָציאַליסטישן קאָנ־גרעס אין דעצעמבער 1899 האָט דער דעלעגאַט זשואַנדרי, אַ דרייפוסאַר, מיט אויפרע־גונג אויסגעשריען „נידער מיט ליבקנעכטן!"; דערפאַר איז ער מיט אַ גאַר גרויסער מערהייט שטימען באַזייטיקט געוואָרן פון קאָנגרעס.[139] בלויז אין שכנותדיקן לאַנד בעלגיע איז געווען אַן אָרגאַניזירטע אַנטי־דרייפוסאַרישע באַוועגונג אויך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָרט האָט עמיל פּיקאַר און נאָך אַ פּאָר סאָציאַליסטישע טוערס נאָך פאַר דער אַפערע אָנגעפירט אַן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע דורך ביכער, אַרטיקלען און רעפעראַטן. ע.פּיקאַרס אַנטיסעמיטישע רעפעראַטן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סטודענטן־גרופּעס אין בעלגיע. לע פּעפּל, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון בעלגישן סאָציאַליזם, האָט געדרוקט פּיקאַרס אַ סעריע אַרטיקלען אויף דער טעמע „דער וויסנשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם". דאָס הייסט אָבער כלל ניט, אַז די בעלגישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז ווי אַ כלל געווען צע־פרעסן פון אַנטיסעמיטיזם. עמיל וואַנדערוועלדע, למשל, האָט דרייסט געקעמפט קעגן דער אַנטיסעמיטישער מגפה אין זיין פּאַרטיי. ער איז אפילו אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם בעלגישן סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט דעסטרעי, וואָס האָט געפירט אַנטיסעמי־טישע פּראָפּאַגאַנדע. אָבער די אַנטיסעמיטישע פראַקציע אין בעלגישן סאָציאַליזם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מ'האָט זיך געמוזט מיט איר רעכענען. אויף אַ קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין 1898 האָט עמיל וואַנדערוועלדע בשייכות מיט דער דרייפוס־אַפערע פּאַרטיידיקט די שטעלונג, אַז אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קען נישט עקסיסטירן קיין ייִדן־פראַגע. ער האָט אָבער געהאַט אַ סך קעגנער און צום סוף האָט דעלפּאָרט, דער רעדאַקטאָר פון פּאַרטיי־אָרגאַן לע פּעפּל געדראָט צו פאַרלאָזן די רעדאַקציע, אויב ער וועט נישט האָבן קיין פרייע האַנט אין דעם ענין. אים האָט געשטיצט אַזאַ שטאַרקע גרופּע, אַז עס איז געבליבן צו לאָזן דעם פּאַרטיי־אָרגאַן לע פּעפּל דרוקן אַרטיקלען פון ביידע צדדים. ביי אַזאַ לאַגע האָט שוין וועגן אויסשליסן פון דער פּאַרטיי פּי־קאַרן און זיינע חברים קיינער נישט געחלומט אפילו. דאָס האָט געדראָט מיט אַ תּי־כפדיקער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי, איז שוין בעסער געווען לשם שלום־בית אין דער פּאַרטיי זיך געמיינזאַם צו דולדן. ע. פּיקאַר האָט אָפן דערקלערט וועגן דרייפוסן: „מיר דאַרפן ניט, מיר אַריער, זיך אָננעמען פאַר אַ ייִד, מעג ער אפילו זיין גע־רעכט". פּיקאַר האָט דערקלערט, אַז די „קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל אין ייִדישע

הענט" איז א סאָציאַלער פענאָמען, „וואָס דארף לויט דעם סאָציאַליסטישן איינזען פארליכטערן דאָס אומקערן זיך פון גרויסן פארמעגן צו די מאסן". מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז לויט ע. דרימאָן זאָל אויך זשול געד האָבן אזוי געטראכט. אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע זיינען אלע מיטלען פון קאמף געווען כשר פאר ע. פיקאר. די אנטיסעמיטישע ליטעראטור - האָט געשריבן פיקאר - איז א באווייז „פון דער מאכט פון דער רעוואָלוציע, וואָס גרייט זיך".[140]

מיר האָבן ביז איצט בכיוון באנוצט אויך פארן סאָציאַליסטישן לאגער די באצייכענונגען „דרייפוסארן" און „אנטי־דרייפוסארן", אָנשטאָט „דרייפוסארן" און „ניטראלע".

לעאָן בלום האָט געזוכט אָפצולייקענען די מיינונג, אז זשאָרעס און זיינע פריינד זיינען געווען דרייפוסארן און די געדיסטן נישט. לויט אים איז צווישן די דרייפוסארן און ניט־דרייפוסארן אין סאָציאַליזם געווען נישט קיין חילוק פון באציִונג צום אנטיסעמיטיזם, נאָר בלויז א פראגע פון אָפּשאצן די סאָציאַליסטישע טאקטיק פון די סאָציאַליסטן. פאר אים האָבן עס געזאָגט אויך אנדערע סאָציאַליסטן. דער געדיסטישער היסטאָריקער שארל ווערעק (מחבר פון א סאָציאַליסטישער ענציקלאָפּעדיע) שרייבט: „מיר זיינען נישט געווען נישט קיין דרייפוסארן, נישט קיין אנטי־דרייפוסארן; מיר זיינען געווען סאָציאַליסטן און מיר זיינען פארבליבן סאָציאַליסטן".[141] די דאָזיקע שטעלונג איז אָבער א נאַיווע. מען קען די טאקטיק פון די געדיסטן און אנדערע קעגנער צו אנגאזשירן די ארבעטער־באוועגונג אין דער אפערע נישט האלטן פאר קיין ניטראלע, מען דארף אזא טאקטיק באצייכענען ווי א לינקע אנטי־דרייפוסארישע שטעלונג.

עס איז לגמרי איבעריק צו פרוון אָפּווענדן דעם בילבול וועגן דער עקסיסטענץ פון אן אָרגאניזירטן יידישן קאפּיטאל וואָס זאָל האָבן אָנגעפירט א קאמף מיטן קריסטלעכן קאפּיטאל. אזא בילבול האָט געקענט אויפקומען נאָר אין די מוחות פון בפירושע אנטיסעמיטן, צי דאָס איז געווען דער פוריעריסט טוסענעל, דער פרודאָניסט דישען, דער קאטוילישער דע מוסאָ, דער באקוניסט טרידאָן, דער סאָציאַליסט א. שיראק, דער רעאקציאָנער דרימאָן אָדער אנדערע. פונקט אזוי איז געווען א בפירושער בילבול די פּראָפּאגאנדע, אז א „יידישער סינדיקאט" האָט אָנגעפירט מיט דעם קאמף פון די דרייפוסארן. עס איז אויך לגמרי איבעריק צו באווייזן, אז בעת דער אפערע - פונקט אזוי ווי פאר דער אפערע און נאָך דער אפערע - איז נישט געווען קיין קאמף פון יידישן קעגן קריסטלעכן קאפּיטאל; דער געדאנק וועגן אזא קאמף איז געווען א בילבול פון די אנטיסעמיטישע קרייזן וואָס האָבן אונטער דעם לאָזונג פון באקעמפן אזא געפאר געזוכט אָפּצושאפן די דריטע רעפּובליק. בכן איז די עצם-

שטעלונג פון די געדיסטן און אנדערע, אז די אפערע איז בלויז א קאמף צווישן ידישן און נישט־ידישן קאפיטאל געווען א בפירושער אנטיסעמיטישער ארויסטריט און נישט בלויז א ניטראלע שטעלונג, וואס זאל האבן דיקטירט געווארן אין די אינטערעסן פון ריין סאציאליסטישע פרינציפן.

ביים סאמע סוף פון דער אפערע, אין 1906, האט דער סאציאליסטישער טוער ראבער לוזאן אפגעדרוקט אין לע מוּוועמאן סאסיאליסט, וואס איז געווען איינע פון די חשובסטע סאציאליסטישע צייטשריפטן, אן ארטיקל וועגן דער אפערע וואס איז חיכף פארעכנט געווארן צווישן די שארפסטע אנטי־דרייפוסארישע ארויסטרעטן. שוין דער טיטל גופא פון ארטיקל איז געווען אן אנטי־דרייפוסארישע און אנטי־ידישע דערקלערונג: „דער באנקראט פון דרייפוסיזם, אדער דער נצחון פון דער ידישער פארטיי". די רעאקציע האט ביים אנהייב פון דער אפערע געשאפן דעם לאזונג, אז א „ידישער סינדיקאט" פירט אן מיטן דרייפוסיזם. דער סאציאליסט ראבער לוזאן האט ביים סוף פון דער אפערע געווארפן דעם לאזונג, אז א „ידישע פארטיי" („פארטי זשוויף") פירט ווייטער אן מיטן דרייפוסיזם אין די אינטערעסן פון דעם ידישן קאפיטאליזם. זשארזש סארעל האט באמערקט, אז דער צווייטער טייל פון טיטל פון לוזאנס ארטיקל („אדער דער נצחון פון דער ידישער פארטיי") האט נישט פיגורירט אויף דער הילע פון דער צייטשריפט. די אנטי־דרייפוסארישע שטימונגען זיינען, הפנים, געווען צו שטארק צווישן די סאציאליסטן, אז די צייטשריפט זאל זיך קענען האבן ערלויבט נישט צו דרוקן לוזאנס ארטיקל, זי האט אבער געוואלט אפשוואכן דעם ערשטן איינדרוק ביים לייענען דעם נאמען פון ארטיקל אויף דער הילע. ראבער לוזאן האט צוערשט געפרווט מאכן דעם איינדרוק, אז ער איז א קעגנער פון אפארטוניזם צווישן די דרייפוסארן וואס האבן אויפגעגעבן דעם קאמף פארן אמת. ער האט אבער גיך אנטוויקלט זיין אמתע אידייע, אז דרייפוסעס רעהאבילימאציע איז א נצחון נישט פון דרייפוסיזם, נאר פון א פארטיי, א ידישער פארטיי, און די גאנצע אפערע עקסיסטירט נישט מער פארן ארבעטער־קלאס, בכן דארף מען דעם עניין איבערלאזן פאר דער ידישער פארטיי. „דער קאמף קומט איצט פאר צווישן צוויי פראקציעס פון דער בורזשואזיע. לייקענען דעם סעמיטיזם, לייקענען, אז עס עקסיסטירט א פארטיי וואס ווערט אנגעפירט דורך דעם יודאיזם א דאנק זיין מאכט פון געלט, זיין האנדלס־ און אינטעלעקטועלער טעטיקייט; לייקענען די עקסיסטענץ פון א צענטער, א צענטער פון קאמף און סאלידאריטעט וואס דער יודאיזם איז זיין מוח — הייסט וועלן פארמאכן די אויגן. עס איז מער נישט מיגלעך אפצולייקענען די עקסיסטענץ פון דעם סעמיטיזם פונקט ווי עס איז מער נישט מיגלעך אפצולייקענען דעם קלעריקאליזם. דער סעמיטיזם און דער קלעריקאליזם שטעלן מיט זיך פאר די צוויי עקן פון דער גרוי־

סער בורזשואזער סאָלידאַריטעט, און זייער קאַמף פאַרן איינפלוס ווערט אַלץ מער דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער אינעווייניקסטער געשיכטע פון דער בורזשואַזיע".
„אַזוי ווי דרימאָן, קלערן מיר אויך, אַז דער קלעריקאַליזם עקסיסטירט, אַז דער סעמיטיזם עקסיסטירט; אַזוי ווי דרימאָן גלויבן מיר אויך, אַז דער קלעריקאַליזם איז אַ כוח פון אויסדויער פון דער בורזשואַזיע, בשעת דער סעמיטיזם איז אַ כוח פון צעשטערונג. אָבער הגם מיר האָבן די זעלביקע סיבות וואָס דרימאָן צו פאַרלאַנגען דעם אויסדויער פון דער בורזשואַזער אָרדענונג - שרייבט לוזאָן איראָניש - האָבן מיר זיך בכן געפונען, און געפינען זיך אפשר נאָך איצט אויך, אויפן צד פון דער יידישער פאַרטיי אין די קאַמפן קעגן אירע קעגנער".[142]

XVIII. פראַנצייזישע יידן און די אפערע.

די באַציִונג פון די פראַנצייזישע יידן גופא צו דער אפערע וועלן מיר גענויער באַהאַנדלען אין אַן אַנדער אַרבעט. דאָ ווילן מיר איבערגעבן בלויז אַ פּאָר פּרטים, ווייל די באַציִונג פון פראַנצייזישן יידנטום צו דער אפערע איז דער בעסטער באַווייז, אַז די פּראָפּאַגאַנדע וואָס האָט געזוכט צו באַווייזן, אַז די אפערע איז געווען בלויז אַ קאַמף צווישן דעם יידישן און קריסטלעכן קאַפּיטאַל איז געווען נישט מער ווי אַ בילבול.

דאָס פראַנצייזישע יידנטום איז אויף קיין איין מאָמענט נישט געשטאַנען בעת דער אפערע אויף דער געהעריקער הייך ביים פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן. מען האָט שוין אַ סך מאָל איבערגעחזרט דעם געדאַנק, אַז דרייפוס אליין וואָלט געווען אַן אַנטי־דרייפוסאַר. באַלד ביים אָנהייב פון דער אפערע האָבן ס'רוב יידן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש דער פראַנצייזיש־יידישער פּאָעט עדמאָן פלעג וואָס שרייבט, אַז לכתחילה איז די אפערע געווען פאַר אים אַ fait divers. ער האָט נישט געקענט גלויבן, אַז זיבן פראַנצייזישע אָפיצירן זאָלן פאַרמשפטן אַן אומשולדיקן פראַנצייזיש־יידישן אָפיציר. פאַר די רייכע יידן איז די גאַנצע אפערע געווען אַן אָנשיקעניש. מ'האָט דערציילט אַן אויסדרוק פון איינעם פון די ראָטשילדס: צוויי יידן האָבן געבראַכט אָן אַ שיעור שאָדן די יידן: יעזוס און דער קאַפּיטאַן דרייפוס. לעאָן בלום דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז די אַלגעמיינע שטימונג צווישן יידן איז געווען בערך אַזאַ: „עס איז אַ ענין וואָס יידן דאַרפן זיך אין דעם נישט אַריינמישן"; זיי האָבן נישט געוואָלט מען זאָל טענהן, אַז יידן פאַרטיידיקן דרייפוסן ווייל ער איז אַ ייד. מ'האָט געזוכט אַרויפצוואַרפן די שולד פאַרן אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך אויף די איינגעוואַנדערטע יידן, הגם זייער צאָל איז יעמאָלט נאָך געווען אַ גאַנץ קליינע אין פראַנקרייך. אין מיטן ברען פון דער אפערע האָבן

ראנצײזישע ײדן געשאָנקען 400,000 פראנק פאר קאטױלישע אינסטיטוציעס. בער־
אר לאזאר האָט זיך װעגן דעם אױסגעדריקט: „די רײכע ײדן לעקן די האנט װאָס
לאָגט זײ". [143] נאָך פאר דער אפערע, 1890, האָט אױף א פארזאמלונג פון דער
סאָסיעטעי דעז עטיוד זשוויװ" דער פראנצײזיש־ײדישער פילאָסאָף אדאָלף פראנק גע־
אלטן, אז מען זאָל פארשװײגן די אנטיסעמיטן; דער היסטאָריקער איזידאָר לעב איז
עװען בײ דער מײנונג, אז מען דארף זײ יאָ באקעמפן. דער פראנצײזישער אױבער־
אבינער צדיק כהן (1839 - 1905) האָט א לאנגע צײט געגלױבט, אז דער אנטיסע־
ימיזם װעט האָבן א קורצן קיום אין פראנקרײך; די דרײפוס־אפערע האָט אָבער בא־
יזן פונקט דאָס פארקערטע. א צײט האָט ער זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאנק צו
אפן א פאראײן צו באקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם, לױטן בײשפיל פון דעם פאראײן
ו באקעמפן אנטיסעמיטיזם אין דײטשלאנד. דעם 27סטן דעצעמבער 1894 האָט ער
ערופן א קלײנע בעראטונג װעגן דעם ענין און דעם 10טן יאנואר 1895 א גרעסערע
ארזאמלונג. עס איז געשאפן געװאָרן א קאָמיטעט מיט נארסיס לעװען פאר פארזי־
ער, אָבער קײן שום פראקטישע רעזולטאטן זײנען נישט ארױסגעקומען; דער קאָמי־
עט איז זיך גיך צעפאלן. שפעטער איז װידער געגרינדעט געװאָרן א „קאָמיטעט צו
ער פארטײדיקונג קעגן אנטיסעמיטיזם" („קאָמיטעי דע דעפאנס קאָנטר ל'אנטיסעמי־
זם") מיט הענרי אראָן, סאלאָמאָן רײנאק, ד"ר דרײפוס־בריכאק און נארסיס לע־
ן פון דער צענטראלער קאָנסיסטאָריע און „אליאנס איזראעליט" און י. לעװיאן,
ן סך האָט אָבער דער קאָמיטעט נישט אױפגעטאָן. [144]

אין ארשיװ איזראעליט װאָס איז געװען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער
פאָרמירטער מערהײט אין די ײדישע קאָנסיסטאָריעס איז געװען געדרוקט אין 1903
ארטיקל פון דעם רעדאקטאָר עמיל קאהען פאר א רעהאבילִיטאציע און קעגן א נײער
װיזיע פון דעם דרײפוס־פראָצעס. „מען דארף לאָזן דער צײט פארהײלן די װונדן -
ט ער געשריבן. טראָץ די סענטימענטן פון א טײל פון אונדזערע מיטגלױביקע
נק איך דעריבער, אז מען דארף מער נישט ארױסשלעפן די דרײפוס־אפערע פון
ר יורידישן שטאנדפונקט. הײנט צו טאָג קענען די אבסאָלוטע באװײזן מער נישט
בערצײגן די יעניקע, װאָס גלױבן נאָך אין דער שולד פון דעם מארטירער פון
ם טײַװל־אינדזל. אזױ װי אלע אױפריכטיקע מענטשן װינטש איך אױך דעם ה' אל־
עד דרײפוס א רעהאבילִיטאציע װאָס עס קומט אים און װאָס ער װעט באקומען, אָבער
ד װעל מיט באדױערן זען די פאָליטיק זיך נאָך א מאָל ארײנמישן אין דעם ענין".
ארטאָדאָקסישע צײטונג אוניװער איזראעליט האָט שטארק קריטיקירט אזא שטעלונג
ן האָט דערמאָנט די צײט בײם אָנהײב אפערע, װען ארשיװ איזראעליט האָט געשריבן,
די אפערע איז בכלל נישט קײן ײדישער ענין. דער אוניװער איזראעליט האָט גע־

שריבן וועגן די ייִדישע קעגנער פון א רעוויזיע: „א קאטעגאָריע ייִדן (זײַט מוחל! איזראעליטן) וואָס זײַנען אבאָנירט אויף דעם [אנטי־דרײַפוסארישן] גאלוא און ארשיה איזראעליט און די מורא צו זען די אפערע זיך באַנײַען פארדארבט זײַ דעם מאָגן". שפּעטער האָט אָבער ארשיוו איזראעליט געביטן די שטעלונג און יאָ געשטיצט די רעוויזיע פון דרײַפוס־פּראָצעס. עס איז כדאי צו באמערקן, אז אויך די יידן אין שכנותדיקן בעלגיע האָבן קײַנמאָל נישט גענומען צו ערנצט דעם אנטיסעמיטיזם בײַ זיך אין לאנד. נישט ווײַל זײַ זאָלן נישט האָבן געזען די געפאר, נאָר ווײַל זײַ האָבן מורא געהאט, אז אן אקציע קעגן אנטיסעמיטיזם וועט בלויז ארויסרופן נאָך מער טומל און ברענגען שאָדן. נאָך אין 1898 האָט א בעלגישער קאָרעספּאָנדענט פון אוניווער איזראעליט געשריבן, אז דער אנטיסעמיטיזם האָט נישט באוויזן ארײַנצודרינגען פון פראנקרײַך קײַן בעלגיע. מיט צווײַ יאָר שפּעטער שרײַבט ער, אז דער לאָזונג צווישן די פירערס פון בעלגישן ייִדנטום איז נישט צו קעמפן קעגן אנטיסעמיטיזם, נאָר „עס לאָזן לויפן".[145]

בלויז א פּאָר געצײַלטע פראנצײַזישע ייִדן האָבן זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון גרויסע פארטײַדיקער פון ייִדן בעת דער אפערע, בעיקר צווײַ: זשאָזעף רײַנאק, דער „אָפּאָרטוניסטישער" רעפּובליקאנער, און דער געוועזענער אנארכיסט בערנאר לאזאר. בײַדנס ראָל אין דער אפערע איז אונדז אויסגעקומען אָפּט צו דערמאָנען.

שארל פּעגי האָט געוואָרפן די באשולדיקונג, אז מ'האָט פײַנט געהאט ב. לאזארן, בפרט האָבן אים פײַנט געהאט די ייִדן, און בעיקר ווײַל ער איז נישט געווען רײַך. באמת אָפּגעשאצט האָט אים זײַן קעגנער, עדואַרד דרימאָן – שרײַבט פּעגי. ווען ייִדן האָבן געוואָלט געבן געלט אויף א דרײַפוסארישער צײַטונג האָבן זײַ געשטעלט אײַן תנאי, אז ב. לאזאר זאָל נישט זײַן צווישן די מיטארבעטערס. אנא לעאָ זעוואעס שרײַבט, אז ב. לאזאר איז געשטאָרבן „כמעט פארלאָזן פון ישראל, לכל הפּחות דורך די רײַכע ייִדן וואָס האָבן זיך ווײַניק דערמאָנט אין דעם, וואָס ער האָט געטאָן פאר זײַ". דער אמת איז אָבער – ווי עס האָט געשריבן דער ראבינער מ. ליבער – אז די פראנצײַזישע ייִדן, די ייִדישע בורזשואזיע פון פראנקרײַך האָט נישט געקענט נאָכגײַן בערנאר לאזארן. דער פאקט גופא, אז אן אנארכיסט פארטײַדיקט זײַ האָט נישט געשמעקט די אָפיציעלע קרײַזן פון פראנצײַזישן ייִדנטום. דער רעדאקטאָר פון ארשיוו איזראעליט איז ארויסגעטראָטן (1900) קעגן דעם, וואָס מ'האָט אויסגעווײַלט בערנאר לאזארן אין דער מארסעלער קאָנסיסטאָריע. „מען קען נישט זײַן אמתדיק א ייִד און גלײַכצײַטיק אויך א סאָציאַליסט", האָט ער געשריבן. א פאקט איז אָבער, אז דווקא צווישן ייִדן איז געוואקסן דער אײַנפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פארטײַ. די טײַלן

ון דער אַרבעטער־באַװעגונג, װאָס האָבן זיך באַטײליקט אין דער אַפערע האָבן עס
יטעאַן רױשיק און מיט אַ סך פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליזם גופא װאָס האָט צוגעצ־
ױיגן אױך ײדן. אַפילו אַ שילער פון פּאַריזער רבנים־סעמינאַר איז אַריבער צום
אָציאַליזם. אױף אַ רעפעראַט (1899) האָט ער דערקלערט: „די ײדישע דאָקטרינע
יז רעװאָלוציאָנער... װי אַ ײד בין איך געװאָרן אַ סאָציאַליסט". בערנאַר לאַזאַר
ּאָט אָפּגעצאָלט די פירערס פון פראַנצײזישן ײדנטום און קריטיקירט זײער שװאַכן
אַראַקטער, דאָס פעלן פון איניציאַטיװ און מוט בײ זײ. ער האָט געשריבן װעגן די
ראַנצײזישע ײדן: „איך קען זײ, איך װײס אױף װאָס זײ זײנען פעיִק. זײ האָבן
ישט נאָר אָפּגעשטױסן יעטװעדן סאָלידאַריטעט מיט אױסלענדישע ײדן, זײ האָבן נאָך
עװאָלט מאַכן זײ פאַראַנטװאָרטלעך פאַרן שלעכטס װאָס בלױז זײער אײגענער פעלן פון
ום האָט געשאַפן. זײ האָבן זיך נישט באַנוגנט צו װערן שאָװיניסטישער פון די
ראַנצױזן פון פראַנקרײך. זײ האָבן, אַזױ װי אין אַלע לענדער װו די ײדן זײנען
מאַנציפּירט געװאָרן, איבערגעריסן פרײװיליק די סאָלידאַריטעט װאָס האָט עקסיסטירט
װישן זײ אױף אַזױ װײט, אַז אױב מ'האָט געפונען אין פראַנקרײך בערך דרײ טױז
ו פאַרטײדיקן אײנעם פון זײערע ברידער־מאַרטירער [דרײפוס], האָט מען געקענט
עפינען טױזנטער גרײט צו היטן דעם טײל־אינדזל צוזאַמען מיט די איבערגעצ־
עבנסטע טשאַמפּיאָנען פון פאָטערלאַנד". ב. לאַזאַר האָט געפאָדערט, אַז די פראַנצײ־
ישע ײדן זאָלן זיך אין פּאָליטיק אַרױסזאָגן קלאָר: „שטײענדיק מיט אַ פוס אין
עדער פּאַרטײ איז פאַר אײך אַ גאַראַנטיע - האָט ער געטענהט צו די פראַנצײזישע ײדן
א גאַראַנטיע װאָס איז גוט פאַר פּרעטערס פון מטבעות און נישט פאַר קײן מענטשן". (146

עס בלײבט אָבער צו באַשטימען אױב דאָס פראַנצײזישע ײדנטום האָט זיך
ִקענט אידענטיפיצירן מיט אײן פּאַרטײ, מיט דער סאָציאַליסטישער, למשל. אגב האָט
ֶרנאַר לאַזאַר קײנמאָל נישט געזאָגט קלאָר מיט װעלכער פּאָליטישער פּאַרטײ ײדן װאָלטן
ך געדאַרפט אידענטיפיצירן. ער האָט געפאָדערט פון די פראַנצײזישע ײדן צו זײן
יסגעהאַלטן און אַלײן איז ער עס נישט געװען. ער איז געװען צעבראָכן, אַנ־
ישט און אָפט פאַרשטױסן. ער האָט נישט געקענט זײן קײן אָפּאָרטוניסט פון ראַ־
קאַלן לאַגער, װײל אין תוך איז ער נישט געװען קײן פּראַקטישער פּאָליטיקער, נאָר
אידעאַליסט, אַ קעמפער פאַר יושר, אַ שטיק ײדישער מיסטיקער, פּונקט װי שאַרל
גי איז עס געװען אין קריסטלעכן לאַגער. יונגערהײט האָט דער אַנאַרכיסט ב.לאַ־
ר אָנערקענט דעם װערט פון אַנטיסעמיטיזם אין קאַמף קעגן ײדישן קאַפּיטאַל װאָס
ט געזאָלט זײן אַ טריט פאָרױס אין קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעװאָלוציע.
דרײפוס־אַפערע האָט אים דערנעענטערט צו ײדן און צו ײדישקײט; לאַזאַר איז אַפי־
געװאָרן אַ ציוניסט. „אײנהאַלטן אַ פאָלק - האָט ב. לאַזאַר געשריבן - הײסט בײ־

שטײערן צום דערהאלטן גאנצערהײט די אלװעלטלעכע שײנקײט", גבן קען דער ייִדישער נאציאָנאליזם כלל נישט שטערן דעם אינטערנאציאָנאליזם. „אַנשטאָט אָפּצושײדן ייִדיש קײט, בעסער מגייר זײן די ייִדן", האָט ער װײטער געשריבן. ב. לאזאר האָט אָבער נישט געװוסט װי אזוי שלום צו מאכן צװישן זײן פּראָלעטארישקײט און נאציאָנאליז און אויף א צײט האָט ער איבערגעריסן מיט דער ציוניסטישער באװעגונג, הגם בלו אָפּיציעל. ער האָט אויך נישט געװוסט װי אזוי שלום צו מאכן צװישן זײן פּראָלע־טארישקײט און דער ייִדישקײט װאָס ער האָט אנטדעקט א דאנק דער אָפּערע. לויט דעם ייִדישן אנארכיסט א. פרומקין איז די אמתע סיבה פון לאזארס קומען צום ציוניזם געװען דער אנטיסעמיטיזם אין די אנארכיסטישע קרײזן. װי א רעאקציע אויפן אנ טיסעמיטיזם אין די ארבעטער־קרײזן האָט בערנאר לאזאר אָנגעהויבן האלטן, אז ייִד דארפן נישט געהערן צו די סאָציאליסטישע רײען. אויף א רעפעראט װאָס ער האָט געלײענט װינטער 1899 האָט ער געזאָגט װעגן סאָציאליזם און ייִדן: „שפּארט זיך דע ריבער נישט אײן צו װעלן ארײנקומען אין א הויז װו מען באלײדיקט אײך, זיך צו זעצן בײ א טיש פון װאנען מען שטויסט אײך אָפּ. לערנט זיך בויען אײער אײגן הויז". ער האָט פײנט באקומען די „רעװאָלוציאָנערן אין דער געזעלשאפט פון אנ־דערע אָבער נישט אין דער אײגענער", די אלע ייִדישע רעװאָלוציאָנערן װאָס האָבן אָנ געהויבן מאכן רעװאָלוציעס דורכן װערן קודם כל אויס ייִדן.(147)

בערנאר לאזאר איז אָן שום ספק געװען דער מענטש װאָס האָט יעמאָלט גע־קענט װארפן צװישן די מערב־אײראָפּעיִשע ייִדן די אידײע פון א ייִדישער ארבעטער־באװעגונג, ענלעך צו דעם פּראָלעטארישן ציוניזם אין מזרח־אײראָפּע. ער האָט אָבע קײנמאָל נישט געמאכט אזא פּרוּװ. די פראנצײזישע ייִדן װאָס ער האָט געקענט זײנע געװען אָדער נישט קײן פּראָלעטארישע עלעמענטן, אָדער רעװאָלוציאָנערן װאָס זײנען אװעק פון ייִדישקײט. אָרגאניזירטע ייִדישע פּראָלעטאריער האָט ער געקענט אין אויס לאנד, אין אמעריקע, רוסלאנד־פּוילן, רומעניע, ענגלאנד, אָבער נישט בײ זיך אין פראנקרײך. אין פּאריז האָט שוין יעמאָלט עקסיסטירט א קלײנע אָרגאניזירטי ייִדישע ארבעטער־באװעגונג, אָבער װען בערנאר לאזאר איז געקומען מיט איר אין בארירונג איז עס געװען פאר אים אן אמתע אנטדעקונג.(148) די באװעגונג איז אָבער באשטאנען פון אײנגעװאנדערטע ייִדן און נישט פון קײן פראנצײזישע ייִדן.

בײ זײן גאנצער גרויסקײט האָט ב. לאזאר אָפּט אויך ארויסגעזאָגט געדאַנ קען מיט װעלכע ייִדן האָבן כלל נישט געקענט מסכים זײן. פון צײט צו צײט, למשל האָט אויך ער זיך פארגעסן און געשריבן, אז אנטיסעמיטיזם איז א קאמף צװישן צװײ קאפּיטאלן.(149)

XIX . די באציונג פון די אנארכיסטן צו דער אפערע.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז דער אנטיסעמיטיזם האָט א לאנגע צײַט צו־
עצויגן אויך טײל אנארכיסטן צוליב די ברוטאלע לאָזונגען פון קאמף קעגן ײדישן
אפיטאל. אין דער ביז איצטיקער היסטאָריאָגראפיע פון דער דרײפוס־אפערע איז
ער אָנגענומען, אז דער אנטיסעמיטיזם פון א. האמאָן און אנדערע אנארכיסטן
יז נישט געװען כאראקטעריסטיש פאר דער אנארכיסטישער באװעגונג אין פראנקרײך
אָס איז געװען דרײפוסאריש. אוניװער איזראעליט האָט געשריבן װעגן די אנאר־
יסטן (1899): „מ'האָט זײ נישט געהערט שרײען: נידער מיט די ײדן! די [אנארכיס־
ישע] חברים האָבן קײנמאָל נישט באַיקאָטירט די יעניקע פון זײערע חברים װאָס זײ־
ען געבוירן געװאָרן ײדן".

די ביז איצטיקע היסטאָריאָגראפיע פון דער אפערע האָט גאנץ לײכט זיך
עקענט שאפן אזא אידעאל בילד: בײַ גאָר א גרויסער צאָל פראנצײזישע אנארכיסטן
יז דער געפיל פון יושר געװען גאָר שטארק אנטװיקלט. װי א כאראקטעריסטישער
רשטײער פון דער גרופע דארף מען דערמאָנען דעם אנארכיסט סעבאסטיאַן פאָר, װאָס
יז געװען פון די ערשטע דרײפוסארן און א מענטש װאָס איז פארבליבן זײַן גאנץ
עבן אן אוהב־ישראל. מיט זײער גאנצן אויסערגעװײנטלעכן טעמפּאָ אין קאמף קעגן
אפיטאל זײַנען דאָך אזוינע אנארכיסטן װי סעבאסטיאַן פאָר נישט געװען קײן ראצי־
נאליסטן. ראשית כל זײַנען זײ געװען מענטשן מיט הערצער װאָס האָבן געקענט
ילן, האָבן רחמנות און טרויסטן אויך פון יושר לשם יושר. בעת דער אפערע
אָבן זײ זיך נישט אװעקגעזעצט באטראכטן אזוי װי די סאָציאַליסטן האָבן עס געטאָן,
י די פארטײ־אינטערעסן דערלויבן זײ קעמפן פאר דרײפוסן, זײ האָבן נישט געזוכט
ין פסוקים בײַ די אנארכיסטישע טעאָרעטיקער װאָס זאָלן זײ דערלויבן פירן דעם
אמף, בשעת טײל סאָציאַליסטן האָבן יאָ געזוכט פסוקים בײַ מארקסן. מען קען, זיי־
ער, פארשײדן אויסטײטשן די סיבות װאָס האָבן געשטויסן די אנארכיסטן צום קאמף.
חמא איז בײַ א סך פון זײ געװען דער אינסטינקט זיך ארײַנצוװארפן אין קאמף,
ין װאָסער ס'ניט איז קאמף, אבי צו שלאָגן די רעאקציע, װי אײן היסטאָריקער פון
ארכיזם שרײַבט: „די אנארכיסטן, זײ האָבן נישט געצװײפלט. זײ האָבן געפילט
אָס אנקומען פון אן אינטערעסאנטער שלאכט. זײַנען זײ דאָ". די אפערע – האָט
שרײַבן דער באקאנטער אנארכיסט זשאן גראװ – האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אן אויס־
רגעװײנטלעך פעלד פאר פּראָפּאגאנדע. ער, זשאן גראװ גופא, איז בעת דער אפערע
יד געװען א ביסל צוריקגעהאלטן. אפילו בעתן זאָלא־פּראָצעס האָט ער נאָך גע־
װײפלט אין דרײפוסעס אומשולד. ער האָט אָבער באגריסט זאָלאַן, װײל „מ'האָט דאָך

געדארפט פראָטעסטירן, לשם פרינציפ".[150] עס זײנען אָבער נישטאָ קײן באווײזן פון װעלכע מען זאָל קענען דרינגען, אז די אנארכיסטן האָבן געזוכט, אזוי װי די סאָציאַליסטן, צו מאכן פאָליטיק, אז זײ זאָלן האָבן געזוכט, אזוי װי עס האָבן עס יאָ תמיד געטאָן די סאָציאַליסטן, אויסנוצן די אפערע פאר זײערע פאָליטישע צװעקן עס איז, למשל, נישט באקאנט קײן אײן פאל װען די אנארכיסטן זאָלן האָבן געזוכט אויסצונוצן די אפערע בכדי דורכצופירן א טעראָריסטישן אקט. די אנארכיסטן האָבן זיך אויך נישט תמיד געדארפט רעכענען דערמיט צי די מאסן זײנען פאר אָדער קעגן דרײפוסן. זײ זײנען קעגנער פון אָנטײל נעמען אין די װאלן צו א קאפיטאַליסטישן פארלאמענט, במילא האָבן זײ זיך נישט געדארפט, אזוי װי די סאָציאַליסט יאָגן נאָך די שטימען פון די אנטי־דרײפוסארישע מאסן און זײ האָבן געקענט גײן אפילו קעגן שטראָם פון דער מאסע, אויב אזא האָט געמוזט זײן דער װעג פון יושר אנארכיסטן האָבן זיך טאקע גאנץ פרי ארײנגעװאָרפן אין קאמף פאר דרײפוסן, במעט תיכף אין אָנהײב פון דער אפערע. כלל נישט אלע אנארכיסטן, װי מיר װעלן עס זען. אָבער די דרײפוסארישע אנארכיסטן האָבן זיך ארײנגעװאָרפן אין קאמף מיט אזוי פיל איבערגעגעבנקײט און ענערגיע, אז ס'האָט טאקע געמוזט מאכן דעם אײנדרוק װי די גאנצע אנארכיסטישע באװעגונג איז דרײפוסאריש. אפילו די אויסנאָמען האָבן נישט געקענט בײטן דעם אײנדרוק, אז די גאנצע אנארכיסטישע באװעגונג האָט זיך ארײנגעװאָרפן אין קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. עס איז נישט געװען אזוי מיט דער סאָציאַליסטישער באװעגונג. דאָרט זײנען די אנטי־דרײפוסארישע יחידים און גאנצע פראקציעס פון דער סאָציאַליסטישער פארטײ געװען אזוי שטארק, אז מען האָט בשום אופן נישט געקענט טראכטן װעגן אָנטײל פון דער גאנצער סאָציאַליסטישע באװעגונג אין דעם קאמף.

דאָס בילד װערט אָבער װײניקער אידעאַל נאָכן באקענען זיך גענויער מי די פאקטן. אויך אין דער אנארכיסטישער באװעגונג זײנען געװען אנטי־דרײפוסארישע עלעמענטן. מיר האָבן שוין דערמאָנט װעגן א. האמאָן, און ער איז נישט גע װען דער אײנציקער. דער ײדישער אנארכיסט א. פרומקין דערצײלט אין זײנע זכרו נות װעגן דער „ליכטזיניקײט מיט װעלכער מ'האָט דעמאָלט, אין אײגענעם קרײז, גע קוקט אויפן אנטיסעמיטיזם, די אנטיסעמיטישע אָנצוהערענישן װאָס מען פלעגט, פו צײט צו צײט, באגעגענען אין א געװיסן טײל פון דער אנארכיסטישער פרעסע". ט- אנארכיסטן האָבן געװאָלט פארװאנדלען זײער צײטשריפט טאָן גרװאַ אין „אָן אָפטײל פון לא ליבר פאראָל", װי עס דערצײלט דער רעדאקטאָר זשאן גראװ, ער האָט אָבער דערצו נישט דערלאָזט, מער װי אײן אטאקע קעגן ײדן איז דאָרט נישט געדרוקט גע װאָרן. די לאגע אין אנארכיסטישן לאגער איז געװען כמעט אזא װי אין דער סאָצ-

יסטישער באוועגונג. צווישן די אנארכיסטן האָט סעבאסטיאַן פאָר געשפּילט די זעל־
קע ראָל וואָס זשאַן זשאָרעס צווישן די סאָציאַליסטן. סעבאסטיאַן פאָר האָט חיבף
רויסגעזען די נויטווענדיקייט זיך אריינצוואַרפן אין קאמף. אין יאנואר 1899
ט ער געגרינדעט אַן אנארכיסטישע דרייפוסארישע טאָג־צייטונג <u>לע זשורנאַל די פּעפּל</u>
יזט אויס, אז מיט דער מאַטעריעלער הילף פון ראָטשילדן וואָס ער האָט באַקומען
רך ב. לאזאר). אין די אנארכיסטישע ריִען האָט מען די דרייפוסארישע חברים גע־
פן „אנארכיסטן פון דער רעגירונג", פונקט ווי צווישן די סאָציאַליסטן האָט מען
רגעוואָרפן, אז דער דרייפוסיזם האָט דערפירט צום מיניסטעריעלן סאָציאַליזם. אין
ר אנארכיסטישער צייטונג <u>לע ליבערטער</u> האָבן זיך געדרוקט שאַרפע אַרטיקלען קעגן
איל נעמען אין קאמף. זײַנע א פּראָ־דרייפוסארישע בראָשור האָט סעבאסטיאַן פאָר
געשריבן נאָך שאַרפע דיסקוסיעס און ארומרייסעניש. עס זײַנען געווען אנארכיסטן
ס האָבן ערנצט געמיינט, אז דאָס פראנצייזישע יידנטום וועט זיי שטיצן אויף אידעאָ־
גיש פאַר זייער אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג פון דרייפוסן. זיי האָבן זיך אָבער
ויישט. כאראקטעריסטיש אין דעם פאַל איז דער ארויסטריט פון אנארכיסט זאָ
אקסא וואָס האָט פאָרגעוואָרפן די יידן, אז „טראָץ זייער איצטיקן קאמף פאַר גערעכטי־
ר („ליבט און אמת! קאַפּיטאַן!") האָבן זיי זיך כלל נישט פאַרנומען מיט ד'עטיע־
ן, דעם אנארכיסט וואָס איז אין 1891 פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר תפיסה, און
יידן שטיצן נישט די שטרייקנדיקע".[151]

אויפן ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן אנארכיסטישן קאָנגרעס זינט דעם לאָנדאָ־
ר קאָנגרעס אין 1896 וואָס האָט באַזייטיקט די אנארכיסטן (פאריז, 19טן - 22סטן
סעפּטעמבער 1899) איז געווען א ספּעציעלער באריכט וועגן דער אַפערע, שטאַרק אַנטי־
ייפוסאריש. דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אז אויף דעם זעלביקן קאָנגרעס האָט
יידישער דעלעגאַט פון אמעריקע אָפּגעגעבן א באריכט וועגן דער יידישער אנארכיס־
שער באוועגונג אין אמעריקע און די „סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַצי־
אָליסטישע סטודענטן־גרופּע אין פאריז" וואָס האָט אָפּגעגעבן אויפן קאָנגרעס 5
יכטן האָט געווידמעט אין שטאַרק פּראָ־דרייפוסארישן באריכט דער פראַגע וועגן „אַנ־
עמיטיזם און ציוניזם" (די דאָזיקע סטודענטן־גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון
נצייזישע און אויך איינגעוואַנדערטע סטודענטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, דערונ־
אויך יידן, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1891 דורך דעם סאָציאַליסט אלעקסאַנ־
זעוואַעס. שפּעטער איז די סטודענטן־גרופּע געוואָרן אנארכיסטיש).[152] אָבער
אָפיציעלן באריכט וועגן אנארכיזם און דער דרייפוס־אַפערע האָט אויפן קאָנגרעס
געגעבן עמיל זשאַנוויאָן, אַן אַקטיווער אנארכאָ־סינדיקאַליסט וואָס האָט געהאַט בא־
ט סעבאסטיאַן פאָר קיין אַלזשיר בכדי צו באַקעמפן דעם איינפלוס פון די אַנטיסע־

מיטן אין די ארבעטער־ריין פון דעם טייל צפון־אפריקע. שפעטער האט זשאנוויאן זיך געביטן און ער איז געווארן שטארק אנטיסעמיטיש. אין זיין רעפעראט אויפן אינטערנאציאנאלן אנארכיסטישן קאנגרעס האט ע. זשאנוויאן זיך דערקלערט סאלידאריש מיט די גערדיסטן אין זייער באציונג צו דער אפערע. די אפערע - האט ער דערקלערט - האט דערפירט דערצו, אז די אנארכיסטישע באוועגונג איז געשטעלט געווארן צום דינסט פון פארדיישטע און פריימויערישע „סינדיקאטן". „דער וואס איז געבוירן געווארן א ייד איז אן אונדזעריקער בלויז אויב ער האט זיך אפגעשאקלט פון זיין רעליגיע און זיין ראסע", די אנדערע יידן זיינען „יופענס" (שמוציקע יידן) - האט ער דערקלערט. זשאנוויאן האט שטארק אטאקירט די דרייפוסארישע אנארכיסטן וואס האבן, לויט אים, אנטוויקלט „דעם פילאסעמיטיזם (דאס רעכט צו זיין א ייד, אאז"וו)" אין אנארכיזם. אנארכיסטן דארפן נישט אנטייל נעמען אין קאמף, ווייל „מיר זיינען געווארן די אונטערשטיצערס, די היט־הינט פון א געוויסער קאטעגאריע קאפיטאליסטן". די רעדע איז געווען איינע פון די שארפסטע אנטי־יידישע ארויסטרעטונגען אין די ארבעטער־ריין בעת דער אפערע. עמיל זשאנוויאן איז שפעטער געווארן איינער פון די וויכטיקסטע אנארכא־סינדיקאליסטישע פירערס אין פראנקרייך, און ער איז פארבליבן א טעטיקער אנטיסעמיט. בעתן שטרייק פון די באן־ארבעטער אין 1910 האט זשאנוויאן אנגעפירט א שטארקע אנטיסעמיטישע העצע צוזאמען מיט א צווייטן סינדיקאליסטישן טוער, פאטא. יעמאלט האט סעבאסטיאן פאר צונויפגערופן א ספעציעלע קאנפערענץ פון סינדיקאלע טוערס קעגן זשאנוויאן און פאטא. די יידישע ארבעטער האבן איינגעארדנט א גרויסן מיטינג, זשאנוויאן האט אויך גערופן אן אנטיסעמיטישן מיטינג אין 1912. י. בלעד, סעקרעטאר פון די פאריזער פראפעסיאנעלע פאראיינען האט אים בשעת מעשה אנגערופן „אנארכיסט־אנטיסעמיט".[153]

עס איז כדאי צו דערמאנען, אז די יידישע אנארכיסטן זיינען אויך נישט געווען איניק אין זייער באציונג צו דער אפערע. די פאריזער יידישע אנארכיסטן זיינען יא געווען דרייפוסארן. אין 1898 האט א גרופע יידישע ארבעטער אין פאריז זיך געווענדן מיט אן אפענעם בריוו צו דער סאציאליסטישער פארטיי אין פראנקרייך קעגן אנטיסעמיטיזם אין די ארבעטער־ריין און פארן דרייפוסיזם. די בראשור איז פאקטיש ארויסגעגעבן געווארן דורך די יידישע אנארכיסטן. אין פאריז, אין 1899, איז פארגעקומען א יידישער ארבעטער־מיטינג קעגן דעם וואס אין די ארבעטער־קרייזן פראפאגאנדירט מען, אז אלע יידן זיינען רייך. די ערשטע אנארכיסטן אין ניו־יארק זיינען אבער געווען אנטי־דרייפוסאריש. אין __פארווערטס__ האט אברהם ליעסין געשריבןווארעמע ארטיקלען פאר דרייפוסן און אין __אבענד בלאט__ האט פיליפ קראנץ געדרוקט שטארקע ארטיקלען קעגן דרייפוסן און פאר זשול געדס שטעלונג צו דער אפערע. בעת

פ. קראפאטקין האט סוף 1897 באזוכט ניו־יארק האט א גרופע ניו־יארקער ײדישע אנארכיסטן אים געפרעגט פארוואס בערנאר לאזאר און סעבאסטיאן פאר האבן זיך אזוי שטארק פאראינטערעסירט מיט דעם ענין דרײפוס. „נאך אלעמען איז דרײפוס דאך געווען א קאפיטאן פון פראנצײזישן גענעראל־שטאב און אין פאל פון אן אויפשטאנד וואלט ער געוויס געגעבן א באפעל צו שיסן אין פאלק”. דער נישט־ײד קראפאטקין האט געדארפט אויפקלערן זײנע ײדישע חברים דעם באטײט פון דער אפערע פארן ארבעטער־קלאס. אויך דער ײדישער דעלעגאט פון ניו־יארק אויפן אינטערנאציאנאלן אנארכיסטישן קאנגרעס אין פאריז (1900) איז נישט געווען צופרידן מיט דער האלטונג פון די דרײפוסארישע ארבעטער־קרײזן. „די פראנצײזישע סאציאליסטן מיט זשארעסן אלס זײער אנפירער – האט ער געשריבן – האבן געטאן זײער פיל פאר דרײפוסן. זײ האבן אבער נישט געזארגט, אז דער סאציאליזם זאל דערבײ עפעס געווינען, פון דעם שטאנדפונקט קען מען זײ קרטיקירן, ווי אויך אײניקע אנארכיסטן”.[154]

XX. דער דרײפוסיזם פון זשאן זשארעס.

זשאזעף רײנאק האט אפן באשולדיקט, „אז די סאציאליסטן, אבער כלל נים אלע סאציאליסטן, כלל נישט די מערהײט פון ארבעטער”, זײנען ארײנגעטראטן אין דער אפערע בלויז מיטן באשטימטן ציל „צו פארגיכערן די מאראלישע דיסקרעדיטירונג און דאס פאלן פון דער רעאקציאנערער ארמײ”. אין דער דאזיקער ערקלערונג פון אײנעם פון די גאר וויכטיקסטע דרײפוסארישע פירערס איז פאראנען א סך אמת. עס איז מחוץ יעדן צווײפל, אז טײל סאציאליסטן האבן זיך אנגאזשירט אין דער אפערע נישט צוליבן קאמף פאר אמת און יושר, אפילו נישט צוליבן קאמף בלויז פארן קיום פון דער בורזשואזער רעפובליק. א געוויסע צאל ארבעטער־טוערס האט זיך אנגאזשירט אין דער אפערע אויס רײן פאליטישע צוועקן, טײל אפילו מיט דער האפענונג, אז פון דער אפערע וועט ארויסקומען א רעוואלוציע. אין דעם פרט איז שטארק כאראקטעריסטיש דער וועג פון דעם רעוואלוציאנער אורבען גאיע וועגן וועמען מיר האבן שוין געשריבן. לכתחילה איז ער געווען קעגן מישן זיך אין דעם בורזשואזן ענין, שפעטער איז ער יא געווארן א דרײפוסאר „האפנדיק אויף א רעוואלוציע”, ווי זשאזעף רײנאק שרײבט. זעענדיק, אז די רעוואלוציע קומט נישט, האט ער אנגעהויבן אטאקירן זשארעסעס מיניסטעריאליזם און נאך שפעטער איז ער געווארן אײנער פון די פארביסנסטע אנטיסעמיטן און סוף כל סוף אויך א קעגנער פון סאציאליזם. א דרײפוסארישע צײטונג האט געשריבן: „גאיע באקלאגט זיך שטארק פארוואס ער האט נישט געקענט געניסן פון דער אפערע בכדי צו דערגרײכן צו א פולער סאציאלער רעוואלוציע”.[155] זשארעסעס זוכן בלויז פאליטיק אין דער אפערע איז

איך געווען די דירעקטע סיבה וואס האט געשטויסן שארל פעגי איבערצורייסן מיט דעם סאציאליסטישן פירער.

פעגי, איינער פון די פיינסטע פראנצייזישע פאעטן, מיט א נטיה צו קא־טוילישן מיסטיציזם, איז בעת דער אפערע געווען איינער פון די וויכטיקסטע זיילן פון פרא־דרייפוסארישן צד אין די סאציאליסטישע רייען. אין זיין צייטשריפט <u>קאייע דע לא קאנזען</u> זיינען געווען געדרוקט מוטיקע דרייפוסארישע ארויסטרעטונגען (און דארט זיינען רייף געווארן א פאר פון די גרעסטע פראנצויזיש־יידישע פאעטן: עדמאנד פלעג, א. ספיר). פעגי איז געווארן א נאענטער פריינד פון בערנאר לאזאר. ער, דער קאטוילישער מיסטיקער, איז דורך דער דרייפוס־אפערע געווארן אויך א הייסער פארטיידיקער פון זשאן זשארעסעס פליגל; זשארעסן גופא האט ער באטראכט ווי דעם נביא פון סאציאליזם. אבער אין 1899 ־ 1900 האט דער מיסטיציזם ביי אים געווו־נען די אויבערהאנט. פעגי איז ווייטער געבליבן א דרייפוסאר, ער האט אבער אויך אנגעהויבן ביטער באקעמפן זשארעסן. ער איז באלד פון אנהייב געקומען אין דעם דרייפוסאריזם און אין סאציאליסטישן לאגער קעמפן פארן פרינציפ פון אמת לשם אמת. בהסכם מיט זיינע מיסטישע נטיות, האט ער דער עיקר געלייגט גרויס געוויכט אויף דעם פרינציפ פון דער פרייהייט פון דעם אינדיווידועלן געוויסן, און מבטל געמאכט פארטיי־אינטערעסן און פאליטישע לאזונגען. אין דעם פרט איז ער געשטא־נען אין אפאזיציע צו זשארעסן. פאר זשארעסן האט נישט עקסיסטירט בלויז דאס אינדיווידועלע געוויסן, דער אמת לשם אמת; זשארעס האט געדארפט האבן אויך רעגי־רונג און געזעצגעבונג לטובת דער דעמאקראטיע און דעם פראלעטאריאט. דעריבער איז בעת דער דרייפוס־אפערע זשארעסעס גרופע אויך ווייטער געגאנגען אויפן וועג פון פאליטישע קאמפן קעגן דער רעאקציע, און פעגי וואס האט געהאט זיין אייגענעם צוגאנג צו דער פראגע האט נאך בעת דער אפערע, ווי נאר דאס בשותפותדיקע וואס ער האט געהאט מיט זשארעסן איז בטל געווארן, זיך אפגעטיילט פון דעם פירער פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

נאך דעם ווי דרייפוס איז נאך לאנגע קאמפן אמניסטירט געווארן, איז זשא רעס צוערשט געווען בלויז פאר דער געגעבענער אמניסטיע און קעגן א קאמף פאר א נייער רעוויזיע פון פראצעס (אויך ראנק, וואס ביי די ראדיקאלן איז ער געשטאנען צום נאענטסטן צו זשארעסן, איז געווען ביי דער שטעלונג). נאך א צייט פון וואק־לען זיך האט זשארעס אבער דערזען, אז ער קען באקומען דעם גאנצן קרעדיט פון א קאמף פאר א נייער רעוויזיע פון פראצעס און ער האט מיט דער גאנצער ענערגיע זיך גענומען צו דער ארבעט פאר א רעוויזיע. די ראדיקאלן זיינען געווען באאומרו:קט און זשארעס איז געריטן אויפן פערדל ־ ווי היסטאריקער פון דער אפערע האבן זיך

אויסגעדריקט. עס איז אָבער א פאקט, אז זשאָרעס האָט קיינמאָל נישט אויסבאהאלטן זיינע פּאָליטישע אמביציעס, אפילו אין סאמע אָנהייב פון דער אפערע, און שארל פּעגי האָט חעגן דעם געחוסט נאָך פאר 1899,איידער ער האָט איבערגעריסן מיטן סאָציאַליסטישן פירער. אפשר דארף מען זוכן די סיבה פון דער מחלקה אין דעם פאקט האָט צוגלייך מיטן אָנהייב פון קאמף קעגן זשאָרעסן הייבט דער מיסטיציזם אָן באקומען די אויבערהאנט אין שארל פּעגי און ער פּרוחט אפילו זיין דרייפוסארישן קאמף איינוויקלען אין א מיסטיש־קאטוילישן מאנטל. „אונדזער דרייפוס איז געחען א רעליגיע", האָט פּעגי שפּעטער געשריבן, און דער גאנצער קאמף פארן אמת אין דער אפערע איז פאר אים געחען א קאמף פארן קריסטלעכן אמת און גערעכטיקייט. אָבער אויך בערנאר לאזאר האָט זיך געשטעלט קעגן פּרווו צו פארחאנדלען דעם דרייפוסיזם אין בלויז פּאָליטישער דעמאגאָגיע; אויך פאר אים איז דאָס געחען א דעגענעראציע פון דער אפערע.[156]

נאָך אלע זיינע מוטיקע ארטיקלען און רעדעס קעגן אנטיסעמיטיזם; נאָך די אלע שטורמישע קאמפן בעת דער אפערע אין חעלכער ער האָט אזוי נאָענט אָנטייל גענומען, איז זשאן זשאָרעס גופא ווי א יחיד נישט ארויסגעקומען אויסגעלייטערט און אויף תמיד באפרייט פון דעם געפיל וואָס האָט ווייטער געהערשט אין געחיסע סאָציאַליסטישע קרייזן, אז יידן סימבאָליזירן מיט זיך דעם קאפּיטאליזם. דעם 22סטן יאנואר 1898 האָט זשאָרעס געשריבן אין <u>לא פּעטיט רעפּובליק</u> חעגן ע. זאָלאס בריוו, אז אונטער זאָלאס נאָבעלער און מוטיקער איניציאטיוו קריכט נאָך „די באנדע פון יידישע פּאראזיטן" וואָס דערחארטעט פון זאָלאן א רעהאביליטאציע... זאָלא דארף אכ־ ונג געבן, אז „דער יידישער קאפּיטאליזם זאָל נישט געווינען דאָס, וואָס דער קלע־ יקאלער מיליטאריזם חעט פארלירן". נישט לאנג נאָך זאָלאס בריוו איז זשאָרעס יעקומען אין דרייפוסארישן לאגער וו ער איז תיכף געוואָרן איינער פון די שטארק־ סטע קעמפער פארן דרייפוסיזם און פאר דער רעפּובליק.

דער אמתער זשאָרעס, נים דער פּאָליטיקער נאָר דער מענטש, האָט זיך צום ולטסטן ארויסגעחיזן בשייכות מיט א דיסקוסיע ארום דער שטעלונג פון קארל מארקס יו יידן.

דער אנטי־יידישער פאמפלעט „צו דער יודנפראגע" פון קארל מארקס (1844) יז איבערגעזעצט געוואָרן אין פראנצייזיש דורך הערמאן עווערבעק נאָך אין 1850, בער אָן שום אנטי־יידישן מיין און די איבערזעצונג איז אויך נישט באקאנט געחען חוץ צו געציילטע יחידים. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז דער אנטי־יידישער אמפלעט פון קארל מארקס האָט נאָך אין די 80ער יאָרן געהאט אן איינפלוס אויף יינציקע ארבעטער־טוער אין פראנקרייך. אָבער מ'האָט אין פראנקרייך כמעט נים דער־

מאַנט די דאָזיקע ארבעט פון קארל מארקס. אויב זי איז געווען באַקאַנט אין פראנק־
רייך, איז עס געווען בלויז צו יחידים. ערשט אין 1894, א האלב יאָר פאר דער
דרייפוס־אפערע האָט א פראנצייזישע צייטשריפט אָפּגעדרוקט אַן ארטיקל וועגן מארקסן
און ייִדן לויט אַן ארטיקל אין א דייטשער צייטשריפט. אַן אויסצוג פון דעם ארטיקל
האָט איבערגעדרוקט אויך די געדיסטישע צייטונג לע סאָסיאַליסט.[167] אין מיטן ברען
פון דער דרייפוס־אפערע (1898) איז די אנטי־ייִדישע שטעלונג פון קארל מארקס באַ־
קאַנט געוואָרן אין די ברייטע קרייזן א דאנק דעם אנארכיסט און אנטיסעמיט א.האמאָן
וועגן וועמען עס איז אונדז שוין אויסגעקומען צו שרייבן בשייכות מיט זיינע אנטי־
ייִדישע ארויסטרעטונגען נאָך פון פאר דער אפערע. א ציוניסטישע צייטשריפט האָט
אים כאראקטעריזירט ווי א „פריינד און פארהערער פון דרימאָנען". לויט דעם ייִדישן
אנארכיסט א. פרומקין איז ער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אנטיסעמיט נאָך איידער
ער איז אריבער צום אנארכיזם. בעת דער אפערע האָט האמאָן ווייטער פּראָפּאַגאַנדירט
קעגן ייִדן און קעגן אָנטייל פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין דער אפערע. „דער קאַ־
פּיטאליסטישער קלאס - האָט ער געשריבן - איז צעטיילט אין דריי גרויסע קאַפּיטאַ־
ליסטישע קליקעס: קאטוילישע, פּראָטעסטאנטישע, ייִדישע. אין דער דרייפוס־אפערע
זעט מען די ייִדישע און פּראָטעסטאנטישע קליקעס, וואָס זיינען מער ווייניקער פארבונדן,
באַקעמפן די קאטוילישע קליקע". די אנארכיסטישע צייטשריפט ל'הומאַניטעי נוּוועל
וואָס האמאָן האָט ארויסגעגעבן האָט געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון א דרייפוסאַ־
רישן „סינדיקאט" צו פינאנסירן די הוצאות פון דער קאמפּאַניע און אויך אין דער
עקסיסטענץ פון אַן אנטי־דרייפוסארישן „סינדיקאט". הן די ייִדן, הן דער גענעראַל־
שטאב, האָט געשריבן די צייטשריפט, פארמאָגן גענוג מיטלען צו פארטושן דעם אמת.
„דער אנטיסעמיטיזם איז א שרעקלעכער שונא פון די קאפּיטאַליסטן" - האָט געשריבן
האמאָן. „ווער עס אטאקירט צוליב זיין קאפּיטאַליזם איין קאַפּיטאַליסטישע קליקע
העלפט דערמיט דעם קאמף קעגן גאנצן קאַפּיטאַליסטישן קלאס". האמאָן האָט א סך גע־
שריבן, מ'האָט געדרוקט זיינע ארבעטן נישט נאָר אין דער אנארכיסטישער, נאָר אויך
אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. האמאָן איז געוואָרן נאָך מער אנטיסעמיטיש גע־
שטימט נאָכן אינטערנאציאָנאלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן וואָס האָט אויס־
געשלאָסן די אנארכיסטן (1896). ער האָט געגלויבט, אז אין דעם אויסשלוס זיינען
שולדיק געווען סאָציאַליסטן פון ייִדישן אָפּשטאַם און ער האָט זיך מיט ביטערקייט אויס־
געדריקט וועגן זיינע קעגנער (זינגער, אדלער א"אנד) וואָס „זיינען ייִדן און דאָס
פעלן פון טאקט איז איינע פון די כאראקטעריסטישע שטריכן פון דער ייִדישער ראסע".
האמאָן האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אז נישט אלע ייִדן זיינען קאַפּיטאַליסטן, אז עס
עקסיסטירט אַן אָרגאַניזירטער ייִדישער פּראָלעטאריאט. ער האָט עס אליין דערמאָנט אין

זיין באריכט פון דעם לאנדאנער סאציאליסטישן קאנגרעס. בים צוגרייטן זיינע אנ־קעטעס וועגן אנארכיזם האט ער זיך צונויפגעטראפן מיט יידישע אנארכיסטן. אין זיין צייטשריפט ל'הומאניטעי נוועל זיינען געווען געדרוקט ווארעמע אפרופן וועגן ל. סאלאוויטשיקס און ס. ר. לאנדאוס ארבעטן וועגן יידישן פראלעטאריאט. אבער דער אנטיסעמיטיזם האט נישט איין ארבעטער־פירער בלינד געמאכט (האמאן איז, פונקט ווי ס. בארעס, געווארן אויס אנטיסעמיט ערשט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914 - 1918. דער פאקט, האט ער געשריבן, אז יידן קעמפן אויף אלע פראנטן לייקנט קאטעגאריש אפ דעם יסוד פון אנטיסעמיטיזם. יידן שטעלן מיט זיך נישט פאר קיין געהיימען אינטערנאציאנאלן כוח. זיין לעצט ווערק וועגן קאפיטאליסטן אין פראנק־רייך (1936 - 1938) איז שוין נישט אנטיסעמיטיש).[158]

אין דעם טעארעטישן אנארכיסטישן ארגאן ל'הומאניטעי נוועל האט האמאן איבערגעדרוקט דעם אנטי־יידישן פאמפלעט פון קארל מארקס לויט דער פראנצייזישער איבערזעצונג פון 1850 מיט א באמערקונג, אז פראנצויזן קענען הייניק די דאזיקע ארבעט פון ק. מארקס. ער האט דערמיט געוואלט אפטאן א שפיצל די סאציאליסטישע דרייפוסארן: אט האט דאך קארל מארקס גופא כאראקטעריזירט דאס יידישע פאלק ווי א סינטעזע פון קאפיטאליזם. די ווערטער פון קארל מארקס פאמפלעט: „די סאציאלע עמאנסיפאציע פון ייד איז בכן די עמאנסיפאציע פון דער געזעלשאפט פון יידישן יאך" האבן טאקע צעטומלט א סך דרייפוסארן פון לינקס. די גאנצע אנטיסעמיטישע פרעסע האט תיכף אונטערגעכאפט האמאנס שפיצל. א פאריזער ציוניסטישע צייטשריפט האט יעמאלט געשריבן, אז „גארנישט איז געווען אזוי שטארק נישט אויפן ארט ווי דאס איבערדרוקן מארקס' פאמפלעט". דאס האט ארויסגערופן אזא טומל, אז זשאן זשארעס האט זיך געמוזט אפרופן בכדי צו פארטיידיקן קארל מארקסן. זשארעס האט עס אבער געטאן אויף א שטארק נישט פארזיכטיקן אופן. ער האט נישט נאר איבער־געחזרט די אנטי־יידישע אידייען פון קארל מארקס, נאר ער האט דערביי אויך ארויס־געוויזן, אז אין תוך איז ער אליין נישט פריי פון אנטיסעמיטישע געפילן. זשארעס האט געשריבן, אז „די סאציאלע קאנצעפציע פון יידן וואס שטיצט זיך אויף דער אי־דייע פון האנדל איז אין פולער הארמאניע מיטן מעכאניזם פון קאפיטאל". וועגן דרימאנס אנטיסעמיטיזם האט ער געשריבן: „דער סאציאליזם מיט אן אנטיסעמיטישער באפארבונג וואלט נישט ארויסגערופן קיין קעגנערשאפט ביי פריע גייסטער" (די דאזי־קע ווערטער פון זשאן זשארעס זיינען שפעטער אפט ציטירט געווארן אין דער אנטיסע־מיטישער ליטעראטור). זיין ארויסטריט אין דער פארטיידיקונג פון קארל מארקסן האט ארויסגערופן אן אמתע שמחה אין די אנטי־דרייפוסארישע קרייזן און פארביטע־רונג אין די יידישע און דרייפוסארישע קרייזן. א פאריזער ציוניסטישע צייטשריפט

האט געשריבן: „זשאָרעס, איבערפולט מיט דרך־ארץ פאר די ווערטער פון זײַן מײַסטער [ק. מאַרקס], האט אדאַפּטירט אָן שום אנאליז דעם שטאנדפונקט פון דעם סאָציאַליס־טישן נביא. פון דאנען אָן האט ער [זשאָרעס] פאטאל געמוזט פארקריכן אויף א קרומען וועג זיך צונויפצטרעפן מיט דרימאָנען. אזוי איז טאקע געווען, ווײַל ער האט זיך נישט אָפּגעהאלטן פון שרײַבן די ווערטער..." ד"ר קלוגמאַן, א פאריזער ציוניסטישער טוער, האט בשייכות מיט זשאָרעסעס ארויסטריט געהאלטן א רעפעראט אין פאריזער פארבאנד פון יידישע סטודענטן וועגן די פאראדאָקסן פון קארל מאַרקס' באַציונג צו יידן. בתשובה אויף זשאָרעסעס ארויסטריט האט בערנאר לאזאר אָפּגע־דרוקט זײַן באקאנטע ארבעט וועגן דער „סאָציאַלער קאָנצעפּציע פון יידישקייט און יידישן פאָלק". לאזאר האט געשריבן מיט פארביטערטקייט, אז ק. מאַרקס, ע. דרימאָן און זשאן זשאָרעס באטראכטן דעם קאפיטאליזם ווי א יידישע שאפונג. „מ'האט תמיד געפּאָרשט דעם ייד בלויז דורך דער פריזמע פון דער בורזשואַזיע. עס איז צײַט צו שטודירן דעם ייד און זײַן פראָלעטאריאט, א באמת שטארקע מאסע, וואס איז כאראקטער־ריסטיש פארן יידישן פאָלק". הגם יידישע קרײַזן האבן זיך באַציגן מיט רעזערוו צו געוויסע אויסדרוקן אין ב. לאזארס תשובה, האט די ציוניסטישע צײַטשריפט ל'עקאָ סיאָניסט געשריבן, אז עס איז „א מוטיקע תשובה אויף א בילבול וואס א מענטש וועלכער שטאמט אָפּ פון יידישן פאָלק, קארל מאַרקס, האט געהאָלפן פארשפּרייטן איבער דער וועלט". דערבײַ האט די צײַטשריפט באמערקט, אז ביז בערנאר לאזאר האט זיך נישט געפונען קיין אײן יידישער טוער אין דער ארבעטער־באוועגונג וואס זאָל האבן געענוג מוט אָפּצוליי קענען דעם בילבול פון קארל מאַרקס (דער אנטי־יידישער פאמפלעט פון קארל מאַרקס איז דערנאָך, אין 1903, איבערגעדרוקט געוואָרן אין צוויי סאָציאַ־ליסטישע צײַטשריפטן).159)

XXI. 1845 - 1945. אָנשטאָט א הקדמה.

דעם 12טן יולי 1906 איז דער משפט קעגן קאפיטאַן דרייפוס אנולירט גע־וואָרן און דערמיט איז די אפערע פארענדיקט געוואָרן מיט א דרייפוסארישן נצחון.

א דאנק דער אפערע איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן די געפאר פון א רעאקציאָ־נערן פוטש, עס איז דערמיגלעכט געוואָרן דאס אָפּטיילן אין 1905 די קירך פון דער רעגירונג און די רעאקציע האט געליטן א מפלה. די דרייפוס־אפערע האט נישט נאָר געראטעוועט די רעפובליקאנישע פרייהייטן אין פראנקרייך, זי האט אויך געראטעוועט גאנצע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג פון דעגענערירט צו ווערן ביז דער מדרגה פון א מין סאָציאַליסטישער באוועגונג מיט אן אנטיסעמיטישער טענדענץ. זשאָ־רעס האט געשריבן אין 1898, ווען ער איז שוין געווען אין דרייפוסארישן לאגער, אז

אין דער נישט גאנץ קלאָרער לאגע נאָכן פאנאמא־סקאנדאל האָט דער סאָציאליזם אזוי ווי א פארפלייצונג מיטגעצויגן אין זיינע רייען א מאסע פון אומבאשטימטע עלעמענטן. אין א געוויסן מאָמענט האָט דער סאָציאליזם ארומגענומען רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון פראָלעטאריאט און מענטשן מיט האלב־ראדיקאלע און אנטיסעמיטישע טענדענצן פון דעם קליינבירגערטום. „די דרייפוס־אפערע האָט גענויט זיך צו מאכן קלאָר און רייניקן. ער [דער סאָציאליזם] האָט דורך אן אָנשטרענגונג וואָס איז נישט געווען אָן פארדינסט און ליידן אָפּגעוואָרפן די אנטיסעמיטישע און נאציאָנאליסטישע עלעמענטן און איצט איז ער באמת דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאליזם". דער באקאנטער סאָציאליסט הובערט לאגארדעל האָט געשריבן (1899), אז איינע פון די וויכטיקסטע קאָנסעקווענצן פון דער אפערע איז געווען „די ריניקונג פון דער סאָציאליסטישער פארטיי, דאָס אָפּוואַרפן די נאציאָנאליסטישע און אנטיסעמיטישע עלעמענטן". די אפערע, האָט געשריבן די פראנצייזיש־יידישע צייטשריפט ארשיוו איזראעליט (1899), האָט געהאט פאר א רעזולטאט „דאָס אראָפּרייסן די מאסקע פון די קלעריקאלן וואָס האָבן זיך פארמאסקירט פאר סאָציאליסטן, אוועקצונעמען פון די ארבעטער זייערע לעצטע פאָראורטיילן און זיי באגייסטערן פאר דער הייליקער זאך פון יושר און רעכט".[160]
א דאנק דער אפערע איז צום סאָציאליזם געקומען א מחנה אינטעלעקטועלע און אויך די צאָל ארבעטער אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג האָט זיך פארשטארקט. דער סאָציאליזם האָט צוגויפגענומען די פרובטן פון קאמף פאר יושר, הגם נישט די גאנצע סאָציאליסטישע באוועגונג האָט זיך אנגאזשירט אין דעם קאמף. דער סאָציאליזם וואלט ארויס נאָך א סך שטארקער, אויב ער וואלט נישט געווען צעטיילט, אויב ער וואלט זיך אריינגעוואָרפן אין קאמף מיט אלע כוחות. די ליידן פון א יידישער משפחה און פון גאנצן פראנצייזישן יידנטום האָבן געראטעוועט גרויסע טיילן פון דער ארבעטער־באוועגונג פון א פולשטענדיקער דעגענעראציע אין די אָרעמס פון ע. דרימאָן און זיינע פריינד; זיי האָבן געעפנט די אויגן פון די ארבעטער־מאסן אויף דער געפאר וואָס דער אנטיסעמיטיזם שטעלט מיט זיך פאָר פארן קיום פון דער רעפובליק. דרייפוסעס טרערן האָבן געהאָלפן דער ארבעטער־באוועגונג זיך צו ליימערן און צו פארשטארקן זיך.

די דרייפוס־אפערע האָט אפיציעל אוועקגעשטעלט אנטיסעמיטיזם מחוץ דער ארבעטער־באוועגונג אין פראנקרייך און אויך אין אנדערע לענדער, א דאנק דער אפערע האָט די ארבעטער־באוועגונג אין פראנקרייך און אויך אין אנדערע לענדער זיך אָנגעהויבן ארויסזאָגן קעגן אנטיסעמיטיזם. דאָס הייסט נישט, אז מער האָט מען אין די ארבעטער־רייען שוין נישט געקענט באגעגענען קיין אנטיסעמיטישע ארויסטרעטן. אנטיסעמיטן אין דער ארבעטער־באוועגונג קען מען באגעגענען אויך נאָך דער דריי

פוס־אפערע, אָבער שוין א סך זעלטענער און נישט אזוי אָפן און אָפיציעל.

אין 1945 – פונקט הונדערט יאָר נאָך דעם ווי עס איז ארויס דאָס ערשטע סאָציאליסטישע אנטיסעמיטישע בוך אין פראנקרייך, געשריבן פון דעם פוריעריסט א. טוסענעל; חיבף נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט 6 מיליאָן ייִדן – איז אין פאריז ארויס א בוך פאררעטענע באפרייונג פון פיער הערוועי, א רעדאקטאָר פון דער קאָמוניסטישער טאָגצייטונג ל'הומאניטעי. טוסענעל האָט געוואָלט פירן דעם קאמף קעגן ייִדן צוזאמען מיטן קאמף קעגן פראָטעסטאנטן און די סען־סימאָניסטן, די רעליגיעזע און די אידעאָלאָגישע קעגנער פון טוסענעלס שול אין אוטאָפישן סאָציאליזם. פיער הערוועי וויל פאראייניקן דעם קאמף קעגן ייִדן מיטן קאמף קעגן די אידעאָלאָגישע קעגנער פון די קאָמוניסטן, די סאָציאליסטן. וועגן דער סאָציאליסטישער פארטיי שרייבט פיער הערוועי: „פון אן ארבעטער־פארטיי האלט זי ביים ווערן, לכל הפחות אין אירע הויכע קאדרען, א פארטיי פון דער ייִדישער אינטעליגענץ". ער זוכט אויך פארצוווארפן די ייִדן און דעם ייִדישן איינפלוס פארוואָס נישט אומעטום האָט מען ליב דעם ראטנפארבאנד, א לאנד וו אנטיסעמיטיזם ווערט באשטראָפט דורכן געזעץ.[161] אין דער זעלבער צייט זוכט בעווין, ענגלאנדס סאָציאליסטישער אויסערן־מיניסטער, צו פארשפרייטן דעם בילבול, אז די ייִדן וואָס זיינען על פי נס ניצול געווארן פון די דייטשע טויטלאגערן און זיי רייסן זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל זיינען גאָר סאָוועטישע אגענטן וואָס ווערן געשיקט צוצוגרייטן א באזע פאר א רוסישער אינוואזיע פון נאָענטן מזרח.

די אלע פאקטן וואָס כ'האָב דאָ דערציילט וועגן אנטיסעמיטיזם אין די ארבעטער־רייען (און איך בין נישט דער ערשטער וואָס טו עס), וועגן צוקוקן זיך גלייכגילטיק צום וווקס פון אנטיסעמיטיזם און דאָס וועלן אויסנוצן אנטיסעמיטיזם פאר דער ארבעטער־באוועגונג – די אלע פאקטן וועלן א סך לייענער אָננעמען בלויז ווי א טאקטיק פון טייל סאָציאליסטן; א סאָציאליסטישע טאקטיק וואָס איז אפשר געווען שעדלעך פאר ייִדן, אָבער דאָך בלויז א טאקטיק און נישט קיין אָפענער אנטיסעמיטיזם. (פונקט, למשל, ווי בעווינס פאָליטיק איצט זאָל זיין בלויז א טאקטיק פון א סאָציאליסטישן אויסערן־מיניסטער און נישט קיין אנטיסעמיטיזם). מיין פערזענלעכע מיינונג איז, אז די אלע פאקטן זיינען נישט בלויז קיין סימפטאָמען פון א שלעכטער טאקטיק פון טייל סאָציאליסטן – דאָס איז אנטיסעמיטיזם. אויב מען זאָל אפילו מסכים זיין דערמיט, אז דאָס איז בלויז געווען א טאקטיק – א שלעכטע סאָציאליסטישע טאקטיק, מוז מען דאָך קומען צום שרעקלעכן אויספיר, אז אין געוויסע מאָמענטן איז סאָציאליסטישע טאקטיק געווען שעדלעך פאר ייִדן. מיט דער דאָזיקער ארבעט האָב איך כלל נישט געצילט צו פרווון באווייזן, אז דער פראנצייזישער סאָציאליזם איז וו-

א גאנצע באוועגונג געווען אנטיסעמיטיש אָדער אז סאָציאַליזם זאָל האָבן געווען דער יסוד פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג אין פראנקרייך. ס'איז נישט געווען אזוי. דעם רוקנביין פון אנטיסעמיטיזם האָט פון תמיד אָן געשאפן די רעאקציע. איך האָב בלויז געוואָלט באווייזן, אז יחידים און גרויסע טיילן פון דער פראנצייזישער ארבעטער-באוועגונג האָבן אָפט מאָל געזינדיקט אין זייער באציִונג צו יידן.

די דאָזיקע ארבעט איז ווייט פון צו זיין פערפעקט, און דער מחבר ווייס עס. דער פראָבלעם <u>די באציִונג פון סאָציאַליזם צו דער יידן-פראַגע</u> איז א סך ברייטער און מען קען אים נישט איינצוימען אין די גרענעצן פון פראנקרייך. מען דאַרף דעם ענין באטראכטן אין פארבינדונג מיט ענלעכע געשעענישן אויך אין אנדערע לענדער, ווייל אנטיסעמיטיזם צווישן ארבעטער-טוערס האָט נישט עקסיסטירט בלויז אין פראנקרייך. א סך ענינים וואָס ווערן באריִרט אין דער ארבעט בלויז דורכגייענדיק פאָדערן ספעציעלע ברייטערע שטודיעס. די דאָזיקע ארבעט איז אָבער בלויז אן אָנהייב און נישט תמיד קען מען אין אן אָנהייב מיט א מאָל פארענטפערן אלע פראָבלעמען, בעיקר ווען טייל פון די פראָבלעמען קען מען נישט פארענטפערן בלויז מיטן ברענגען פאקטן. א פסיכאָלאָג וועט מסתמא טיילן פון די פראָבלעמען לייכטער קענען פארענטפערן ווי א היסטאָריקער. אזא איז, למשל, דער פראָבלעם פון שנאה צו יידן צווישן יידישע ארבעטער-טוערס. דער אנטי-יידישער פאמפלעט פון קאַרל מארקס ווערט דאָך, היסטאָריש גענומען, נאָך היינט צו טאָג פארטיידיקט פון יידישע מארקסיסטן. האָבן דאָך יידן אין דער „נאראָדנאיא וואָליא" געהאָלפן פארשפרייטן אן אנטיסעמיטישע פראָקלאמאציע; האָבן דאָך יידישע קאָמוניסטן געהאָלפן די אראבער בעת די פאָגראָמען אין ארץ-ישראל אין 1929. פאקטן פון דעם מין וואָלט מען געקענט ברענגען גאָר א סך. צי קען מען דען אָבער די אלע פאקטן וואָס אין רעזולטאט זיינען זיי אנטי-יידישע טאקטיק פון יידישע ארבעטער-קרייזן, פארענטפערן בלויז מיט דער פשוטער שכלדיקער אויסטייטשונג, אז זיי שטעלן די אינטערעסן פון דער וועלט-רעוואָלוציע העכער פון די יידישע אינטערעסן?

איך גיב זיך אָבער אָפ א חשבון, אז א גאָר גרויסער טייל לייענער וועט נישט נאָר נישט מסכים זיין מיט מיינע אויספירן און זיי האלטן פאר שעדלעך, נאָר וועט אויך צווייפלען אין די פאקטן, הגם איך גיב אומעטום אָן די מקורים. עס איז טאקע שווער תיכף צו באנעמען אפילו פאקטן פון דעם מין. בעיקר איז עס שווער פאר א מענטש וואָס האָט א גאנץ לעבן געטרויסט פון א וועלט פון יושר, און פון יושר אויך פאר יידן, וואָס וועט דערגרייכט ווערן דורך דעם אינטערנאַציאָנאלן סאָציאַליזם. מיר איז אויך שווער געווען תיכף צו באנעמען די אלע פאקטן. אָבער זיי זיינען דאָ, לייקענען קען מען זיי נישט, מעגן זיי ווי טאָן און פייניקן. איך האָב

געזוכט א זכות און געטראכט, פונקט ווי א סך לייענער וועלן זיכער טראכטן, אז די אלע ארבעטער־טוערס וואס איך האב דערמאנט און וועגן וועלכע איך שרייב, אז זיי זיינען געווען אנטיסעמיטן, זיינען גאר נישט געווען קיין סאציאליסטן, אדער אנארכיסטן. פאר א סאציאליסט, אדער אן אנארכיסט, האט זיך דאך יעדער איינער געקענט אנגעבן. אזא מין אופן פון טראכטן איז אבער א נאיווער אופן פון וועלן לייקענען פאר זיך אליין די פאקטן און אנטלויפן פון אמת. די דאזיקע אנטיסעמיטן אין דער ארבעטער־באוועגונג זיינען געווען סאציאליסטן. מען קען נישט לייקענען, אז ש. פוריע, א. טוסענעל און נאך אנדערע פוריעריסטן, פרודאן, ג. דישען, ג. טרידאן, ב. מאלאן, א. שיראק, א. רעניאר, ע. פיקאר, סעווערין, ק. הוגעס און אזוי פיל אנדערע סאציאליסטן מיט אנטיסעמיטישע שטימונגען זיינען, היסטאריש גענומען, יעדער איינער אין זיין תקופה, געווען סאציאליסטן, און אז אזוינע מענטשן ווי א. האמאן און אנדערע זיינען געווען אנארכיסטן. זיי פארנעמען א חשוב ארט אין די וויכטיקסטע געשיכטעס פון פראנצייזישן סאציאליזם, דהיינו: אין די געשיכטעס און ענציקלאפעדיעס פון פראנצייזישן סאציאליזם פון ב. מאלאן, זשאן זשארעס, ק. מארעל, שארל ראפאפארט, א. זעוואעס, פ. לוי און אנדערע.[162] דאס וואס פאר 1905 האט נישט עקסיסטירט קיין איינהייטלעכע סאציאליסטישע פארטיי אין פראנקרייך איז נישט וויכטיק. די יעניקע וואס זיינען מארקסיסטן וועלן מסתמא פרווון אפווענדן דעם סאציאליזם פון די אנטיסעמיטן אין דער ארבעטער־באוועגונג מיט דער טענה, אז זיי זיינען נישט געווען קיין מארקסיסטן. אן ארטאדאקסישער מארקסיסט – א סאציאליסט, אדער א קאמוניסט – וועט תיכף פסקענען, אז אלע וואס כ'האב דא געשריבן איז בלאטע. טוסענעל, שיראק, מאלאן און די אנדערע אנטיסעמיטן זיינען נישט געווען קיין סאציאליסטן, ווייל זיי זיינען נישט געווען קיין מארקסיסטן. אבער די פראגע איז, צי מארקסיזם קען זיין דער קריטעריום וואס זאל באשטימען עמעצנס אנגעהעריקייט צום סאציאליזם. אגב וואלט מען צוערשט געדארפט געפינען א גענויעם קריטעריום וואס זאל אויך איצט קענען באשטימען גענוי ווער עס איז א מארקסיסט. לויט די סאציאליסטן זיינען די קאמוניסטן פאשיסטן און לויט די קאמוניסטן זיינען גאר די סאציאליסטן פאשיסטן. דער היסטאריקער מוז ארויסגיין פון דעם שטאנדפונקט, אז דער סאציאליזם איז נישט אויפגעקומען מיט א פארטיקן פראגראם. עס האבן גענומען דורות פון פארשיידענע סאציאליסטישע שולן ביז עס איז דערגאנגען צו דעם היינטיקן סאציאליזם – סאציאליזם לויט דעם ווי יעדער איינער פאסט אים אויף. פרווון לייקענען, אז שארל פוריע און זיינע תלמידים, די פרודאניסטן, מאלאן און זיינע אנהענגער און אנדערע זיינען געווען סאציאליסטן בלויז דערפאר, ווייל זיי האבן געפירט אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, וואלט געהייסן אפלייקענען

גאנצע תקופות אין דער געשיכטע פון פראנצייזישן סאציאליזם.

די דאזיקע ארבעט צילט נישט צו פירן קיין שום פראפאגאנדע קעגן סאצי־
אליזם. איך מיין בלויז, אז זייענדיק א סאציאליסט (א ײדישלעכער סאציאליסט)
דארף איך ראשית כל און תמיד געדענקען, אז איך בין א ײד און איך דארף אכטונג
געבן נישט מקריב צו זיין די אינטערעסן פון מיין פאלק אין די אינטערעסן פון אן
אינטערנאציאנאלער באוועגונג וואס טיילן פון איר האבן זיך אפט פארזינדיקט קעגן
אונדז ײדן און קענען זיך נאך פארזינדיקן - הלוואי זאל דערצו נישט דערגיין.

בערלין יולי - נאוועמבער 1945
ניו־יארק 1947.


EDMOND PICARD

L'Aryano-Sémitisme

BRUXELLES
Paul LACOMBLEZ, Éditeur
31, RUE DES PAROISSIENS, 31

MDXXXIIIX
TOUS DROITS RÉSERVÉS

EDMOND PICARD
AVOCAT A LA COUR DE CASSATION DE BELGIQUE

SYNTHÈSE
DE
L'ANTISÉMITISME

La Bible et le Coran
Les Hymnes Védiques
L'Art arabe
Les Juifs au Maroc

BRUXELLES
Vve FERD. LARCIER
22, RUE DES MINIMES

PARIS
ALBERT SAVINE
12, RUE DES PYRAMIDES

1892

ע. פיקארס אנטיסעמיטישע ווערק
(זען ז' 51).

הערות.

אפּקירצונגען:

<u>AI</u> - <u>Les Archives Israélites</u> (Paris).

<u>HN</u> - <u>L'Humanité Nouvelle</u> (Paris).

<u>JO</u> - <u>Journal Officiel</u> (Paris).

<u>JSS</u> - <u>Jewish Social Studies</u> (New York).

<u>LP</u> - <u>La Libre Parole</u> (Paris).

<u>RS</u> - <u>La Revue Socialiste</u> (Paris).

<u>SN</u> - <u>La Société Nouvelle</u> (Paris-Bruxelles).

<u>UN</u> - <u>L'Univers Israélite</u> (Paris).

1) Z. Szajkowski, "The Jewish Saint-Simonians and socialist antisemites in France", <u>JSS</u>, IX (1947) 33 - 46. - Charles Fourier, <u>La Fausse Industrie</u> (Paris 1836) G 3,224, H 3. - Edmund Silberner, "Charles Fourier on the Jewish Question", <u>JSS</u>, VIII (1946) 245-66. - Ibid, "The Attitude of the Fourierist School toward the Jews", <u>Ibidem</u>, vol.IX (1947) 357, 360. - Israél Schapira, <u>Der Antisemitismus in der französischen Literatur. Edouard Drumont und seine Quellen</u> (1934) 66-67. - F.Muckle, <u>Geschichte der sozialistischen Ideen im 19. Jhdt</u>, I, 110-111. - Ibid, <u>Die grossen Sozialisten</u> (Berlin 1920) I, 82-83. - <u>Encyclopädia Judaica</u>, II, 1078-88; - W.I.Grabski, <u>Karol Fourier</u> (Warzawa 1928) 68, 94, 144-45.

2) August Colin, <u>La Phalange</u>, 9/X/1840. - Emile Bourdon, <u>Ibidem</u>, 3/V/1843.

3) Abbé Pierre Fernessole, <u>Les Origines littéraires de Louis Veuillot</u> (Paris 1922) 169.

4) A. Toussenel, <u>Les Juifs rois de l'époque. Histoire de la féodalité financière</u> (Paris 1945).

אין א באריכט אויפן אינטערנאציאָנאלן אנארכיסטישן קאָנגרעס אין פאריז (1900) ווערט דערמאָנט אן אויסגאַבע פון 1836, וואָס איז נישט מיגלעך. זען:

Le Groupe des E.S.R.I., <u>Antisémitisme et Sionisme</u> (Paris 1900) 2.

אן אויסגאַבע פון 1841, וואָס איז אויך נישט מיגלעך, ווערט דערמאָנט ביי:

Jules Guerin, <u>Les Trafiquants de l'antisémitisme</u>, 265

שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון טוסענעלס בוך, דערונטער אין דייטש:

1847 (vol. 2); - 1863 (cf. Roger Lambélin, <u>L'impérialisme d'Israél</u> [Paris 1924] 306. - 1886; 1887 (cf. O.Lorenz, XII, 987); <u>Das Königthum der Juden in Frankreich, oder Geschichte der Finanz-Feudalherrschaft. Erstes Heft. Constitutioneller Staatshaushalt</u> (Erfurt 1851).

5) Chevalier Malet, <u>Recherches historiques et politiques qui prouvent l'existence d'une secte révolutionnaire, son antique origine...</u> (Paris 1817). - Rénault Becourt, <u>Conspiration universelle du judaisme...</u> (1835, preface only). - Clavel, <u>Histoire pittoresque de la franc-maçonnerie</u> (Paris 1843).

פאר מערערע ווערק פון דעם מין זען:

Paul Fesch, Joseph Denais et René Lay, <u>Bibliographie de la Franc-Maçonnerie et des sociétés secrètes</u>, vol. I-II (Paris 1912-1913).

6) Théophile Hallez, <u>Les Juifs en France, leur état moral et politique</u> (Paris 1845).

7) Abbé Louis A. Chiarini, <u>Théorie du judaisme</u> (Paris 1830); - Ibid, <u>Le Talmud de Babylonie</u> (Leipzig 1831). - Louis Veuillot.

8) <u>Le Travail Affranchi</u> (4/II/1849) 5. - <u>Al</u> (1864) 804. - J.Czynski, <u>Le Réveil d'Israél</u> (Paris 1848) 130, 136. 155. - <u>Le Popu-</u>

laire de 1841 (16/VIII/1845, supplément; 27/IX/1846). - Victor Considérant, Démocratie Pacifique, 31/I, 11/VII/1847. - Ibid, Destinée sociale, 2e ed., II (Paris 1849) 43. - Démocratie Pacifique, 7,18/VIII/1845, 17/II/1847. - La Phalange, II (1845) 158. - F.Vidal, De la répartition des richesses (Paris 1846) 177.

9) Théodore Dézamy, L'Organisation de la liberté (Paris 1846) IX-X. - cf. E. Silberner, "The Attitude...", 347-351.

10) Z. Szajkowski, o.c., 50-55. - M.(I.B.H.) Capéfigue, Histoire des grandes opérations financières (Paris 1855-1860) IV, 132-133. אנדערע בײכער אין גײסט פון קאפעפיגן: L[ouis] Rupert, L'Eglise et la Synagogue (Paris-Tournai 1859). - J. A.M. Crétineau-Joly, Histoire du Sonderbund (Paris 1850). - L'Eglise romaine avant la révolution (Paris 1863). - Kauffmann et Cherpin, Histoire philosophique de la Franc-Maçonnerie (Lyon 1854). Gougenot de Mousseau, Le Juif et judaisme et la judaisation des peuples chrétiens (Paris 1869); 2me édition publiée par Charles Chauliac 1886. - Bibliographie catholique, vol. XLIII (1870) 211-215. - Polybiblion, V (1870) 186-188. - A. Delaporte, "Le juif d'après Gougenot de Mousseau", L'Univers, 1/VIII/1885. - Edouard Drumont, La France juive (Paris 1886) I, 346, 350-51. - Schapira, op.cit., 32-33. - Drumont, "Toussenel", Les Héros et les pitres, (Paris 1901) 267-273. - Guérin, Les Trafiquants de l'antisémitisme, 265. - Le Comte (G.I.E.) Yvert, Les Juifs et la propriété (Paris 1884); 2nd edition, 1901, 14-15. - Drumont, La France juive devant l'opinion, 15, 71. - Louis Thomas, Alphonse Toussenel, socialiste national, antisémite. 2e ed. (Paris 1941).

11) Auguste Chirac, Les Rois de la République. Histoires des juiveries (Paris 1886) 2 vols. - RS (1885). No. VI, 478-79. - "Extrais du catalogue de la librairie de la Revue Socialiste", Ibidem, XV (1892) 123. - B. Malon, "La question juive", Ibidem (VI/1886) 506. - M.I. Levaillant, La Genèse de l'antisémitisme sous la Troisième République (Paris 1907). - Toussenel, I (1847) II-IV, XVII.

12) P.-J. Proudhon, "Mélanges", Oeuvres complètes, XVII, 31; - Ibid, Résumé de la question sociale (Paris 1848) 36; - Ibid, Si les traités ont cessé d'exister?, 9; - Ibid, Correspondance 7/IX/1853, 20/X/1858, 29/I, 14/XII/1862. - Ibid, Confessions d'un révolutionnaire (éd. 1929) 97. - Ibid, La guerre et la paix (Paris 1861). - Léon Abensour, "P.-J. Proudhon et la Pologne", Grande Revue, CIII (1920) 3-15. - J.S. Schapiro, "Pierre Joseph Proudhon, Harbinger of Fascism", American Historical Review, I (1945) 714-737. - Willibald Schulze, "War Proudhon Anarchist?", Deutschlands Erneuerung (I/1939) 14-21. - Louis Bernard, L'Antisémitisme démasqué (Paris 1894) 93, 156. - Edmond Picard, La Grande Revue, LIII (1909) 143. - Bouglé, La Sociologie de Proudhon (Paris 1911) VIII. - Léon Daudet, Flammes (Paris 1930) 74. - Georges Duchêne, L'Empire industriel... (Paris 1869). - Ibid, La Spéculation devant les tribunaux... (Paris 1866). - Ibid, Etudes sur la féodalité financière (Paris 1867).

13) A. Regnard, RS, V (1887) 499-500. - G. Tridon, Le Molochisme juif (Bruxelles 1884).

14) Eugène Fournière, "Le nationalisme, lettre à M. Jules Soury", RS, XXXVI (1902) 23. - Kadimah (Paris), 15/II/1898. - Louise Michel, "Le Rêve", in Constant Martin, Inquisition et antisémitisme (Paris 1898) 59. - Le Rothschild. Organe de la classe dirigeante [London], No. 1-3, 15/VI - 15/VII/1891. - Le Père Peinard, I, No. 8 (14/IV/1889), No. 9 (21/IV/1889), II, No. 55 (30/III/1890). - La Misère, 24/IX - 8/X/1892.

15) Bernard Lazare, L'Antisémitisme, son histoire et ses causes, II (Paris 1894) 285-286. - Charles Braibant, Du Boulangisme au Panama. Le secret d'Anatole France (Paris 1895) 52.- Le Père Peinard, II, No. 58 (20/IV/1890) 10.

16) Figaro, 6/XII/1857. - AI, IX (1858) 35; XVIII (1851) 322. - Armand Ephraim, "La question juive en 1848", in La Gerbe (supplément au No.3 des Archives Israélites, 13/II/1890) 32. - AI, VIII (1847) 32.

17) Robert Anchel, "Sur l'histoire des juifs en France", Cahiers Juifs (1936) No. XIX, 33.

18) ש. פרידמאן [ז. שײקאָװסקי], „די רעװאָלוציע פון 1848 און די אינע־װײניקסטע קאמפן אין פראנצײזישן ײדנטום", ײדן אין פראנקרײך, I (ניו־יאָרק 1942), 210 - 211.

Z. Szajkowski, "The decline and fall of Provençal Jewry", JSS, VI, No. 1 (1944) 43-47. - Ibid, "The growth of the Jewish population of France", Ibidem, VIII, No.4 (1946) 306-307. - Ibid, "The Jewish Saint-Simonians and socialist antisemites in France", Ibidem, IX, No. 1 (1947) 57.

19) Auguste Chirac, N'éveille pas ma fille. Comédie en un acte, en vers.... (Paris 1872). - Ibid, Le Pêché de mon oncle, comédie-vaudeville en un acte (Paris [1874]).

20) Ibid, La Haute banque et les révolutions (Paris [1876]). - Ibid, Les Mystères du crédit. I. Le Crédit foncier de France (Paris [1876]).

21) Jacques Prolo, Le Communisme devant le Parti Ouvrier (VIIIe Congrès) [Paris] 7. - Ibid, La Caverne antisémite (Paris 1902) 2. - E. Drumont, Le Testament d'un antisémite, 135-136.

22) A.Chirac, Les Rois de la République. Histoire des juiveries. Ed. P. Arnould (Paris 1883); Ed. La Revue Socialiste (Paris 1887); Ed. Denton et Dalon (Paris 1888-1889). - RS, II (1885) 769; III (1886) 192. - A.Chirac, L'Agiotage sous la Troisième République (Paris 1888). - Ibid, "Rothschild et l'encaisse de la banque", Egalité, 24/I/1890. - Ibid, Où est l'argent (Paris 1891). - Albert Savine, "Auguste Chirac", Revue d'art dramatique, vol. XVIII (1903) 334-355. - P.Quevallier, RS, VI (1887) 221-222. - Journal des Débats, 2/VII/1887. - AI, XIL (1888) 411. - A.Chirac, RS, VI (1887) 87; VII (1888) 526. - LP, 15/V/1893. - F.Bournard, Les Juifs..., 227.

א. שיראק האָט צוגעגרײט אן אנדער בוך קעגן ײדן װאָס איז אָבער נישט ארױס: Les Rois de la République, probita (épopée).

23) B.Malon, Le Socialisme integral, I - II (Paris 1890-1891). - Charles Rappoport et Compère-Morel, Un peu d'histoire... Encyclopédie Socialiste, I (Paris 1912) 475-485. - Marcel Prélot, L'évolution du socialisme français, 1789 - 1934 (Paris 1939) 103-107. - Elie Peyron, "Le monument de Benoit Malon", Mémoires de l'académie de Nimes, XXXVI (1913) 40. - P. Argyriadès, Almanach de la question sociale (illustré) pour 1895 (Paris) 102. - B.Lazare, "L'Oeuvre nécessaire", Le Courrier Social illustré 16/XI/1894. - G.Deville, Principes socialistes (Paris 1896) XX - XXVIII. - T. de Wyzewa, Le Mouvement socialiste en Europe (Paris 1892) 23-37. - Charles Vérecque, Dictionnaire du socialisme (Paris 1911) 251-252. - L'Avenir Social, II (Bruxelles 1897) 328.

24) Edouard Drumont, La France juive, I - II (Paris 1886).

25) Ibidem, I, 346. - JO, 14/VI/1898.

26) Jean Drault [Alfred Gendrot], Drumont (Paris 1935) 35, 76. - B.Malon, Le Socialisme intégral, I (Paris 1891) 207. - George Gandy, Bibliographie catholique, LXXIV (1886) 38-39. - [Terrail, Gabriel] Mermeix, Les Antisémites en France (Paris 1892) 8. - B.Lazare, Contre l'antisémitisme, histoire d'une polémique (Paris 1896) 4. - LP, 11/VI/1908. - Georges Sorel, La Révolution Dreyfusienne (Paris 1909) 50. - Le Figaro 13/IV/1891. - F.Bordé, La Société Nouvelle, VII (1891) 417-418. - Marquis de la Tour du Pin, La Question juive et la révolution sociale (Paris) 19. - E.Drumont, La Fin d'un monde, étude psychologique et sociale (Paris 1889). - Ibid, La Dernière bataille, nouvelle étude psychologique et sociale (Paris 1890). - Ibid, Le Testament d'un antisémite (Paris 1891). - Ibid, Le Peuple juif (Paris 1900).

27) E.Drumont, Le secret de Fourmies (Paris 1892). - Le Socialiste, 6/III/1892. - La Révolte, organe communiste anarchiste. Supplément littéraire, 19-25/III/1892. - J.Tchernoff, De l'Affaire Dreyfus au Dimanche Rouge à Saint-Pétersbourg (Paris 1937) 27. - A.Zévaès, La fusilade de Fourmies (Paris 1936) 52. - Charles Brainbant, "L'année de Fourmies (1891)", Commune, No.27 (1935) 296-309. - Mermeix, o.c., 69. - R.Viau, Vingt ans d'antisémitisme (Paris 1910) 75-76. - LP, 11/I/1894. - Libre Parole Illustrée 18/XI/1893. - Monsignor Alfred Baudrillard, Vie de Monsignor d'Hulst, II (Paris 1925) 405-517. - Jean Grave, Le Mouvement libertaire sous la 3e République (Paris 1930) 146. - "Malato & Drumont", L'Endehors, 22/V/1892.

28) Jacques de Biez, La Question juive (Paris 1886) 3, 11. - Drault, o.c., 36-37.- La Vieille France, No 149 (1919).

29) Morès [et Gaston Vallée], La Fête du travail, le Ier mai 1890. Aux travailleurs (Paris 1890). - Morès & ses amis, Rothschild, Ravachol & Cie (Paris 1892). - Ibid, Lettre au peuple (Paris 1894). - Jules Guerin, Les Trafiquants de l'antisémitisme (Paris 1905) 10-11. - Charles Droulers, Le marquis de Morès (Paris 1932) 92-93, 98-99, 101, 108-109, 116, 119-124, 146. - Henry de Bruchard, "Un héros de l'antisémitisme, le Marquis de Morès", La Revue critique des idées et des livres, XIII (1911) 279. - Mermeix, o.c., 61. - R.Viau, o.c., 43. - Sylvain Humbert, Les Possibilistes (Paris 1911) 61. - Etienne Chichet, Feuilles volantes (Paris 1935) 66. - Le Socialiste, 26/XII/1891. - L'Assaut, 20, 27/IV/1890. - Le Prolétariat, 3/V/1890. - L'Impartial de l'Est, 11/IX/1895 .- J. Drault, in La Vieille France, No 154-155.

30) Albert Savine, "Auguste Chirac", Revue d'art dramatique, XVIII (1903) 334-355. - Ibid, "La Question juive en 1789-1790", Nouvelle revue rétrospective (1899) 145-168. - Ibid, Préface to: Kalixt de Wolski, La Russie juive (Paris 1887). - Revue du monde catholique (1886) 488, (1893) 123-125. - G.Darien, Les Anti-Sémites. Les Pharisiens (Paris 1891). - P.Lombard, Au Berceau du socialisme (Paris 1932) 241-253. - Georges Corneilhan, Juifs et opportunistes. Le Judaisme en Egypte et en Syrie (Paris 1889). - A.Béchaux, "La Question juive en France d'après les faits économiques", Correspondant, CLXXII (1893) 428. - Le Père Peinard, V, No.223. - Albert Monniot, Que faire? Réponse d'un antisémite (Paris 1903). - Des Fontenelles, Le Clergé français dans le passé et dans le présent (Paris 1892). - Lemire, La Libre Parole illustrée, 22/VIII/1896. - JO, 14/VI/1898, p.1783. - Drumont, Congrès National de la Démocratie Chrétienne...1896, 289. - J.E.Millot, Aux Prolétaires de France (Asnières 1889). - Drault, o.c., 31, 40. - Viau, o.c., 13-14. - Wł.Mickiewicz, Pamiętniki, I (Warszawa 1926) 155. - Yves Guyot, La Comédie socialiste (Paris 1897) 193. - AI, LI (1890) 145-146. - G.Suarez, Briand, I, 170-179, 216-218.

31) Alvan Francis Sanborn, Paris and the social revolution (Paris 1905) 171. - Lucien Pemjean, Propos socialistes. Le socialisme expérimental (Paris 1881). - Ibid, Propos socialistes. Plus de frontières (Paris 1884). - Ibid, Cent ans après 1789-1889, Précédé d'une lettre du général G.E.J.M.Boulanger (Paris 1889). - Ibid, La Maffia judeo-maçonnique (Paris 1934). - Ibid, La Presse et les Juifs depuis la révolution jusqu'à nos jours (Paris 1941) 27.

32) Adolphe Tabarant, Socialisme et antisémitisme (Paris 1898)3. - Le Premier Mai, 1/V/1893. - A.Tabarant, Petit Catéchisme socialiste (Paris 1893) . - J.Jaurès, cf: François Bournard, Les juifs et nos contemporains (Paris 1898) 99-100. - Eugène Fournière, "Le nationalisme, lettre à M.Jules Soury", RS, XXXVI (1902) 23. - cf. RS, VII (1888) 517.

33) Le Groupe des E[tudiants] S[ocialistes] R[évolutionnaires] I[nternationalistes] de Paris, Antisémitisme et Sionisme [Rapport présenté au Congrès ouvrier révolutionnaire international (Paris 1900)] 1, 8. - Vte de Colleville, "L'Antisémitisme et les droits de l'Homme", HN, III (1894) 346. - Poignée de vérités sur le socialisme,

ses chefs, ses meneurs et ses truqueurs (Paris 1890).

